STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00097

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Sidney & Helen Katz
in memory of
Morris & Rosa Miller and Theodore & Dora Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום-עליכם אין יאָהר 1877

אַלע ווערק פון שלום-עליכם

פונ׳ם יאַריד

לעבענסבאשרייבונגען

ערשטעם בוך

שלום-עליכם פאָלקס-פאָנד אויסגאַבע — ניו-יאָרק, 1923

(Sholom-Aleichem), New York, N. Y.
Copyright, 1923, by Olga Rabinowitz

פונ׳ם יאריד

לעבענסבאשרייבונגען

ערשטעס בוך

געשריבען אין די יאהרען 1913—1916.

אינהאלט

מיינע קינדער — א מתנה ... 7
די געשיכטע פונ'ם בוך „פונ'ם יאריד" אין קורצען ... 9
פאר וואס עפּיס „פונ'ם יאריד"? ... 15
די שטאדט ... 19
טאטע־מאמע ... 23
שמואליק דער יתום ... 28
אוצרות ... 32
דער רב אין גן־עדן ... 36
שמואליק ווערט פארשוואונדען ... 41
מאיר מעדוועדעווקער ... 45
פארליירען נאך א חבר ... 50
חבר סירקא ... 54
סירקא'ס טראגעדיע ... 59
דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע ... 63
גנבה, קארטענשפּיעל און אנדערע עבירות ... 68
פייגעלע־אשמדאי ... 73
דער ליץ ... 78
די משפּחה ... 83
דער פעטער ניסעל און די מוהמע האדעל ... 87
פּינעלע שימעלע'ס פאהרט קיין אדעס ... 94
משנה מקום — משנה מזל ... 104
דער עולם צעקריכט זיך ... 110
נערנעלע־גנב ... 115
מאיר־וועלוועל בעל־עגלה מיט זיינע „סוסים" ... 122
זייט געזונט, ווארונקא! ... 129
די נסיעה ... 136
אין דער נייער היים ... 143
די גרויסע שטאדט ... 149
בין־הזמנים ... 156
מלמדים און לעהרערס ... 163
דער גמרא־מלמד ... 169
דער אמאליגער „חדר" ... 174
די בר־מצוה ... 180
דער „בחור" ... 189
די ערשטע ליעבע ... 195
די חלירע ... 201
די שבעה־זיצערס ... 209
ביי'ם דניעפּער ... 216
אויפ'ן פּאראם ... 222
אין באהסלאוו אויף דער „טאראהאוויצע" ... 227
א שענער ברוך־הבא ... 232
צווישען פעלצען ... 236
א איד א פויגעל ... 242
ימים נוראים ... 247
סוכות ... 254
אוים יום־טוב — צוריק אהיים ... 260

מײַנע קינדער —

אַ מתּנה.

טײַערע ליבע קינדער מײַנע —

אײַך װידמע איך דאָס װערק פֿון מײַנע װערק, דאָס
בוך פֿון מײַנע ביכער, דאָס שיר השירים פֿון מײַן נשמה.
איך װײס, אַז מײַן בוך איז, װי יעדעס מענטשנס װערק, ניט
ריין פֿון חסרונות. נאָר װער נאָך װײס אַזױ װי איר װאָס
עס קאָסט מיך? איך האָב אױסגעגאָסן און אַרײַנגעלײגט
אין דעם דאָס בעסטע װאָס איך פֿאַרמאָג — מײַן האַרץ.
לײענט דאָס פֿון צײַט צו צײַט. אפֿשר װעט איר, אָדער
אײַערע קינדער, געפֿינען עפּעס לערנען — װי אַזױ ליב צו
האָבן אונדזער פֿאָלק און צו שאַצן זײַנע גײַסטיקע אוצרות
װאָס ליגן צעװאָרפֿן אין אַלע פֿינסטערע װינקלעך פֿון
אונדזער גרױסן גלות אױף דער גרױסער װעלט. דאָס
װעט זײַן דער בעסטער לױן פֿאַר מײַנע [illegible] יאָריק
געטרײַע אַרבעט אױפֿן פֿעלד פֿון אונדזער מאַמע־לשון
און ליטעראַטור —

אײַער פֿאָטער — דער פֿאַרפֿאַסער

[illegible]

נױ־יאָרק, 1916

די געשיכטע פונ׳ם בוך „פונ׳ם יאַריד“ אין קורצען.

דער מזל פון אַ בוך איז ווי דאָס גליק פון אַ מענטשען. עס באַדאַרף פריהער פאַרשוואַרצט ווערען, דורכגעהן אַלע שבעה מדורי גיהנום, ביז עס דערזעהט די ליכטיגע וועלט.

דאָס בוך „פונ׳ם יאַריד“ איז נאָך נישט אַלט קיין טאָג. עס איז ערשט היינט אַרוים פון דרוק — און האָט שוין הינטער זיך אַ גאַנצע היסטאָריע. ערלויבט מיר זי אייך דערצעהלען אין קורצע ווערטער.

דער ערשטער, וואָס האָט מיר אויפגעגעבען די אידעע ברייט און אַלזייטיג צו באַשרייבען די פאַרגאַנגענע פופציג-יאָהריגע עפּאָכע פון אונזער אידישען לעבען אין גלות, איז דוקא אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר, אַ איד, וועלכען דער פאַר־שטאָרבענער משורר י. ל. גאָרדאָן האָט געקרוינט מיט׳ן נאָמען „קורא נכבד“. איהם קען די גאַנצע וועלט. ער איז אונזערער איין אַדעסער משכיל, היינט אין אַמעריקע, אַ ליעבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, און זיין אמת׳ער נאָמען איז אברהם אליהו לובאַרסקי. ווי איין עכטער חסיד און איין אמת׳ער גוטער פריינט, איז ער פאַר עטליכע יאָהרען געקומען צו מיר ספּעציעל אין דער שווייץ און אויפגעגעבען מיר אַ פּלאַן: היות אַזוי ווי איך האָב דורכגעמאַכט אַ גאַנצע עפּאָכע און בין אויסגעוואַכסען, קאָן מען זאָגען, איינאיינעם מיט דער אידישער פאָלקס-ליטעראַטור, — טאָמער וואָלט איך

גענומען אויף זיך די טרחה צו פארקערפערען די אויבענ־דערמאנטע עפּאָכע אין דער פאָרם פון א גרויסען ראָמאן?

די אידעע איז מיר ארײן אין קאָפּ. און איך האָב זיך גענומען צו דער ארבייט, נאָר אין איין אנדער פאָרם. אין דער פאָרם פון איין אויטאָביאָגראפיע, אָדער ראָמאן־ביאָגראפיע.

עס איז אװעק עטליכע יאָהר ארביים. דאָס בוך האָט גענומען װאַכסען א קאפּיטעל נאָך א קאפּיטעל. נאָר װאָס קומט ארויס? א בוך האָט פיינט ליגען. א בוך האָט ליעב, אז מע דרוקט עס און מע לייענט עס. ס'איז געקומען צום דרוקען — איז ניטאָ וואו. דרוקען אויף אייגענע אחריות — פעהלט א אידישען מחבר פאָדעם. דרוקען אין א זשורנאל — איז די אידישע ליטעראטור נאָך ניט אויסגעוואַכסען, זי זאָל האָבען א מאָנאטשריפט, ווי ביי לייטען*. עטליכע מאָל האָב איך די ארבייט מיט א ביטער הארץ געמוזט אװעקלעגען. אזוי האָט זיך עס געצויגען, ביז איך בין מגולגל געוואָרען מיט'ן צווייטען גלות אין אמעריקע. און אָט איז ערשט אװעק איין יאָהר, האָב איך שוין „אריבערגעמופט" מיט'ן „יאריד" אין א צווייטע וואוינונג. און ערשט אָט דאָ האָט די „וואַרהייט" געפונען פאַר ראציאָנאַל די ערשטע צוויי טייל „פונ'ם יאריד" ארויסגעבען אין א באזונדער בוך־פאָרם אין צוויי בענדער.

זעהען די געדאנקען געדרוקטערהייט אין בוך־פאָרם, באקומט דער פארפאסער מעהר מוטה אויף צו געהן ווייטער זיין וועג, וועלכען ער האָט אויסדערוועהלט. און דער וועג

---

* אין ארוגינאל קומען דא עטליכע איבערגעשטראכענע שורות, וועלכע לייענען זיך דייטליך אזוי: „בלייבט איבער ווידער א מאל א גאזעט און אבער א מאל א צייטונג. זאגען די ווארשעווער צייטונגען, אז זיי האבען קיין פלאץ ניט פאר גרויסע ווערק. פעליעטאנען גיט זיי, סקיצען, נאוועלען".

אנמערקונג פון י. ד. בערקאָוויטש.

איז נאָך געגוג גרויס. די עפּאָכע הויבט ערשט אָן צו צע־וואַכסען זיך, די בילדער הויבען ערשט אָן צו וועבען זיך, די געשעהענישען הויבען ערשט אָן צו אַנטוויקלען זיך, און געשטאַלטען פון מענטשען לאַנג־פאַרשוואונדענע, און טיפען פון פאַרשוינען נאָך לעבעדיגע און גאַנץ בכבוד׳ע בעטען זיך אויף פאַפּיער...

לאָמיר האָפען, אַז מיר וועלען דערפיהרען אונזער אַרבייט ביז צו אַ מעגליכען סוף.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

פעברואַר 1916. ניו־יאָרק.

ערשטער טייל

צו וואס ראמאנען,
ווען דאס לעבען איז א ראמאן?

1

פאר וואס עפּיס „פונ׳ם יאריד״?

א מין הקדמה. — פאר וואס דער מחבר האט זיך גענומען שרייבען זיין אויטאביאגראפיע. — שלום־עליכם דער שרייבער דער־צעהלט די געשיכטע פון שלום־עליכם דעם מענטשען.

„פונ׳ם יאריד״ קאן הייסען פונ׳ם לעבען, וואס איז געגליכען צו א יאריד. יעדער איז א בעלן דעם מענטשענ׳ס לעבען צו פאר־גלייכען, נאך זיין השגה נאך, צו עפּיס א זאך. למשל, איינער א סטאליר האט אמאל געזאגט: „דער מענטש איז געגליכען צו א סטאליר; א סטאליר לעבט און לעבט, דערנאך שטארבט ער — אזוי איז א מענטש אויך״... פון א שוסטער האב איך אליין גע־הערט א מיינונג, אז דעם מענטשענ׳ס לעבען איז געגליכען צו א פאר שטיוועל: כל זמן די פאדעשוועס טראגען זיך, זענען די שטיוועל — שטיוועל, און אז די פאדעשוועס טראגען זיך אפּ, איז — מיט׳ן קאפּ אין דער ערד. ס׳איז גאנץ נאטירליך, אז א בעל־עגלה זאל פארגלייכען דעם מענטשען צו, להבדיל, א פערד. דעריבער וואלט גאר קיין חידוש ניט געווען, ווען אזא מענטש, ווי איך, וואס האט אפּגעטארעראמט א האלבע מאה יאהרען און געהט באשרייבען

די געשיכטעס פון זיין לעבען, — זאָל איהם איינפאַלען צו פאַר־גלייכען זיין פאַרגאַנגענהייט צו אַ יאַריד.

דער אמת אָבער איז ניט אַזוי. פ ו נ ׳ ם י אַ ר י ד — מיינט מען דאָס דעם צ ו ר י ק ו ו ע ג ס, אָדער דעם סך־הכּל, דעם רעזולטאַט פונ׳ם גרויסען יאַריד. אַ מענטש, אַז ער פאָהרט א ו י פ ׳ ן י אַ ר י ד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס פאַר אַ מציאות ער וועט דאָרט איינהאַנדלען און וואָס ער וועט דאָרט מתקן זיין... פליהט ער דעריבער פייל אויס׳ן בויגען, הענדום־פענדום — טשעפּעט איהם ניט, ער האָט קיין צייט ניט! פאָהרט ער אָבער צוריק, פ ו נ ׳ ם י אַ ר י ד, ווייסט ער שוין וו אָ ס ער האָט דאָרטען געהאַנדעלט און וו אָ ס ער האָט דאָרט מתקן געווען, און פליהט שוין ניט אַזוי געשמיידיג. „ער האָט צייט״. ער קאָן זיך שוין אָפּגעבען דין־וחשבון און האָט שוין ביד צו וויסען דעם רעזולטאַט פונ׳ם יאַריד, און ער האָט שוין די מעגליכקייט אויך די וועלט באַקאַנט צו מאַכען מיט די דאָזיגע רעזולטאַטען, דערצעהלען פאַוואָלינקע, נישט געהאַפּט, אַלסדינג, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפען אויפ׳ן יאַריד און וואָס ער האָט געזעהען און וואָס ער האָט געהערט.

אַ סך מאָל האָבען מיך מיינע גוטע פריינט אויפגעפאָדערט, פאַר וואָס זאָל איך מיר ניט נעמען די מיה צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון מיין לעבען? ס׳איז שוין צייט, זאָגען זיי, און עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאַנט אויך. האָב איך געפאָלגט מיינע גוטע פריינט און האָב מיך עטליכע מאָל גענומען צו דער אַרבייט, און אַלע מאָל אָוועקגעלעגט די פען, ביז... ביז ס׳איז גע־קומען די צייט, איך האָב זוכה געווען נאָך פאַר פופציג יאָהר צו באַגעגענען זיך פנים אל פנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיט׳ן מלאך־המות, גאָרנישט אויף קאַטאָוועס — איך האָב מיך שיער־שיער ניט איבערגעפּעקעלט אהין, פון וואַנען מע קאָן קיין בריוועל ניט שרייבען, קיין זאַך ניט אַריבערשיקען און אפילו קיין גרוס ניט איבערגעבען.

קורץ, איך האָב געהאַלטען ביי אָפּזאָגען די עטליכע גילדען, — האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: „אַצינד איז די רעכטע צייט. חאַפּ אריין און שרייב, וואָרום קיינער ווייסט ניט, וועמען׳ס מאָרגען עס איז. דו ווערסט מאַכען אַ שטאַרב, וועלען קומען מענטשען, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך און ווייסען דיך, און וועלען אויסטראַכטען זאַכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. צו וואָס טויג עס דיר? אַמעהר נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצעהל, ווער דו ביזט, שרייב דיין אויטאָביאָגראַפיע!...

עס איז אָבער גרינג אויסצורעדען — „שרייבען איין אויטאָביאָגראַפיע", איין אמת׳ע לעבענסגעשיכטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע! דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי אָפּגעבען דין־וחשבון פון מיין גאַנצען לעבען פאַר מיין לעזער, זאָגען וידוי פאַר דער גאַנצער וועלט. איהר ווייסט? שרייבען איין אויטאָביאָגראַפיע און מאַכען אַ צוואה איז כמעט אַלץ איינס... איז איין מאָל אַוועק. און נאָך אַ זאַך: עס איז שווערליך פאַר אַ מענטשען, וואָס רעדט פון זיך אַליין, ער זאָל זיך קאָנען אויפהויבען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָלביישטעהן קעגען דעם נסיון, ניט וועלען אויספיינען זיך פאַר׳ן פובליקום, באַווייזען זיך פאַר אַ וואוילען בחור, וואָס סע קומט איהם אַ קניפּ אין בעקעל. איך האָב צוליעב דעם אויסגעקליבען אַ באַזונדערע פאָרם אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרם פון אַ ראָמאַן, פון אַ ביאָגראַפישען ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אַז איך וועל רעדען פון זיך זעלבסט, ווי פון אַ דריטער פערזאָן. דאָס הייסט: איך, שלום־עליכם דער שרייבער, וועל אייך דערצעהלען די ריכטיגע ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם דעם מענטשען, אָהן צערעמאָניעס, אָהן באַפּוצעכצען און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערצעהלט, למשל, אַ זייטיגער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט איהם אומעטום, אַזעלכער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט איהם אַלע שבעה מדורי גיהנום. און דערצעהלען וועל איך עס אייך ביסלעכווייז, שטיקלעכ־

ווייז, איינגעטיילט אין באַזונדערע מעשיות, אָדער עפּיזאָדען, איין עפּיזאָד נאָך דעם אַנדערען. און דער וואָס גיט כּח דעם מענטשען, ער זאָל געדענקען אַלסדינג, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין זיין לעבען, זאָל מיר ביישטעהן, אַז איך זאָל נישט דורכלאָזען חלילה קיין זאַך, וואָס מיר האָט געטראָפען און וואָס קאָן האָבען אַ אינטערעס, און קיין פּאַרשוין, וואָס איך האָב וועז באַגעגענט אויף דעם גרויסען יאַריד, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די פופציג יאָהר פון מיין לעבען.

2

די שטאָדט

דאָס קליינע שטעדטעלע וואָראָנקאָ — אַ מין כתרילעווקע. — אַ לעגענדע פון מאַזעפּע׳ס צייטען. — איין אַלטע קלויז, איין אַלטער בית־עולם, צוויי יארידים.

אויפגעצויגען געוואָרען און געוואַכסען איז דער העלד פון דעם דאָזיגען ביאָגראַפישען ראָמאַן אין סאַמע כתרילעווקע, וואָס איז שוין אַ ביסעל באַקאַנט אויף דער וועלט. געפינען געפינט זיך עס, אויב איהר זייט נייגיעריג צו וויסען, אין מאַלאָראָסיע, אין פּאָלטאַווער גובערניע, ניט ווייט פון דער אַלטער היסטאָרישער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו, און הייסען הייסט עס ניט כתרילעווקע, נאָר וואָראָנקאָ. פאַרשרייבט דאָס אייך.

אייגענטליך, וואָלט איך באַדאַרפט אָנרופען דעם נאָמען פון דער שטאָדט, וואו ער איז געבוירען, און דעם דאַטום, ווי עס פיהרען זיך אַלע ביאָגראַפישע שרייבער. בין איך מיך אָבער מודה, אַז דאָס אינטערעסירט מיך ניט. מיך אינטערעסירט דוקא אָט דאָס קליינע כתרילעווקע, אָדער וואָראָנקאָ, ווייל קיין אַנדער שטאָדט אויף דער וועלט האָט זיך איהם אַזוי ניט איינגעגעסען אין זכרון, ווי אָט דאָס געבענטשטע כתרילעווקע־וואָראָנקאָ, און קיין אַנדער שטאָדט אויף דער וועלט האָט נישט געהאַט אַזוי פיעל חן אין זיינע אויגען, אַזוי אַז ער קאָן עס ניט פאַרגעסען און וועט עס ניט פאַר־געסען אייביג און אייביג.

און באמת נערעדט, וועלכע שטאָדט אויף דער גרויסער וועלט, עס מעג זיין אָדעס, אָדער פאַריז, אָדער לאָנדאָן, אָדער אפילו ניו־יאָרק, קאָן זיך באַריהמען מיט אזא גרויסען ברייטען מארק און מיט אזוי פיעל אידישע קלייטען און קלייטלעך, טישען, טישלעך און שטעלעכלעך, מיט גאנצע בערג פרישע שמעקענדיגע עפּעלעך און באַרלעך, דינים און קאַוועגעס, וואָס ציגען און חזירים האָבען חשק צו גניסען פון זיי צו יעדער צייט, און די מארקווייבער פיהרען מיט זיי שטענדיגע מלחמות, און מיר, חדר־יונגלעך, האָבען אודאי און אודאי חשק צו גניסען פון די אַלע גוטע זאכען און קאָנען צו זיי ניט גרייכען?...

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אזא אַלטען איינגעהויקערטען בית־מדרש מיט אזא שענעם געשניצטען אָרון־קודש מיט צוויי לייבען, וואָס זעהען־אויס ווי פויגלען, ווען ניט די לאַנגע צינגער און די שופרות, וואָס זיי האַלטען אין מויל און בלאָזען? איג'ם דאָזיגען אַלטען בית־מדרש, דערצעהלען אַלטע אידען, האָבען זיך אונזערע זיידעס אמאָל פארשלאָסען פאר מאַזעפּען, ימח שמו, געזעסען דריי טאָג מיט דריי נעכט אָנגעטהאָן אין טלית ותפלין און געזאָגט תהלים — און דורך דעם ניצול געוואָרען פונ'ם טוידט. די זעלבע אַלטע אידען דערצעהלען, אז דער אַלטער רב נאָך האָט דאָס בית־מדרש געבענטשט, סע זאָל קיינמאָל ניט ברענען — ברענט דאָס ניט, עס מעג זיין וואָס פאר א שרפה עס וויל זיך!

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אזא באָד, וואָס שטעהט באַרג־אַראָפּ, סאמע ביי'ם ברעג טייך, און פאַרמאָגט אזא ברונען, וואָס זיינע וואסערען נעמען זיך קיינמאָל ניט אויס? און דער טייך אַליין — וואו האָט איהר נאָך אזא טייך אויף דער וועלט, וואו דורות און דורות חדר־יונגלעך, שקצים, באָדען זיך און פּאָליאָסקען זיך, לערנען זיך שווימען, האַפּען פישלעך און מאַכען קונצען, וואָס איז כדאי צו זעהען? ווענען דער דאָזיגער אַלטער באָד, וואָס שטעהט אויף חידושים, האָבען אויך אַלטע אידען צו דערצעהלען און דערצעהלען.

מע האָט דאָרט געפונען אמאָל א געהאנגענעם גוי, וואָס האָט זיך אָנגע'שכור'ט און אַליין זיך אויפגעהאנגען, איז דערפון ארויס א בלבול, אז דאָס האָבען איהם אידען אויפגעהאנגען, האָט די שטאָדט געהאט אויף זיך נאָכדעם א פעקעל, מע האָט געוואָלט שמייסען די שענסטע בעלי־בתים, אָדער מע האָט זיי טאַקי געשמיסען — איך וויל ניט אזוי ווייט נריבלען זיך, ווייל איך האָב פיינט טרויעריגע מעשיות, זיי מעגען זיין אפילו פון פאַרצייטען...

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אזא הויכען בארג אויף יענער זייט בית־מדרש, וואָס זיין שפיץ דערגרייכט כמעט ביז דער חמארע, און וואָס אויף יענער זייט — אַלע ווייסען עס — ליגט באהאַלטען איין אוצר נאָך פון חמעלניצקי'ס צייטען? דעם אוצר האָט מען — אזוי דערצעהלען אַלטע אידען — וויפיעל מאָל געגומען זיך גראָבען, און מע האָט אַלע מאָל געמוזט אוועקלעגען די ארבייט, וואָרום גראָבענדיג האָט מען געפונען ביינער, הענט און פיס און קעפ פון מענטשען אין תכריכים — משמעות, אז דאָס זענען געוועזען אידען, און אפשר נאָך קדושים... ווער ווייסט?

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אזעלכע פיינע בעלי־בתים, וואָס זענען, דאכט זיך, אַלע מעהר ניט ווי קליינע קרעמערלעך און שיינקאַרעס, וואָס לעבען, דאכט זיך, נאָר פונ'ם גוי און איינס פון דאָס אנדערע, און פון דעסטוועגען פיהרען זיי זיך אַלע בעל־הבתיש, יעדער האָט זיך זיין היים, זיין משפחה און זיין אָרט אין בית־מדרש — אין מזרח־וואַנט אָדער אין שפיעגעלבאַנק, וואָס מאכט עס אויס? — און טאָמער איז ער אַליין ניט אזא גרויסער יחסן און א גביר, האָט ער א קרוב א מיוחס אָדער א נגיד, וואָס ער לאָזט איהם פון מויל ניט ארויס און דערצעהלט פון איהם אזעלכע גוזמות, אז דער קאָפּ דרעהט זיך אזש?...

און אזא אַלטען בית־עולם, אזא גרויסען און אזא רייכען און אזא אַלטען בית־עולם, וואו דער גרעסטער טייל קברים איז שוין פאַרוואַכסען געוואָרען מיט גראָז, אזוי, אז מע ווייסט שוין נאָר־

ניט, צי דאַרטען זענען דאָ ביינער פון מענטשען, אָדער ניין? פון דעם דאָזיגען בית־עולם איז שוין דוקא יאָ פאַרהאַן וואָס צו דער־צעהלען, און׳דוקא נישט אזעלכע פריילּיכע מעשיות, און טאקי גאָר שרעקליכע זאכען, — פארשטעהט זיך, פון אמאָל, פון פאַרצייטען.
נאָר אַקעגען נאכט איז ניט כדאי צו רעדען פון בית־עולמס...

א קליין שטעדטעלע אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר א שענס, מלא חן. איהר קאָנט דורכשפּאַציערען דאָס גאַנצע שטעדטעל, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין איין האלבע שעה, אויב איהר זענט בכּח און האָט פיס. אָהן א באהן, אָהן א ים, אָהן א רעש, מיט צוויי יארידים סך־הכּל דורכ׳ן יאָהר, „קראַסנע טאָרגעס" און „פּאָ־קראָווע", — פון אידענ׳ס וועגען געמאכט געוואָרען, אידען זאָלען לייזען געלט און האָבען פּרנסה. א קליין, קליין שטעדטעלע, דער־פאַר איז דאָס אָבער פול מיט אזעלכע שענע מעשיות און לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פון זיי אליין געקאָנט אָנשרייבען א גאנצען בוך. איך וויים, אז מעשיות און לעגענדעס האָט איהר ליעב. דאָס איז ביי אייך, איינענטליך, דער גאַנצער עיקר... קאָנען מיר אָבער ניט: מיר דאַרפען זיך האלטען שטרענג אין די ראהמען פון א ביאָגראַף און מיר מוזען אייך פריהער באַקאַנט מאכען, ווי דער שטייגער איז, מיט די עלטערען פונ׳ם העלד, מיט זיינע טאַטע־מאַמע. זייט צופריעדען, וואָס איך הויב־אָן גלייך פון זיינע טאַטע־מאַמע, און ניט פון זיין זיידען און עלטער־עלטער־זיידען, ווי אנדערע ביאָגראַפען טהוען.

3

טאטע־מאמע

א וואראנקאווער נגיד מיט א סך פרנסות. — א האליאסטרע קינדער. — פרומע די דיענסטמויד געוועלטיגט איבער זיי. — דער העלד איז א נאכמאכער, א קונדס.

א הויכער, מיט א שטענדיג פארזארגט פנים, מיט א ברייטען, ווייסען, געקנייטשטען שטערן, מיט א שיטער שמייכלענדיג בערדעל, א בעל־הבית א איד און א בעל־תפלה, א למדן און א בעל־תנ"ך, א פרומער און א בעל־לשון־קודש, א חסיד פון טאלנער רבי'ן און א ליעבהאבער פון מאפו, סלאנימסקי און צעדערבוים, א חקרן, א בורר און א בעל־עצה און א שפיעלער אין שאך און א מבין אויף פערעל און בריליאנטען — אט דאס וועט זיין די ריכטיגע פיזיאָנאָמיע פון דעם העלד'ס פאטער, רב נחום ווענוויק'ס, וואס האט געדעכענט זיך אין שטאדט פאר'ן גרעסטען נגיד.

וויפיעל אזא נגיד פון וואראנקא האט געקאנט פארמאגען — איז שווער צו זאגען; נאר געשעפטען האט ער געהאט א גוזמא: ער איז געווען א פאסעסאר, צוגעשטעלט בוראקעס אין „זאוואד", געהאלטען די זעמסקע פאטשט, געהאנדעלט מיט תבואה, געגרוזעט בערלינעם אויפ'ן דניעפר, געהאקט וואלד און געשטעלט אכסען אויף דער בראהע, נאר פרנסה האט מען געצויגען פון דער „שניט־קראם". עס רעדט זיך נאר אזוי א „שניט־קראם". דארט האט

זיך געפונען אויך צעלניק, און באקאליי, און היי און האבער, און היימישע רפואות פאר גויים און גויעס, און אייזענוואַרג אויך. אין „שניט־קראָם" האָט זיך דער טאַטע נישט אריינגעמישט. דאָס האָט געפיהרט איינגאַנצען די מאַמע, אַ אידינע איין אשת־חיל, אַ ניכע טהוערין און מיט סכנות אַ שטרענגע צו איהרע קינדער. און קינדער זענען געווען היבשליך, אריבער אַ טוץ, און פון אַלערליי וואוכס און פון אַלערליי פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערלעך, מיט בלאָנדע און מיט געלע.

קיין גרויסען צימעס האָט מען מיט דעם קליינוואַרג, געוויינט־ליך, נישט געמאַכט. דאָס הייסט, שטאַרק בענקען האָט מען נאָך זיי ניט געבענקט, און אַז זיי זאָלען, חס־ושלום, נישט געווען קומען אויף דער וועלט, וואָלט אויך געווען אָהן איין אומגליק; נאָר אַז זיי זענען שוין דאָ, איז — „מהכתיתי, ווּעמען מאַכען זיי קאַלי? זאָלען זיי זיין מיט יאָהרען"... ווער ס'האָט זיך געקאָנט אויס־דרעהען פון פאָקען און פון מאָזלען און פון אַלע איבעריגע קינדערשע שלעק־פורעניות'ען, דער איז אויסגעוואַכסען און אַוועק אין חדר אריין, פריהער צו נטע־ליב דרדקי, דערנאָך צו רב זרח'על דעם גמרא־מלמד. און ווער עס האָט ניט געקאָנטביישטעהן דעם בעל־דבר מיט די טויזענט אויגען, וואָס לאָקערט אויף קליינע עופה'לעך, דער האָט זיך באַצייטענס אָפּגעטראָגען אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. האָט מען פאַרהאַנגען די שפּיעגלען, און טאַטע־מאַמע האָבען זיך אוועקגעזעצט שבעה, אראָפּגעוואָרפען די שיך פון די פיס און שטאַרק־שטאַרק געוויינט. אַזוי לאַנג געוויינט, ביז מע האָט אויפגעהערט. געזאָגט דעם פּסוק: „ה' נתן ה' לקח", אויס־געווישט די אויגען, אויפגעשטאַנען פון דער ערד און פאַרגעסען... אַנדערש איז עס אוממעגליך געווען אין דעם גרויסען טאַרעראַם מיט'ן יאַריד פון אריבער אַ טוץ קינדער, צווישען זיי איינער אַ בעל־הבית'על שוין, וואָס סע שיט זיך איהם אַ בערדעל, און איינס אַ זווינעדינס, נאָך ביי דער ברוסט.

א גרוים בריה'שאפט איז עס געווען פון דער מאמע אויסצור־הארעווען אזא חאליאסטרע און אויסצושטעהן אלעמענ'ס קראנק־הייטען. ווארום אזוי פלעגט א קינד קריגען פעטש מיט קלעפ מיט בוכענצים, וויפיעל ס'איז אין דעם אריין. נאר טאמער חלילה איז עמיצער קראנק געווארען, אזוי איז שוין די מאמע ניט אפגע־טראטען פון בעטעל: „א מכה דער מאמע!" איז דאס אבער געזונט געווארען און געשטעלט זיך אויף די פיסלעך — „אין חדר אריין, דו שייגעץ איינער, אין חדר אריין!"...

אין חדר האבען געלערענט אלע פון פיער יאהר ביז... כמעט ביז דער חתונה. און פון דער גאנצער חאליאסטרע קינדער האט זיך אויסגעצייכענט אלס גרויסער שקאץ דער מיטעלסטער, דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע, מיט'ן נאמען שלום, אדער שלום נחום וועוויק'ס.

מע באדארף זאגען דעם אמת, אז נאר קיין שלעכט יונגעל איז דאס ניט געווען, אט דער שלום נחום וועוויק'ס, און לערנען האט ער זיך געלערענט בעסער פון אלע קינדער, נאר פעטש, קולעקעס, מיט קלעפ, מיט שמיץ, ניט פאר אייך געדאכט, האט ער אויך געקראגען מעהר פון אלע. מסתמא איז ער ווערטה געווען.

— אט וועט איהר זעהן, אידען, אז פון דעם קינד וועט קיין גוטס ניט ארוים! דאס וואכסט עפים א גארנישט מיט א נישט, דער שווארציאהר וויסט וואס, א שטויבער, א סאמאוואליע, א זולל־וסובא'ניק, א איוואן פאפערילע, איין אויסוווירפלינג, א משומד און א כל־בו'ניק, און וואס אין דער קארט!...

אזוי האט איהם אטעסטירט פרומע די דיענסטמויד, א בלינדע אויף איין אויג און א געשטופעלטע, נאר זעהר א קארגע און א געטרייע דיענסט. א געטרייע און איין איבערגעגעבענע און איין עהרליכע דיענסט. זי האט גע'הרג'עט־געשלאגען די קינדער, זיי געזשאלעוועט עסען, אבטונג געגעבען, זיי זאלען זיין גוט און פרום און עהרליך און כשר צו גאט און צו לייט. און מחמת די מאמע

איז געווען איין אשת־חיל, שטענדיג אין קראַם, האָט פרומע די מויד געפיהרט די שטוב ביד רמה און „דערצויגען" די קינדער, ווי אַ מאַמע. זי האָט זיי געוועקט, געוואַשען, געצוואָגען, געזאָגט מיט זיי ברכה, געפּאַטשט, געגעבען אָנבייסען, אָפּגעפיהרט אין חדר, געבראַכט פון חדר, געפּאַטשט, געגעבען עסען, געלייענט מיט זיי קריאת־שמע, ווידער געפּאַטשט און באַלעגט שלאָפען, אַלע אינאיינעם, ס'זאָל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, טאַקי מיט איהר אין איין בעט. די קינדער אין בעט — און זי ביי זיי צופוסענס.

אַ שטיק גלות איז געווען פאַר די קינדער אָט די פרומע די מויד, און אַ יום־טוב איז געווען פאַר זיי פרומע'ס חתונה — לאַנג לעבען זאָל אידעלע־גנב מיט דער היטשקע געגרייזעלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענזענשמאַלץ, און מיט דער צונויפגעוואַכסענער נאָז, וואָס מע קאָן זי קיינמאָל ניט אויסשנייצען, מע זאָל זיין, דאַכט זיך, מיט אַכצעהן קעפּ. לאַנג לעבען זאָל ער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען (אָט אַ משוגע'נער!) חתונה האָבען פאַר דער בלינדער פרומען. און חתונה האָט ער פאַר איהר געהאַט ניט גלאַט אַזוי, נאָר מחמת „ליעבע": ער האָט זיך אין איהר פאַרליעבט, הייסט עס, מיט סכנת־נפשות. ניט צוליעב דעם, וואָס זי האָט נאָר איין אויג און איז געשטופּעלט — חס וחלילה! נאָר צוליעב דעם, וואָס ער טהוט אַ שידוך מיט רב נחום ווערוויק'ס. אַ קלייניגקייט — אַזאַ שידוך! חיה־אסתר אליין (די מאַמע) האָט געפּראַוועט די חתונה, געווען די גאַנצע מחותנת'טע, געבאַקען לעקאַך, אָראָפּ־געבראַכט כּלי־זמר פון בערעזאָן, געטאַנצט, געהוליעט ביז טאָג און געוואָרען הייזעריג, ווי די וואַנט.

אוי־ווערה, וואָס חברה האָבען זיך דעמאָלט אָנגעלאַכט און אָנגעטאַנצט! די שמחה איז געווען ניט אַזוי צוליעב דעם, וואָס אַ פּייפער אַ גנב נעמט אַ בלינדע מויד, נאָר איבער דעם, וואָס מע ווערט פּטור פון „פרומע די מויד" אויף אייביג און אייביג! און אַגב האָט מען זיך טאַקי אָנגעלאַכט אויך אויף דעם, וואָס „דער

שייגעץ" האָט קאָפּירט דאָס גליקליכע פּאָר — דעם חתן, ווי ער פּייפּט מיט דער נאָז, און די כּלה, ווי זי קוקט אויפ׳ן חתן מיט איין אויגעל און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, אַז זי האָט אַ נאַש־געגעבען סמעטענע.

קאָפּירען, נאָכמאַכען, איבערקרימען — דערויף איז אונזער שלום געווען איין מזיק! האָט ער דערזעהען עמיצען דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער שוין געפונען אויף איהם עפּיס אַ חסרון, אָדער אַזוי אַ „לעכעריגס", און ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזען ווי אַ פּאַחיר, און ער האָט איהם שוין נאָכגעמאַכט. און חברה שקצים האָבען געלאַכט, און טאַטע־מאַמע האָבען צוגעשטעלט אַ בענקעלע פּאַר׳ן רבי׳ן, אַז „דער שייגעץ מאַכט נאָך דער גאַנצער וועלט, ווי אַ מאַלפּע — מע באַדאַרף איהם אָפּגעוואוינען דערפון!"

און דער רבי האָט זיך גענומען איהם „אָפּגעוואוינען" דערפון — עס האָט אָבער ווייניג־וואָס געהאָלפען... עפּיס אַ „ניט־גוטער" האָט זיך פאַרקליבען אין דעם קינד, אַ מין ליץ, וואָס דער גאַנצער וועלט מאַכט ער נאָך און אַלעמען קרימט ער איבער, אָבער אַלעמען, אפילו דעם רבין אליין, ווי ער שמעקט טאַבעקע און ווי ער גנהט דריבנימשקע מיט די קליינע פּיסעלעך, און די רביצין, ווי זי פּיסקעלט זיך, רויטעלט זיך און בלינצעלט מיט איין אויגעל, בשעת זי דאַרף נעמען ביי׳ם רבין אויף שבת און קאָן ניט אויסרעדען „שבת", נאָר „סאַבעס", — און פּעטש זענען געפלויגען, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געצעהלט. אַי שמיץ! סטייטש שמיץ!

בקיצור — ס׳איז געווען אַ לעבען.

4

שמואליק דער יתום

מעשיות, פאנטאזיעס און חלומות. — קבלה און כשוף.

פארהאן פנים'ער, וואס זענען באשאפען געווארען פון גאט אויף צו פאר'כשופ'ען אייך מיט'ן ערשטען קוק. „האב מיך ליעב!" — אזוי שרייט צו אייך דאס דאזיגע פנים'על, און איהר באקומט דאס ליעב, איהר ווייסט ניט פאר וואס.

אט אזא מין חנ'עווריג פנים'על האט געהאט שמואליק דער יתום, א יונגעל אהן א טאטען, אהן א מאמען, וואס אויפגעהאלטען האט ער זיך ביי'ם רב.

צו איהם איז דאס צוגעקלעפט געווארען שלום נחום וועוויק'ס, דער העלד פון דער דאזיגער אויטאביאגראפיע, פון דער ערשטער מינוט, וואס זיי האבען זיך באקענט, זיך געטיילט מיט איהם מיט די אנבייסענס און מיט די מיטאגס האלב אויף האלב און געווארען חבר — אבער וואס חבר הייסט! נפש אחת — איין לייב, איין נשמה! פאר וואס? איבער זיינע מעשיות.

קיינער האט נישט געהאט אזוי פיעל מעשיות אויף צו דער־צעהלען, וויפיעל שמואליק. האבען מעשיות אויף צו דערצעהלען איז אבער נאך ניט אינגאנצען. דאס דערצעהלען אליין איז אויך א זאך. דערצעהלען א מעשה דארף מען קאנען. און שמואליק האט געקאנט דערצעהלען מעשיות אזוי, ווי קיינער ניט!

פון וואנען האָבען זיך צו דעם ציקאָווען בחור מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַר׳חלומ׳טע אויגען גענומען אַזוי פיעל מעשיות, און אַזעלכע שענע, רייכע מעשיות, מיט אַזעלכע זעלטענע פאַנטאַסטישע בילדער? ציי האָט ער זיי וואו געהערט אַמאָל דער־צעהלען? אָדער דאָס איז געוועזען פון זיין קאָפּ אויסגעטראַכט, לויטער פאַנטאַזיעס? עד היום קאָן איך דאָס ניט באַגרייפען. איך וויים נאָר איין זאַך: עס האָט זיך ביי איהם גענאָסען ווי פון אַ קוואַל, נאָר פון אַזאַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך ניט אויס קיינמאָל. און געגאַנגען איז דאָס ביי איהם גלאַט, ווי אויף בוימעהל, און געצווינגען האָט זיך עס ווי אַ לאַנגער זיידען־פאָדעם. און זיס איז געוועזען די שמים, זיס די שפּראַך, זיס ווי צוקער. און די בעקלעך רויט, און די אויגען פאַר׳חלומ׳ט און נאַסליך, ווי איבערגעצויגען מיט אַ דין רויכעל.

פאַרקלויבען זיך פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, אָדער שבת נאָכ׳ן עסען, אָדער יום־טוב פאַרנאַכטליך, אויפ׳ן הויכען וואַראַנקאָווער באַרג, וואָס „דער שפּיץ זיינער דערגרייכט כמעט ביז דער חמאַרע", האָבען זיך ביידע חברים אוועקגעלעגט מיט׳ן פּנים אַראָפּ צום גראָז, אָדער מיט׳ן פּנים אַרויף צום הימעל, און שמואליק האָט גענומען דערצעהלען אַ מעשה נאָך אַ מעשה: אַ מעשה פון אַ בן־מלך מיט אַ בת־מלכה, אַ מעשה פון אַ רב מיט אַ רביצין, אַ מעשה פון אַ פּרינץ מיט אַ פלעגהונט, אַ מעשה פון אַ פּרינצעסין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אַ מעשה פון צוועלף גזלנים אין וואַלד, אַ מעשה פון איין אָקרענט, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפ׳ן פאַרגליווערטען ים. מעשיות פון׳ם פּאַבסט, וואָס האָט געפיהרט ויכוחים מיט די גרעסטע רבנים, און מעשיות פון חיות, פון שדים און פון רוחות און פון בת־ליצנים, פון מכשפים, שרעַ־טעלעך, וואָוקעלאַקעס, פּיפּערנאָטערס, האַלב־מענטש, האַלב־חיה, און אַ מעשה מיט אַ הענגלייכטער פון פּראָג — און יעדע מעשה האָט געהאַט איהר טעם מיט איהר ריח, און אַ באַזונדער כשוף איז געוועזען אויסגעגאָסען אויף זיי אַלע.

דער חבר, שלום נחום וועוויק׳ס, האָט געהאַלטען אָפען מויל און אויהערען, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונ׳ם דאָזיגען ציקאווען בחור׳על מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פּאַר׳חלום׳טע נאַסליכע אויגען.

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס, אַלסדינג, שמואליק?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך גאָרניט. למאי איך ווייס, ווי אַזוי מע צאַפּט ווייַן פון דער וואַנט? און בוימעהל פון דער סטעלי?

— ווי אַזוי צאַפּט מען דאָס ווייַן פון דער וואַנט? און בוימעהל פון דער סטעלי?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך אויך בלאָטע! איך ווייס אפילו, ווי אַזוי מע מאַכט פון זאַמד גאָלד און פון שערבלעך דימענטען מיט בריליאַנטען.

— ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

— ווי אַזוי? דורך קבלה. דער רב איז דאָך אַ בעל־קבלה. ווער ווייסט עס ניט? ער שלאָפט דאָך קיינמאָל ניט.

— וואָס דען טהוט ער?

— בייַנאַכט, ווען אַלע שלאָפען, איז ער אויף. זיצט ער אַליין און פאַרנעמט זיך מיט קבלה.

— און דו זעהסט אַלסדינג, וואָס ער טהוט?

— ווי קאָן איך זעהען, נאַרעלע, אַז איך שלאָף?

— פון וואַנען־זשע ווייסט דו, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט קבלה?

— ווער ווייסט עס נישט? דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד. פרעג וועמען דו ווילסט. דאָס, וואָס דער רב קאָן, נאַרעלע, קאָן קיינער נישט. וויל ער — זענען אָפען פאַר איהם אַלע צוועלף ברונענס מיט קוועקזילבער און אַלע דרייַצעהן גערטנער פון סאַמע זאַפראַן, און גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטען, מיט בריליאַנטען — כחול הים, אַזוי פיעל, אַז סע גלוסט זיך אַזש ניט!...

— פאַר וואָס־זשע ביזט דו תמיד הונגעריג? און פאַר וואָס האָט ער ניט אויף שבת?

— אזוי, וואָרום ער וויל ניט. ער וויל בעסער אָפּקומען אויף דער וועלט, תשובה טהון. ער איז אַ בעל־תשובה. ער זאָל וועלען, וואָלט ער געווען רייך, ווי קורח; טויזענט רויטשילדס וואָלט ער פאַרשטעקט אין גאַרטעל. וואָרום ער ווייסט, ווי אַזוי מע ווערט רייך. פאַר איהם איז אַנטפּלעקט אַלסדינג. ער ווייסט אפילו דעם אָרט, וואו דער אוצר ליגט באַהאַלטען.

— וואו ליגט דער אוצר באַהאַלטען?

— חכם! פון וואַנען זאָל איך וויסען? ווען איך זאָל וויסען, וואו דער אוצר ליגט, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך וואָלט אין מיטען ביינאַכט געקומען צו דיר און וואָלט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „קום, שלום, צום אוצר, וועלען מיר צונויפזשעבּרעווען דאָס גאָלד פולע זשמענים און אָנשטופען פולע קעשענעס!"

און האָט שמואליק אָנגעהויבען צו רעדען וועגען אוצר, אזוי האָבען די פאַר'חלום'טע אויגען ביי איהם זיך אָנגעצונדען, די רויטע בעקלעך צעפלאַמט, און אליין האָט ער זיך אזוי צעהיצט און צעבּרענט און צעפלאַקערט, אַז ער האָט אויך דעם חבר זיינעם אָנגעוואַרעמט, צעהיצט, צעבּרענט און צעפלאַקערט. שמואליק האָט גערעדט, און זיין חבר, שלום נחום וועוויק'ס, האָט איהם געקוקט אין מויל אַריין און מיט דאָרשט געשלונגען יעדעס וואָרט.

5

אוצרות

וואָס איז אַיין אוצר? — אַ לעגענדע פון חמעלניצקי'ס צייטען. — וואונדער־שטיינער.

אז ס'איז פאַרהאַן איין אוצר דאָ ביי אונז אין אונזער שטעדטעל — אין דעם איז דאָך קיין ספק נים.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונז איין אוצר? פון חמעל־ניצקין. חמעלניצקי האָט איהם דאָ באַגראָבען נאָך פאַרצייטען. טויזענטער יאָהרען האָבען מענטשען געזאַמעלט אוצרות מיט אוצרות, ביז ס'איז געקומען חמעלניצקי און האָט עס באַשטאַט.

— ווער איז געווען חמעלניצקי?

— חמעלניצקי, ווייסט דו נים? נאַרעלע, חמעלניצקי — דאָס איז געווען אַ רשע, אַ המן, נאָך פאַר חמעלניצקי'ס צייטען... דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד! האָט אָט דער חמעלניצקי דער רשע, דער המן, אָנגעראַבעוועט, הייסט עס, מילי־מיליאָסען גאָלד ביי די אַמאָליגע פריצים און ביי די רייכע אידען, און האָט דאָס אַלסדינג געבראַכט צו פיהרען אהער צו אונז, קיין וואָראָנקאָ, — און דאָ האָט ער עס איינמאָל ביינאַכט אויף יענער זייט בית־מדרש באַרג־אַראָפּ, אַקעגען דער שיין פון דער לבנה, באַהאַלטען, טיעף־טיעף אין דער ערד באַגראָבען, און ס'איז מיט גראָז באַוואַכסען און מיט כשוף פאַר'כשופ'ט, אַזוי, אַז קיין בן־אָדם זאָל עס נים געפינען.

— און כ׳איז פארפאלען לעולם ועד, אויף אייביג און אייביג?

— ווער האט דיר געזאגט, אז ס׳איז פארפאלען לעולם ועד, אויף אייביג און אייביג? און צו וואס האט גאט באשאפען די קבלה? די בעלי־קבלה, נארעלע, האבען שוין דערצו איין עצה.

— דהיינו, וואסער איין עצה?

— זיי ווייסען שוין. זיי האבען א שפרוך אזעלכען, און א פסוק פארהאן אזעלכער אין תהלים, וואס מע דארף איהם זאגען פערציג מאל פערציג...

— וואסער א פסוק?

— ע, נארעלע, איך זאל ווייסען דעם פסוק! און אפילו איך זאל שוין ווייסען, איז דאס אויך ניט אזוי גרינג. מע באדארף פאסטען פערציג תעניתים, אפזאגען אלע טאג פערציג קאפיטלעך תהלים, און אויפ׳ן איין־און־פערציגסטען טאג, באלד נאכדעם, ווי די זון האט זיך געזעצט, באדארף מען זיך ארויס׳גנב׳ענען אזוי קונציג, אז קיין בן־אדם זאל דיך ניט באגעגענען, — ווארום טאמער חלילה דערזעהט מען דיך, באדארף מען אנהויבען נאך א מאל צו פאסטען פון אנהויב פערציג תעניתים, — און ערשט דעמאלט, אז ס׳ועט דיר אפגילטען, קיינער וועט דיך ניט באגעגענען, זאלסט דו אוועקגעהן אין א פינסטערער נאכט אין אנהויב חודש אויף יענער זייט בית־מדרש בארג־אראפ, און דארטען אפשטעהן פערציג מינוט אויף איין פוס, צעהלענדיג פערציג מאל פערציג, און אויב ס׳וועט נאר ניט זיין קיין טעות אינ׳ם צעהלען, וועט זיך דיר דער אוצר אנטפלעקען פון זיך אליין...

און שמואליק דער יתום גיט צו פארשטעהן גאנץ ערנסט זיין חבר, שלום נחום וועוויק׳ס, דעם סוד פונ׳ם אוצר מיט א שטיל קול, אלע מאל שטילער, ווי אויסגעלייענט פון א בוך, ניט אפגע־שטעלט זיך אויף א רגע׳לע אפילו:

— און אנטפלעקען וועט זיך דיר דער אוצר דורך א פייערעל, א קליין פייערעל. און אז דאס פייערעל וועט זיך דיר באווייזען, באדארפסט דו גלייך צוגעהן צו דעם, צום פייערעל הייסט עס,

זאָלסט נאָר קיין מורא ניט האָבען פאַר אָפּבריהען זיך, וואָרום דאָס פייערעל איז מעהר ניט אויף צו באַלייכטען, ברענען ברענט עס ניט, און דו באַדאַרפסט זיך נאָר אָנבויגען און זשעבערעווען מיט ביידע זשמענים (שמואליק באַווייזט מיט ביידע הענט, ווי ער זשעבערעוועט) גאָלד און זילבער און דימענטען און בריליאַנטען, און שטיינער אַזעלכע, וואָס הייסען מיט'ן נאָמען „כדכד", און אַזעלכע וואָס הייסען מיט'ן נאָמען „ישפה"...

— וואָס איז דען דער חילוק?

— אַי, נאַרעלע, ס'איז אַ גרויסער חילוק! „כדכד" איז אַזאַ שטיין, וואָס לייכט אין דער פינסטער, ווי אַ סטריגעווע ליכט, און „ישפה" האָט אין זיך אַ כח: עס מאַכט פון שוואַרץ ווייס, פון רויט געל, פון גרין בלוי, פון נאַס טרוקען, פון הונגעריג זאַט, פון אַלט יונג, פון טוידט לעבעדיג... מע באַדאַרף נאָר מיט איהם געבען אַ רייב אין דער רעכטער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן אַ רעכטער אָנבייסען!" — נעהמט־אַרוים אַ זילבערנע טאַץ, און אויף דער טאַץ צוויי פּאָר געבראָטענע טייבעלעך מיט פרישינקע פּלעצלעך פון געבייטעלטער מעהל, פּערווי סאָרט. אָדער: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויס־געהן אַ גוטער וואַרעמעס!" — באַווייזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כל'ערליי מינים עסענוואַרג און פּאַטראַוועס, מעדני־מלך, געבראָ־טענע צונגען מיט געפילטע העלזלעך, וואָס זייער געשמאַקער ריח צעגעהט זיך אין אַלע אברים, און פרישע צוגעברענטע געפלאָכטענע קוילעטשען וואַכסען־אויס פאַר דיינע אויגען, און וויין לרוב פונ'ם בעסטען סאָרט, און ניסלעך, און באָקסערען, און צוקערקעס לרוב — אַזוי פיעל, אַז סע גלוסט זיך שוין אַזש ניט!

און שמואליק קערעוועט־אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ זייט און שפּייט־אויס, און זיין חבר זעהט נאָך זיינע פאַרשמאַכטע ליפען און נאָך זיין בלאַס פּנים מיט די פאַר'חלומט'ע אויגען, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ שטיקעל געבראָטענע צונג, אַ געפילט העלזעל, אָדער חאָטש אַ שטיקעל קוילעטש... און ער גיט זיך דאָס וואָרט,

אז מארגען, אם ירצה השם, טראגט ער איהם ארויס אין קעשענע טליכע ניסלעך, א פאר באקסערען מיט א צוקערקעלע, וואס ער וועט ארויס'לקח'ענען, מחילה, ביי דער מאמע אין קליימעל. און דערווייל בעט ער שמואליקען, ער זאל דערצעהלען נאך און נאך. און שמואליק לאזט זיך לאנג ניט בעטען. ער ווישט־אפ די ליפען און דערצעהלט נאך און נאך.

— ...און אז דו האסט זיך גוט אנגעזעטיגט מיט די אלע מיני מאכלים און פארטרונקען מיט די בעסטע ווייגען, נעמסט דו און טהוסט א רייב מיט'ן שטיינדעלע און א זאג: „ס'זאל מיר ארויסגעהן און ארויסגעהן א ווייכער געלעגער!" — באווייזט זיך דיר א בעטעל פון עלפענביין, מיט גאלד באפוצט, מיט איין איבער־בעט — וויך ווי פוטער, און מיט זיידענע קישעלעך צוקאפענס, און מיט איין אטלעסענע קאלדרע איבערגעדעקט. ציהסט דו זיך אויס און ווערסט אנשלאפען, און עס חלום'ען זיך דיר מלאכים מיט כרובים, מיט שרפים, מיט'ן גן־עדן העליון, מיט'ן גן־עדן התחתון... אדער, אז ניט, טהוסט דו א רייב מיט'ן שטיינדעלע, הויבסט דו דיך גאר אויף אין דער הויך ביז דער חמארע, און אריבער דער חמארע, און דו פליהסט זיך, ווי איין אדלער, הויך־הויך! ווייט־ווייט!...

צי האט אט דער ארעמער יתום מיט זיינע וואונדערליכע מעשיות זיך ווען אפגערופען נאכדעם אין די שרייבעכצען פון זיין חבר שלום, בעת שלום נחום וועוויק'ס איז געווארען א „שלום־עליכם" — דאס איז שווער צו זאגען. איין זאך איז געוויס: זיין פאנטאזיע האט ער געמאכט רייכער, זיין השגה ברייטער, און שמואליק'ס חלומות און שמואליק'ס טרוימען וועגען אוצרות, וואונדערשטיינער און נאך אזעלכע גוטע זאכען טראגט ער ביי זיך מיעף אין הארצען נאך עד היום. אפשר אין איין אנדער פארם, אפשר אין אנדערע געשטאלטען — נאר ער טראגט זיי, ער טראגט זיי ביז צו היינטיגען טאג.

6

דער רב אין גן־עדן

די פריינטשאפט פון דוד מיט יהונתן. — דער לויתן מיט'ן שור־הבר. — ווי זעהען־אויס די צדיקים אויף יענער וועלט.

די שענע, וואונדערליכע מעשיות פון שמואליק דעם יתום האבען זיין יונגען חבר אינגאנצען פאר'כשופ'ט און געבראכט דער־צו, אז די פרינצען מיט די פרינצעסינס זענען איהם געגאנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפט ביי די ארבעל: „שטעה־אויף, שלום, טהו דיך אן און קום מיט אונז!"... און נישט נאר אין חלום — אויך אויף דער וואהר האט ער זיך געפונען כמעט שטענדיג צווישען פרינצען און פרינצעסינס, ערגיץ אין א קרישטאלענעם פאלאץ, אדער אויפ'ן פארגליווערטען ים, אדער אויף א וויספע, וואו עס געוועלטיגען ווילדע מענטשען, אדער גאר אין גן־עדן התחתון, וואו עס געפינען זיך צוועלף ברונענס מיט קוועקזילבער און דרייצעהן גערטנער פון זאפראן, און גאלד און זילבער וואלגערט זיך, אזוי ווי מיסט; אדער ער הויבט זיך אויף, מיט'ן שטיינדרעלע „ישפה", גאר אין דער הויך, אויף יענער זייט חמארעס... עס איז דער־גאנגען אזוי ווייט, אז ער האט אנגעהויבען אנרופען די אלע זאכען ביי'ם נאמען און זעהען זיך מיט זיי אויף יעדען טריט און שריט.

עטליכע צונויפגעלעגטע באלקענס אין הויף איינס אויף דאס אנדערע זענען שוין געוועזען געצוג פאר איהם, ער זאל זיך ארויפ־חאפען אויף זיי גאנץ הויך און זיך פארשטעלען, אז דאס איז א

„וויספּע״, און ער איז דער פּרינץ, און די גענז מיט די קאַטשקעס, וואָס שפּאַציערען־אַרום אין הויף, — דאָס זענען די ווילדע מענ־טשענפרעסער, און ער איז איבער זיי דער מלך, וואָס קאָן זיי טרייבען וואוהין ער וויל און קאָן טהון מיט זיי וואָס ער וויל, וואָרום זיי זענען דאָך זיינע אונטערטעניגע... עס איז געגוג געווען אַ שטיקעל גלאָז טאָמער האָט ער געפונען, זאָל עס ווערען ביי איהם פאַר־וואַנדעלט אין אַ טייערען וואונדערשטיין, אַ מין „כדכד״... אַ שטיינדעלע, אַ פּראָסט, פון דער ערד אויפגעהויבען — קאָן עס זיין אפשר דאָס שטיינדעלע „ישפה״ — ווער ווייסט? פּוילט ער זיך ניט, נעמט און טהוט דאָס אַ רייב, אַז קיינער זעהט ניט, אין דער רעכטער לאַץ און אַ זאָג, ווי שמואליק זאָגט: „ס׳זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן...״

מעהר פון אַלץ אָבער האָבען זיך איינגעוואָרצעלט אין איהם שמואליק׳ם מעשיות וועגען „אוצרות״. ער איז געווען מעהר ווי זיכער, אַז ניט היינט איז מאָרגען, נאָר איין אוצר מוז זיך איהם אַנטפּלעקען. דאָס גאַנצע גאָלד וועט ער, געוויינליך, אַוועקגעבען דעם טאַטען מיט דער מאַמען. דער טאַטע וועט שוין ניט דאַרפען זיין אַזוי פאַרזאָרגט און פאַרטראָגען אין די געשעפטען. די מאַמע וועט פאַרשפּאָרען פריערען גאַנצע טעג אין קלייט. מיט דעם כח פון׳ם שטיין „ישפה״ וועט ער זיי אויסבויען אַ פּאַלאַץ פון קריש־טאָל, אַרומגערינגעלט מיט אַ גאָרטען פון סאַמע זאַפּראַן. און אין מיטען גאָרטען וועט זיך געפינען אַ ברונען פון קוועקזילבער. אַ פלעגהונט וועט היטען דעם אַריינגאַנג, און פּיפּערנאָטערס, שרע־טעלעך מיט ווילדע קעץ וועלען זיך דראַפּען אויף די בוימער. און ער, דער פּרינץ אַליין, וועט אויסטיילען פון זיין ברייטער האַנט די וואָראָנקאָווער אָרעמעלייט נדבות, גרויסע נדבות און קליינע נדבות, איטליכען אַזאַ נדבה, ווי ער פאַרדיענט.

עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען, אַז די צוויי גע־ליעבטע חברים, שלום נחום וועוויק׳ס און שמואליק דער יתום, זאָלען ווען אַמאָל זיך דאַרפען צעשיידען אויף אייביג און אייביג.

ערשטענס, גלאַט למאי זאָלען זיך חברים שיידען? און אויסער־דעם, האָבען זיי זיך געשוואָרען ביידע ביי גאָט און איבערגעשלאָגען מיט אַ ציצה, אַז איינער אָהן דעם צווייטען זאָל ניט אוועקפאָהרען קיינמאָל ניט אין ערגיץ ניט, און אַז וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפען און וואו זיי זאָלען ניט מגולגל ווערען, זאָלען זיי תמיד זיין איין נפש, איין נשמה. דאָס איז געווען אַ ליעבשאַפט, ווי צווישען דוד מיט יהונתן. נעהמט רעכט זיך אויף אַזאַ מעשה, אַז דער רב, וואָס איז טאַקי געווען אפילו אַ איד אַ זקן, איך האָב מורא, אויב ניט אַ בן־שבעים, וועט נעמען און וועט זיך פלוצים אין מיטען דערינען אוועקלעגען גאָר און וועט מאַכען אַ שטאַרב, און דער יתום שמואליק וועט אוועקפאָהרען מיט דעם רב'ס אַלמנה ערגיץ אין אַ קליין שטעדטעל, ווייס איך וואוהין, ערגיץ אין הערסאָנער גובערניע, און אַז שמואליק זאָל פארשוואונדען ווערען, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין שמואליק אויף דער וועלט ניט געווען!

מאָהלט אייך, ניט אַזוי ניך טהוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. ניט אַזוי גרינג לעגט זיך אוועק אַ רב און שטאַרבט־אוועק. דער רב, וואָס איז געווען תמיד אַ „חלוש", אַ קראַנקער מענטש פון פאַסטען תעניתים און פון גלאַט ניט עסען, האָט זיך אויף דער עלטער אוועקגעלעגט אין בעט, אָפּגעלעגען אַ געלעהמטער העבער אַ יאָהר, אָהן עסען, אָהן טרינקען, און נאָר געלערענט און נאָר געדאַוונט, און געראַנגעלט זיך מיט'ן מלאך־המות. שמואליק האָט דערצעהלט פאַר זיין חבר און געשוואָרען מיט כל השבועות, אַז אַלע פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פליהט־אַריין דורך אַ שפּאַרינ־קעלע פון אַ פענסטער דער „בעל־דבר", שטעלט זיך אוועק ביי'ם רב צוקאָפּענס און וואַרט, טאָמער וועט ער אויפהערען „זאָגען", וועט ער איהם מאַכען „חיק"... איז אָבער דער רב קליגער פון איהם: ער הערט ניט אויף צו „זאָגען" אפילו אויף אַ רגע כמימרא; אָדער ער לערענט, אָדער ער דאַווענט.

— ווי אַזוי זעהט ער אויס?

— ווער?

— דער „בעל־דבר״.
— פון וואנען זאָל איך וויסען ?
— דו זאָגסט, אז ער קומט, האָסט דו מסתמא איהם געזעהן.
— נארעלע ! ווער עס זעהט דעם „בעל־דבר״, דער קאָן נישט לעבען מעהר. הייגט ווי אזוי האָב איך איהם געקאָנט זעהען ?
— פון וואנען־זשע ווייסט דו, אז ער קומט ?
— ניין ! וואָס דַען וועט ער טהון ? ער וועט ווארטען אויף כבוד ?...

און אז דער רב איז געשטאָרבען, איז פאר די צוויי חברים געווען א יום־טוב. דער רב האָט געהאט אזא שענע לויה, ווי עס קאָן זיך פארגינען צו האָבען נאָר א רב אין א קליין שטעדטעל. די קלייטען האָט מען געשלאָסען און די חדרים האָט מען צעלאָזט, און די גאנצע „שטאָדט״ איז איהם געגאנגען באגלייטען.

אויף צוריקוועגס זענען די פארליעבטע חברים, „דוד ויהונתן״, געווען די לעצטע שבלעצטע. מע האָט זיך גענומען פאר די הענט און מע איז געגאנגען פאוואָלי, בכדי מע זאָל זיך קאָנען גוט אָנרעדען. און רעדען איז געווען פון וואָס. פונ׳ם רב׳ס טוידט און פון זיין קומען אויף יענער וועלט, ווי אזוי מע וועט איהם דאָרטען באגעגענען ביי די טויערען פון גן־עדן, און ווי אזוי מע וועט איהם אויפנעמען, און ווער וועלען זיין די, וואָס וועלען איהם מקבל־פנים זיין.

אלסדינג האָט שמואליק געוואוסט, אפילו וואָס ד אָ ר ט ע ן טהוט זיך. און פון אלסדינג האָט ער גערעדט אזוי, גלייך ווי ער וואָלט געווען דערביי. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז דער רב איז נאָרניט געשטאָרבען. ער האָט זיך נאָר איבערגעטראָגען אין איין אנדער וועלט, אין א בעסערער וועלט, וואו מע האָט געוואַרט אויף איהם מיט׳ן לויתן און מיט׳ן שור־הבר און מיט׳ן יין־המשומר און מיט אלע גוטע זאַכען פון גן־עדן. אָ, דאָרט וועט ער ערשט אָנ־הויבען צו וויסען פון א לעבען, א ניי לעבען, א גליקליך לעבען, אין א פראכטפולען גן־עדן, אינאיינעם מיט אזעלכע מאגנאטען, ווי

אברהם, יצחק און יעקב, און יוסף הצדיק, און משה מיט אהרונ'ען, און דוד המלך, און שלמה המלך, און אליהו הנביא, און דער רמב"ם, און דער בעל־שם־טוב, און דער ריזשינער — ווי לעבעדיגע האָט זיי שמואליק אָפּגעמאָהלט, און ווי לעבעדיגע זענען זיי געשטאַנען פאַר די אויגען, יעדער מיט זיין געשטאַלט און מיט זיין פּנים און מיט זיין אויסזעהן: אברהם אָבינו — אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד, יצחק — אַ לאַנגער און אַ דארער, יעקב אָבינו — אַ קראַנקער און אַ סוטולעוואַטער, יוסף — אַ „קראַסאַוועץ", משה רבינו — אַ נידעריגער וואוכס, נאָר אַ ברייטער שטערן, אהרון הכהן — דוקא אַ הויכער מיט אַ לאַנגען יאַמשאָוועז שטעקען, דוד המלך — מיט אַ פיעדעל, שלמה המלך — מיט אַ גאָלדענער קרוין, אליהו הנביא — איין אָרעם אידעל, דער רמב"ם — איין אויסגעפּוצטער מיט אַ קיילעכיגער באָרד, דער בעל־שם־טוב — אַ פּראָסטער איד מיט אַ פּראָסטען שטעקען, דער ריזשינער — אַ שענער איד אין אַ זיידענער זשופּעצע...

עס האָט אַזש אָנגענומען אַ חשק צו זעהען זיך מיט די דאָזיגע אַלע לייט; עס האָט זיך פּשוט געגלוסט זיין מיט זיי דאָרטען אין גן־עדן, פאַרזוכען האָטש אַ שטיקעל פונ'ם לויתן מיט'ן שור־הבר, האָטש אַ טראָפּען פונ'ם יין־המשומר. עס איז געווען באמת מקנא צו זיין דעם רב, ווי ער לעבט דאָס איצט דאָרטען אַ גוטען טאָג, נאָר פאַרגעסען, אַז מע האָט איהם נאָר־וואָס אַראָפּגעלאָזט אין איין ענגען פינסטערען קבר, און אַז מע האָט איהם פאַרשאָטען מיט קלעפּיגער שווארצער ערד און צוגעקלאַפּט מיט הילצערנע לאָפּעטעס, און אַז שמואליק אַליין טאַקי האָט געזאָגט נאָך איהם קדיש. ווארום דער רב איז געשטאָרבען אָהן קינדער — ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט.

7

שמואליק ווערט פאַרשוואונדען

דוד פּים יהונתן צעשיידען זיך אויף אייביג. — דער סוד פון'ם אוצר. — פאַרלוירען אַ חבר.

די גאַנצע וואָך, וואָס די רביצין איז געזעסען שבעה נאָכ'ן רב, האָט שמואליק דער יתום אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין איבער דער שטאָדט, ווי איין אמת'ער יתום, וואָס איז נאָך מעהר פאַר־יתומ'ט געוואָרען. זיין גאַנצער אַרויסקוק איז געווען אויף דעם פּאַרנאַכט, ווען מע צעלאָזט די קינדער פון די חדרים — דעמאָלט וועט ער זיך קאָנען זעהען מיט זיין חבר, שלום נחום וועוויס'ס, וואָס איז צו איהם נאָך מעהר צוגעבונדען געוואָרען זינט דער רב איז געשטאָרבען. עס האָט זיך געפיהלט אינסטינקטיוו, אַז די צוויי געליעבטע חברים, „דוד ויהונתן", באַדאַרפען זיך באַלד צעשיידען. ווי אַזוי דאָס וועט געשעהען — האָבען זיי נאָך אַליין ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען. זיי האָבען דעריבער אויסגענוצט יעדען פּאַרנאַכט אויף צו פאַרברענגען אינאיינעם, זיין וואָס נעהענטער איינס נעבען דאָס אַנדערע.

אַ גליק, וואָס ס'איז זומער, און זומער לערענט מען נישט ביינאַכט אין חדר. קאָן מען דעריבער זיך פאַרקלויבען אינצווייען ביי נחום וועוויס'ס אין גאָרטען, און דאָרטען, אונטער אַ באַרענ־בוים, אָפּזיצען אַ שעה און צוויי און דריי און שמועסען; אָדער אַז ניט, קאָן מען זיך דורכגעהן פון דער שטאָדט אַרויס, העט־וויים

אויף יענער זייט מיהלען, אבי שקצים זאָלען נאָר ניט באפאלען און ניט אָנרייצען די הינט אויף די „פארשאָלטענע זשידיוהעס".

דאָרט, פון יענער זייט מיהלען, האָבען די צוויי חברים, שמואליק דער יתום און שלום נחום ווערוויק'ס, נעקאָנט זיך אָנרעדען וויפיעל זייער הארץ גלוסט. און רעדען איז געווען פון וואָס. איין זאך האָט זיי אינטערעסירט ביידען: וואָס וועט זיין ווייטער? וואָס וועט זיין, טאָמער פאָהרט שמואליק אוועק? ווארום געהערט האָט שמואליק זאָגען, אז די רביצין קלויבט זיך ערגיץ ווייט, אין חערסאָנער גובערניע. זי האָט דאָרט א שוועסטער, שרייבט איהר די שוועסטער, זי זאָל קומען צו פאָהרען. איז ווי־באלד די רביצין פאָהרט — פאָהרט שמואליק אויך. וואָס וועט ער דאָ טהון איינער אליין? ער האָט דאָך אפילו ניט וואו דעם קאָפ אָנצושפארען!...

פארשטעהט זיך, אז ער פאָהרט נישט אויף לאנג, און יעדענ־פאַלס — ניט אויף שטענדיג. לאָז ער נאָר קומען אהין, אזוי זעצט ער זיך באלד לערנען „קבלה", און ווי נאָר ער דערגעהט דעם „סוד", אזוי קומט ער צו פאָהרען צוריק אהער, קיין וואָראָנקאָ, און נעמט זיך צו דער ארבייט — אויפזוכען דעם אוצר. ער וועט פאסטען פערציג תעניתים, אפזאָגען אלע טאָג פערציג קאפיטלעך תהלים, און אויפ'ן איין־און־פערציגסטען טאָג חאפט ער זיך ארוים בסוד, אז קיינער זאָל ניט וויסען, צעהלט־אפ פערציג מאָל פערציג, שטע־הענדיג אויף איין פוס פערציג מינוט אויפ'ן זייגער...

— וואו האָסט דו א זייגער?

— איצט האָב איך ניט, דעמאָלט וועל איך האָבען.

— וואו וועסט דו נעמען?

— וואו איך וועל נעמען? איך וועל גנב'ענען! וואָס האָט דאָס צו דיר?

שלום קוקט זיין חבר שמואליקען אין די אויגען אריין. ער האָט מורא, טאָמער האָט ער איהם אָנגעריהרט מיט א וואָרט, און

ער וועט חלילה ווערען ברוגז. שמואליק איז אָבער ניט אַזאַ חבר, וואָס מיט איין וואָרט זאָל מען פאַרלירען ביי איהם אינגאַנצען. און שמואליק הערט ניט אויף צו דערצעהלען מעשיות, וואָס עס וועט זיין אַמאָל, אַמאָל, אַז ביידע חברים וועלען אויסוואַכסען און ווערען גרויסע, וואָס זיי וועלען אויפטהון אין דער דאָזיגער שטאָדט, און ווי גליקליך זיי וועלען מאַכען די וואָראָנקאָווער אידען. און עס גיסט זיך ביי איהם, ווי רייגער בוימעהל. און עס ציהט זיך ביי איהם, ווי גוטער האָניג. און עס ווילט זיך גאָרניט אוועקגעהן אין דער וואַרעמער, זומערדיגער, פאַר׳כשופ׳טער נאַכט. נאָר מע מוז, מע מוז געהן אַהיים שלאָפען — אַניט, קאָן מען האַפּען אַ מיאוס׳ען פּסק!... און מע געזעגענט זיך אָפּ: „ביז מאָרגען, ביז מאָרגען!”

. . . .

עס איז אוועקגעגאַנגען אַ מאָרגען און נאָך אַ מאָרגען, און נאָך אַ מאָרגען — ניטאָ שמואליק! וואו איז ער? — ער איז אוועקגעפאָהרען. אויפגעהויבען זיך אינאיינעם מיט דעם רב׳ס אַלמנה און אוועקגעפאָהרען אין חערסאָנער גובערניע. ווען? ווי אַזוי? אפילו נישט געזעגענט זיך? !...

אַ פאַרלוירענער, אַ צערודערטער איז געבליבען זיין חבר שלום איינער אַליין, עלענט ווי אַ שטיין. אוועקגעפאָהרען זיין בעסטער, זיין ליעבסטער און זיין טייערסטער. אוועקגעפאָהרען! פינסטער געוואָרען די גאַנצע וועלט: וואָס מיר וועלט, אַז ס׳איז נישטאָ שמואליק! וויסט געוואָרען דאָס גאַנצע לעבען: וואָס מיר לעבען, אַז ס׳איז נישטאָ שמואליק! און דער איבערגעבליבענער עלענטער חבר האָט דערפיהלט אַ מאָדנע ענגשאַפט אין האַלז, און אין נאָז האָט איהם אָנגעהויבען צו קיצלען און אין האַרצען צו שטיקען. האָט ער זיך פאַרקלויבען ווייט־ווייט אין אַ ווינקעלע און לאַנג־לאַנג געוויינט.

ווי מיינט איהר: לעבט ער נאָך ערגיץ, אָט דער ציקאַווער שמואליק מיט די פאַר׳חלומ׳טע אויגען און מיט זיין שען, חנ׳עוודיג לשון, וואָס גיסט זיך ווי ריינער בוימעהל און ציהט זיך ווי גוטער האָניג? וואו איז ער, און וואָס איז ער, למשל, אצינד — א מגיד? א רב? א מלמד? א סוחר? א קרעמער? א מעקלער? אָדער נאָר איין אָרעמאַן, איין עני ואביון? אָדער אפשר האָט עס איהם פאַרטראָגען אינ׳ם גאָלדענעם לאַנד, אין אַמעריקע, און ער „מאַכט א לעבען״?... אָדער אפשר ליגט ער שוין דאָרטען, וואו מיר וועלען אלע ליגען איבער הונדערט יאָהר און די ווערעם וועלען פון אונז הנאה האָבען?...

ווער עס ווייסט עפּיס, ווער עס האָט געהערט פון איהם, — זאָל זיך אָפּרופען.

8

מאיר מעדוועדעווקער

א נייער חבר, וואָס קאָן זינגען. — חדר־יונגלעך קונדסים מאַכען טהעאַטער־שפּיעל. — פון א באַרוויסען יונג א קונדס וואַכסט־אויס א באַריהמטער אַרטיסט.

לאַנג זאָרגען זיך און באַקלאָגען דעם פאַרלוירענעם שמואליקען האָט זיין געטרייער חבר נישט באַדאַרפט. גאָט האָט איהם ממלא געווען און גיך צוגעשיקט א נייעם חבר.

אַזוי איז דאָס געווען: וויבאַלד דער אַלטער רב איז געשטאָרבען, איז דאָך דאָס שטעדטעל געבליבען אָהן א רב, על־כּן האָט נחום וועוויק׳ס אָוועקגעוואָרפען אַלע געשעפטען און איז אַוועקגעפאָהרען אין א צווייטען שטעדטעל, קיין ראַקיטנע, וואו עס האָט זיך געלאָזט הערען איבער דער וועלט א רב, א שם־דבר, מיט׳ן נאָמען חיים מעדוועדעווקער. אָט דעם רב האָט דאָס נחום וועוויק׳ס אַראָפּגעבראַכט קיין וואָראָנקאָ, און דאָס שטעדטעל האָט זיך מיט איהם משמח געווען, וואָרום חוץ וואָס ער איז געווען א גרויסער למדן און א ירא־שמים און א יודע־נגן, איז ער נאָך געווען דערצו א גרויסער אָרעמאַן אויך, האָט ער שוין אין איינוועגס צוגעקנעלט מיט די בעל־הבתישע קינדער (פון דער עלטערער כּתה).

פון דעסטוועגען האָט מען חלילה דעם מלמד רב זרח׳לען אינגאַנצען נישט אָפּגעזאָגט. ווי נעמט מען דאָס און מע קוילעט־

אַפּ אַ אידען גלאַט אַזוי פון פּרנסה? איז רב זרח'על פאַרבליבען מלמד אויף תנ"ך און אויף שרייבען (אידיש און רוסיש, און דייטש, און פראַנצויזיש, און לאַטיין, וועלכע נישט די קינדער, נישט דער רבי האָבען פאַרשטאַנען מיט וואָס מע עסט דאָס), און גמרא האָט מען געלערענט ביי'ם נייעם רב. און חאָטש שלום נחום וועוויק'ס איז געווען טאַקי נאָך אַלץ אַ שייגעץ און נישט געוואָלט וואַכסען אין דער הויך, נאָר פון דעסטוועגען האָט מען איהם אַריינגענומען אין דער גרויסער כּתה, וואָרום אַז דער נייער רב האָט איהם פאַרהערט אַ פּרשה חומש מיט רש"י, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ קניפּ אין בעקעל: „אַ רעכטער שקאָץ!" — און דעם פאָטער האָט ער געגעבען אַ זאָג, אַז ס'איז איין עבירה פאַר גאָט איבערלאָזען אַזאַ שקאָץ אויף טרוקענעם תנ"ך; מע באַדאַרף איהם אַ נעם טהון צו דער גמרא. „נישקשה, ס'וועט איהם גאַרניט שאַדטען".

פאַרשטעהט מען, אַז דער פאָטער איז געווען מלא גדולה, און דער „שקאָץ" אַליין איז ניט געווען אַזוי צופריעדען מיט דער גמרא, איז ער אָבער דערפאַר געווען ביי זיך גדול'דיג, וואָס ער זיצט אינאיינעם מיט די גרויסע, און געבלאָזען פון זיך, פאַרריסען די נאָז — אַ קלייניגקייט!

אַראָפּגעקומען איז רבּ חיים דער רב פון ראַקיטנע ניט אַליין, נאָר מיט צוויי זיהן: איינער אַ בעל־הבית'על שוין, מיט אַ קנאָפּ אין גאָרגעל, מיט'ן נאָמען אברהמ'על, וואָס האָט געהאַט אַ קול־נגינה און געקאָנט שען דאַווענען פאַר'ן עמוד, און דער אַנדערער, מאיר'על, האָט נאָר געהאַט אַ שען קול אויף צו זינגען און אויך אַ קנעפּעל אין גאָרגעל, נאָר צום לערנען האָט ער געהאַט אַ שייט־האָלץ, ניט קיין קאָפּ. און ניט אַזוי נאָך אַ גראָבער קאָפּ, ווי אַ גרויסער שייגעץ, און מיט איהם איז דאָס שלום נחום וועוויק'ס געוואָרען אין גיכען חבר. אַ ראַקיטנער יונגעל און דעם רב'ס אַ זוהן — מיט דער האַנט קאָן מען איהם ניט אוועקמאַכען. דערצו האָט דער מאיר'על געהאַט אַ מעלה: ער האָט געזונגען ליעדלעך,

און נאך וואסערע ליעדלעך! האט ער אבער צו דער מעלה געהאט א חסרון — א טבע פון איין אמת'ען ארטיסט: ער האט פיינט געהאט זינגען גלאט אזוי אומזיסט. איהר ווילט הערען זינגען — באצאהלט, זייט מוחל! א גראשען א ליערל. און אז ס'איז נישטא קיין געלט, איז איין עפעל אויך גוט. פאר נויט — א האלבער עפעל, א פאר פלאמען, א שטיקעל צוקערקע — קיין אומ־זיסט איז נישטא! דערפאר האט ער אבער געזונגען אזעלכע ליעדלעך, מיט אזא זיס קול און מיט אזא געפיהל, אז א כפרה, כלעבען, אלע היינטיגע סאבינאָווס, קארוזאס, שאליאפינס, סירא־טאס און די אלע איבעריגע מנגנים פון דער וועלט!

„געה איך ארוים אויף דער ווילנער גאס,
הער איך א קול מיט א גרוים געשריי:
אוי־וועה! —
מע ווייגט אזוי..."

אלע יונגלעך הארכען, גאפען, געהען־אוים פון זיסקייט, און ער — גארנישט! יאסעלע סאלאווי! היינט זיינע שטיקלעך פון דאווענען! אמאל, אז דער רבי, טאקי זיין פאטער, דער רב, רב חיים הייסט עס, האט זיך ארויסגעחאפט אויף א רגע'לע אין דרויסען, האט זיך מאיר אוועקגעשטעלט מיט'ן פנים צו דער וואנט, דעם טישטוך אנגעטהאן פאר א טלית, זיך גענומען ביי'ם גארגעל מעשה חזן און ארויסגעלאזט א געשריי פון די סליחות: „אל מלך יושב" — ניך־ניך, און אויסגעלאזט אויף א קול: „ויקרא־א ב־ש־ם!" — קומט־אן דער רבי:

— וואס איז דאס? חזנ'ישע שטיק וועסט דו פראווען? אנו, משומד, לעג דיך נאר אוועקט אויפ'ן בענקעלע אט אזוי...

און עס הויבט זיך אן איין עקזעקוציע.

נישט נאר אין נגינה אליין האט זיך אויסגעצייכענט מאיר'על מעדוועדעווקער. ער האט געהאט נאך א חולאת: שפיעלען, פארשטעלען זיך, מאכען אנשטעלען: „מכירת־יוסף", „יציאת־

מצרים", „עשר מכות", „משה רבינו מיט די לוחות", און נאָך און נאָך אזעלכע אַנשטעלען.

למשל, ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גזלן, מיט אַ גרויסען שטעקען אין האַנט און מיט דער רביצינ'ס קאַלאַדאַטשמעסער, אַריינגעשטעקט אין דעם רבינ'ס גאַרטעל, און דוקא באָרוויס, און מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזען, און אויגען, רבונא דעלמא כולא — טאַקי ווי ביי אַ גזלן! שלום נחום וועוויק'ס איז געווען דער איד, דער אביון. מיט אַ גראָבען שטעקען אין האַנט, מיט אַ קישעלע פאַר אַ האָרב, איבערגעקעהרט דאָס היטעל אויף דער לינקער זייט, געהט ער נעבאַך בעטען אַ נדבה. פאַרבלאָנזעט אין וואַלד. דער וואַלד — דאָס זענען די יונגלעך. און שלום נחום וועוויק'ס דער אביון געהט צווישען די בוימער, אָנגעשפאַרט אויף זיין גראָבען שטעקען, זוכט אַ וועג און באַגעגענט זיך מיט — מאיר דעם גזלן! חאַפּט־ארויס דער גזלן דאָס מעסער פון גאַרטעל און זינגט צו איהם אַ ליעד, און דוקא אויף רוסיש, און לאָזט־אויס:

„דאַוואַי דיע־ע־ענגי,
דאַוואַי דיע־ע־נגי!"

בעט זיך ביי איהם נעבאַך דער אָרעמאַן, שלום, מיט טרערען, ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבּ ניט אויף איהם, איז אויף זיין ווייב און קינדער. זי וועט בלייבען איין אלמנה, און די קינדער יתומים. חאַפּט איהם דער גזלן, מאיר, פאַר'ן גאָרגעל און טהוט איהם אַ וואָרף אין דער ערד אריין — קומט אָן דער רבי, און עס הויבט זיך אָן אַ חתונה:

— מילא דער (ער באַווייזט אויף זיין איינענעם זוהן) איז אַ שייגעץ, אַ משומד, אַ מומר להכעיס. אָבער דו, נחום וועוויק'ס יונגעל, ווי קומסט דו זיך גלייכען צו איהם, צו אָט דעם משומד?

דער רבי, רב חיים דער רב, איז, אפנים, געווען אַ שטיקעל נביא: אין אַ סך יאָהרען ארום האָט זיין מאיר מעדוועדעווקער, וואָס איז געוואָרען נאָכדעם דער באַריהמטער ארטיסט מעד־

וועדיעוו, געגומען און האָט טאַקי, ווי עס רעדט זיך, אויס־געביטען דאָס רענדעל... חאָטש דאָס מוז מען צוגעבען, אַז די מצוה פון כבוד־אָב האָט ער מקיים געווען, ווי דער בעסטער איד און אויפ'ן שענסטען אָרט: ער האָט געקויפט פאַר זיין אַלטען, אָרעמען טאַטען איין אייגענע דירה אין ראַקיטנע, האָט איהם „אָפּגעשאַטען מיט גאָלד", געקומען צו איהם אַלע זומער צו־גאַסט, געבראַכט מתנות פאַר דער גאַנצער משפחה, און רבי חיים דער רב, וואָס האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שפּיצעל זיין זוהן האָט איהם אָפּגעטהאָן, בכדי ער זאָל זיך קאָנען אָנרופען „אַרטיסט אימפּעראַטאָרסקיך טעאַטראָוו", האָט געהאַט אַ גליקליכע עלטער... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו זיין קינדהייט, בעת מאיר'על מעדוועדעווקער האָט גאָר ניט געוואוסט, און אפילו ניט גע'חלומ'ט, אַז ער וועט אַמאָל הייסען מיכאאיל יעפימאָוויטש מעדוועדיעוו און וועט מרעיש עולם זיין און איבערקעהרען וועלטען.

9

פאַרלוירען נאָך אַ חבר

מע טרייסטעט בארלער און מע חאפט שמיץ. — מע לערענט זיך גנב'ענען. — תשעה־באב ביי'ם גלח אין גארטען. — די עקזעקוציע.

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס די צוויי חברה־לייט, מאיר מעדוועדעווקער און שלום נחום וועוויק'ס, האָבען זיך צוגעבונדען איינס צום אַנדערען און געוואָרען נפש אחת. עפּיס האָט זיך געפונען אַ מחותנ'עשאפט צווישען זייערע נשמות און אַ מין פאַר־געפיהל, אַז עפּיס וועט פון זיי אַמאָל אויסוואַכסען. און זייער פאַרגעפיהל האָט זיי ניט אײנגאַנצען אָפּגענאַרט: אין אַ יאָהר צוואַנציג אַרום, אַז די צוויי האָבען זיך באַגעגענט (דאָס איז געווען אין ביעלאַצערקאָוו, קיעווער גובערניע, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זעהען), איז איינער געווען שוין אַ באַריהמטער אַרטיסט מ ע ד וו ע ד י ע וו, און דער אַנדערער האָט שוין געשריבען פעליעטאָנען אינ'ם „אידישען פאָלקסבלאַט" אונטער'ן נאָמען ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

נאָר מיר קעהרען זיך אום ווידער אַ מאָל צו זייער קינדהייט, ווען איינער האָט נאָך געהייסען מאיר'על מעדוועדעווקער, און דער אַנדערער — שלום נחום וועוויק'ס, און זיי האָבען נאָך שפּאַציערט איבער וואָראָנקאָווער גאַסען באָרוויס גלייך מיט אַלע בעלי־בתי'שע יונגלעך. און מע מוז זאָגען דעם ריינעם אמת, אַז ביידע חברים האָבען נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו דער תורה, וואָס דער

רב רבֿ חיים מערוועדעוועקער וועט אין זיי אריינזעצען, און צו זיין יראת־שמים, וואָס ער וועט אין זיי איינפּלאַנצען. זיי האָבען בעסער חשק געהאַט צו אַנדערע זאַכען. למשל, גרינגע אַגרעסען רייסען פון א בוים, אָדער טרייסלען באַרלעך אָדער פלאָמען, עס מעג זיך זיין אפילו פון איין אייגענעם גאָרטען, איז א סך מעהר פאַרגעניגען, ווי שמאַכטען איבער דער גמרא, אָדער דאַוונען מיט כּוונה, ווי דער רב רבֿ חיים האָט געפאָדערט פון זיינע תּלמידים, אָדער זאָגען א קאַפּיטעל תּהלים.

— די גמרא איז ניט קיין ציעג, זי וועט ניט אַנטלויפען, דאַוונען וועט גאָט מוחל זיין, און תּהלים לאָזען זאָגען אַלטע אידען!...

אַזוי האָט איינגע׳טענה׳ט מאיר מערוועדעוועקער מיט זיין חבר שלום נחום וועוויק׳ס און האָט איהם בעסער געלעהרענט, ווי אַזוי מע קלעטערט אַרויף אין איין שמע־ישראל אויפ׳ן העכסטען בוים, אָדער ווי אַזוי מע שפּרינגט־אונטער און מע פאַרטשעפּעט א צווייג פון א קאַרשען־בוים, קריכען די קאַרשען דעמאָלט אַליין אין מויל אַריין. אי, עס ווערען נאָכדעם שוואַרץ די ליפּען, און נאָך די שפּיץ פינגער דערקענט מען, אַז מע האָט געריסען קאַרשען? וואָס קאָן דאָ זיין? „וועט מען אָפּשמייסען — א טייערע מעציאָצע!"...

דאָס שמייסען אין חדר איז געווען אַזאַ געוויינליכע זאַך, אַז די חדר־יונגלעך האָבען נישט געפיהלט קיין שום בזיון — פון קיין וועהטיג רעדט מען ניט! „וואָס איז דען אַזעלכס, אַז מע באַקומט פונם רבין עטליכע לאָקשען? ביז דער חתונה וועט זיך עס פאַר־היילען"... א בזיון איז געווען נאָר פאַר יענעם, וואָס איז שוין געווען א חתן. אי דאָס, האָט ער נאָר מורא געהאַט פאַר איין זאַך: טאָמער ווערט געוואויר די כּלה, און ניט אַזוי די כּלה, ווי דער כּלה׳ס חבר׳טאָרינס, — וועלען זיי איהר אויסוואַרפען: „דער חתן מיט׳ן געשמיסענעם דאָס"...

מאיר איז נאָך ניט געווען קיין חתן און האָט דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט, האָט ער דעריבער געפיהרט זיין חבר שלום אויפ'ן „דרך־הישר", געלעהרענט איהם פאַרקנייטשען דאָס דאַוונען, טראָגען פון קלייט אונטער דער מאַמע'ס נאָז באַקסערען, מיט קאָנפּעקטען, מיט גויישע לעקאַכלעך, מיט נאָך גוטע זאַכען — דאָס הייסט ניט חלילה גע'גנב'עט, נאָר „גע'לקח'ענט", און דערפאַר שטראָפט מען ניט אויף יענער וועלט...

דאָס אַלסדינג וואָלט אפשר אָפּגעלאָפען גלאַט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען טרעפען מיט מאיר'ען איין אומגליק: ער איז נעבאָך אַריבער איבער אַ פּלויט, אַריין צום גלח אין גאָרטען און אָנגעריסען אַ פּולען בוזעם מיט באַרלעך. האָט דעם גלח'ס טאָכטער דערזעהען דורכ'ן פענסטער. איז דער גלח אַרויסגעלאָפען מיט אַ הונט און האָט איהם געחאַפּט. האָט איהם דער הונט צעריסען, איך בעט איבער אייער כבוד, די הויזען, און דער גלח האָט אַראָפּ־געריסען ביי איהם דאָס היטעל און געלאָזט איהם געהן, וואו די אויגען טראָגען.

וואָלט דאָס אפשר אויך נאָך נישט געווען אזא־נ־אומגליק, ווען דאָס זאָל ניט געווען זיין תשעה־באָב! סטייטש, אַלע אידען געהען־אַרום אין די זאָקען, קלאָגען און וויינען אויף חורבן בית־המקדש, און ער, רב חיים דעם רב'ס זוהנדעל, שפּאַציערט־אַרום אָהן אַ היטעל און מיט צעריסענע הויזען!

די עקזעקוציע, וואָס דער יונג איז נעבאָך אויסגעשטאַנען, לאָזט זיך ניט באַשרייבען ביי היינטיגע צייטען פון ריינעם פּראָגרעס. און נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס מע האָט שלום נחום ווערוויק'ס געמוזט אָפּנעמען פון חדר, און קוקענדיג אויף נחום ווערוויק'ס, האָבען אַנדערע טאַטעס אויך אָפּגענומען זייערע קינדער. איז נעבאָך רב חיים דער רב געבליבען אָהן אַ קנעלונג. האָט איהם דאָס רבנות מיט'ן חזנות געגעבען ווינציג פרנסה. האָט ער זיך געמוזט אַריבערפּעקלען, מחילה, צוריק קיין ראַקיטנע. איז דאָס שטעדטעל געבליבען ווידער אָהן אַ רב.

נאָר שרעקט זיך ניט — דאָס איז געווען ניט אויף לאַנג. נחום וועוויק׳ס האָט אַראָפּגעבראַכט אַ נייעם רב, פון באַרישפּאָלי, מיט׳ן נאָמען שמואל־אלי, אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן אויך אי גוט לערנען, אי שען זינגען, און דערצו שפּיעלט ער אין שאָך, וואָס ס׳איז גאָר אַ חריפות! איין חסרון נאָר האָט אָט דער שמואל־אלי: ער איז אַ ביסעל אַ אינטריגאַנט און אַ חנופה׳ניק און האָט ליעב רעדען מיט יונגע ווייבלעך, אַז קיינער זעהט ניט...

און אָט אַזוי איז פאַרלוירען געגאַנגען דער צווייטער חבר פון אונזער העלד.

10

חבר „סירקאַ"

אַ הונט אַ חכם און אַ בעל דרך־ארץ. — צער בעלי־חיים. — אַ גלגול פון אַ מענטשען. — אַ געטרייער חבר.

איך מיין, אַז נאָכ'ן נאָמען אַליין איז ניט שווער צו שטויסען זיך, אַז סירקאַ איז געווען נישט קיין מענטש, נאָר אַ הונט, אַ געוויינליכער הונט מיט אַ גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהייסען „סירקאַ".

איך זאָג: אַ הונט אַ געוויינליכער — איך מוז מיך אָבער באַלד פאַרענטפערען, אַז ניין, ניט קיין געוויינליכער, ווי מיר וועלען עס באַלד געוואוירע ווערען. פריהער אָבער מוז מען זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם הונט'ס ביאָגראַפיע — פון וואַנען קומט צו אַ אידען אַ הונט? איז אַזאַ מעשה:

אַז נחום וועוויק'ס איז אַראָפּגעקומען פון שטאָדט אין שטעדטעל אַריין און איבערגענומען די „פּאָטשט" מיט'ן הויף, מיט'ן גאַנצען אינווענטאַר, האָט זיך אין הויף געפונען דער הונט סירקאַ, נאָך גאָר אַ יונגער, נאָר שוין אַ פאַרשטאַנדיגער, איין אמת'ער „בר־דעת", אויף אַזוי וויים, אַז ער האָט געקענט די גייע בעלי־בתים — איז איינס; און דאָס צווייטע: פאַר אַ אידען האָט ער געהאַט דרך־ארץ, נישט זאַטשעפּעט, חלילה, ווי אַנדערע הינט, וואָס האָבען אַ טבע — וויבאַלד זיי דערזעהען פאַר זיך אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אהא, אַזוי ווערען זיי מלא רציחה...

פארשטעהט זיך, אז מיט די נייע בעלי־בתים האט סירקא ניט געהאט קיין שום מגע־ומשא, אין שטוב ניט אריינגעשמעקט אפילו. מסתמא האט מען איהם לכתחילה געגעבען אנצוהערעניש מיט א שייט־האלץ איבער'ן קאפ, אז אין א אידישער שטוב זאל א הונט ניט קריכען...

אין קיך אריין האט ער אויך ניט געהאט קיין דריסת־הרגל. „פרומע די מויד" מיט'ן בלינדען אויגעל האט איהם „אפגעלאנ־טשעט" דערפון סך־הכל מיט איין אקרעפּ זודיג וואסער, וואס זי האט איינמאל אין א ערב־שבת אויסגעגאסען אויף איהם מיט א כיון און אפגעקאכט איהם א שטיק פעל, און דוקא גאר אין גוטען מוט, און נאך געלאכט אויך.

אך, אט די פרומע! א טאטערש הארץ האט געהאט אט די מויד! ניט קיין הונט, ניט קיין קאץ האט זי נישט געקאנט פאר־טראגען. מיט טרערען אויף די אויגען האט שלום נחום וועוויק'ס איינמאל קוים ארויסגעראטעוועט פון איהרע הענט די קאץ, וואס זי האט צוגעבונדען צום פיסעל פון טיש און מיט'ן שטעקען פונ'ם בעזעם אזוי אומ'ברחמנות'דיג געשלאגען, אז די קולות פון דעם אומגליקליכען באשעפעניש זענען געגאנגען אין הימעל אריין!

— פרומעניו, הארצעניו, ליובעניו, וואס טהוסט דו? א צער בעלי־חיים! גאט וועט שטראפען! שלאג מיך בעסער, שלאג מיך, אבי ניט די קאץ! — האט זיך שלום געבעטען און אונטער־געשטעלט דעם רוקען אט דער דעספאטישער מויד, וואס האט זיך אליין ארומגעקוקט, אז שוין צו אכזריות'דיג האט זי זיך באגאנגען מיט דער קאץ, און האט זי אפגעגאסען מיט א קווארט קאלט וואסער — קוים „אטחאיוטשעט" דאס האלב־טוידטע באשעפעניש.

און דאס אלסדינג איז געוועז, מיינט איהר, איבער וואס? איבער א נארישקייט: פרומען האט זיך אויסגעדאכט, אז די „נאשערין" (קיין אנדער נאמען האט זי ביי איהר ניט געהאט!) האט שוין עפּיס נעהאפּט, ווארום זי האט זי געטראפען באלעקען

זיך. „וואָס באַלעקט זיך פּלוצים, אין מיטען דרינען, אַ קאַץ?״...
אַלעמען און יעדען איינציגען האָט פרומע חושד געווען: וויבאַלד
אַ קאַץ — איז זי מסתּמא אַ נאַשערין, אַ הונט — אַ מזיק, אַ גוי —
אַ גנב, אַ קינד — אַ חזיר... און אַזוי אַלע, די גאַנצע וועלט! נאָר
מיר קעהרען זיך אום צוריק צום הונט סירקאָ.

אַרויסגעטריבען געוואָרען אַזוי מיאוס סאַי פון שטוב, סאַי פון
קיך, וואָלט איין אַנדער הונט אויף זיין אָרט געווים אָפּגעטראָטען
פון׳ם דאָזיגען הויף: „לעבט אייך הונדערט און צוואַנציג יאָהר!״
ניין, סירקאָ איז געווען ניט אַזאַ מין. ער זאָל וויסען — דער
טוידט זאָל זיין, וועט ער פון הויף ניט אַוועק! דאָ איז ער געבוירען
געוואָרען, דאָ וועט ער פּגר׳ען... ובפרט, ער האָט נעהאַט גוטע
מליצים פאַר זיך: די קינדער פון דעם בעל־הבית. ער האָט נושא־
חן געווען אין זייערע אויגען, חאָטש פרומע האָט זיך געפּלייסט
איהם צו פאַר׳מיאוס׳ען. אַ סך, אַ סך הינט וואָלטען זיך ווינטשען
האָבען אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקאָ האָט
נעהאַט. פון׳ם שענסטען און פון׳ם בעסטען האָבען איהם חברה
אַרויסגעטראָגען אין די קעשענעס, פאַרשטעהט זיך, בסוד־סודות,
אַז קיינער זאָל ניט זעהען און אפילו ניט אָנשטויסען זיך, וואָרום
ס׳וואָלט נעקאָנט זיין זעהר מיאוס פאַר ביידע צדדים. סירקאָ האָט
שוין געוואוסט די צייט פון אָנבייסען, פון וואַרעמעס און פון
וועטשערע, און האָט שוין אַרויסגעקוקט מיט אַלע אויגען, ווען וועט
מען איהם שוין אַרויסטראָגען פון אַלע גוטע זאַכען. ער האָט שוין
געוואוסט אפילו, ביי וועמען אין וואָסער אַ קעשענע אָנצושמעקען
און האָט שוין אַליין געשטופּט די מאָרדע אַהין — אַ הונט אַ חכם!

היינט די קונצען, וואָס חברה האָבען איהם אויסגעלעהרענט!
אַנידערלעגען איהם, למשל, אויפ׳ן שפּיץ נאָז איין אָפּגעלעקט
ביינדעל, אָדער אַ שטיקעל ברויט, און זאָגען איהם: „ניע ראוש!״
(געוויינטליך, רעדט מען מיט אַ הונט אויף גוייש) — וועט ער
אייך וואַרטען מיט דרך־ארץ וויפיעל איהר ווילט, ביז ער וועט

דערהערען דאָס נוטע וואָרט: „האם!” דעמאָלט טהוט ער אַ שפּרונג־אונטער — און פאַרטיג.

ווינטער ביינאַכט, ווען די קינדער געהען אין חדר אריין, האָט זיך סירקאָ נישט געקאָנט דערוואַרטען אויף זיינע חברים, און אַלע מאָל, ארום זיינער נייען, איז ער אויסגעוואַכסען אונטער׳ן פענסטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפרוירענע טאַפּלים — אַ סימן, אַז ס׳איז שוין צייט צו פאַרמאַכען די ספרים און געהן אהיים עסען וועטשערע. ביי׳ם רבין איז סירקאָ געווען, להבדיל, אַ זייגער. „נישט אנדערש — האָט ער געזאָגט — אַז אייער הונט איז אַ גלגול!” — און געלאָזט די קינדער פריי, נעמען די פּאַפּיערענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס און געהן אהיים האָפּערדיג, מיט די פריילינבע יונ׳ישע ליעדער, סאָלדאַטסקי ניגונים:

ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע,
פּאָידיעם, פּאָידיעם נאַ קוואַרטירע,
אַכטער־באַכטער קאַלאַשקאַ,
וואָסים דיענגי ראַבאָשקאַ...

אָדער:

פּאַרא, פּאַרא!
פּאַרא וויביראַטסאַ!
אי סאַ וסיעמי גאָספּאַדאַמי
ראַספּראַשטשאַטסאַ — פּאַרא!...

סירקאָ איז געלאָפען אויף צו־פריהער און פאַר גרויס פריינד און התפעלות געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי — און אַלץ צוליעב די שטיקלעך ברויט מיט די אָפּגעלעקטע ביינדלעך פון דער וועטשערע. אַ הונט אַ חרוץ!

וויפיעל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אויפ׳ן הארצען איז וויסט, אויף דער נשמה סומנע, אין דער היים געהאַפּט אַ פּסק, אין חדר פאַרבעסערט, — דעמאָלט פאַרקלויבט זיך שלום נחום וועוויק׳ס וויט אין גאָרטען, אויף יענער זייט בוימער, און סירקאָ מיט איהם.

דאָרט, הינטער'ן פּלויט, אויף אַ בערגעל מיסט, זעצט ער זיך אוועק מיט זיין געטרייען סירקאָ, וואָס ציהט־אויס די מאָרדע, קוקט גלייך אין די אויגען אריין, ווי אַ זינדיגער מענטש. „וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער בעת מעשה? פאַרשטעהט ער טאַקי יעדע זאַך, ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נשמה, ווי, להבדיל, אַ מענטש?"... און עס קומט איהם אויפ'ן זינען דעם רבינ'ס ווערטער: „דער הונט איז אַ גלגול פון אַ מענטשען"... און ער דערמאָנט זיך, וואָס שלמה המלך זאָגט אין קהלת: ומותר האָדם מן הבהמה אָין — קיין חילוק ניט פאַרהאַן צווישען אַ מענטשען און אַ בהמה... „אויב ס'איז קיין חילוק ניט פאַרהאַן, פאַר וואָס זשע איז ער אַ הונט און איך אַ מענטש?"... — אזוי טראַכט ער זיך און ער קוקט מיט רחמנות און, צו גלייכער צייט, מיט דרך־ארץ אויפ'ן הונט, און דער הונט — אויף איהם, ווי זיינער אַ גלייכען. אַ הונט אַ חבר! אַ טייערער, אַ געטרייער חבר — סירקאָ!...

11

סירקאָ'ס טראַגעדיע

אַ מיאוס'ער בלבול. — דאָס אומקומעניש פון איין אומשולדיגען הונט. — הייסע טרערען.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגען, אַז סירקאָ איז געווען אַ הונט אַ חכם, וואָס האָט פאַרשטאַנען, ווער עס האָט איהם מעהר ליעב פון אַלעמען, און דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס מעהר ווי צו אַלע קינדער האָט זיך סירקאָ דער הונט צוגע־בונדען צום פאַרפאַסער פון די דאָזיגע כתבים, געשלאָפען מיט איהם חבר'שאַפט אָהן ווערטער און ליעב געהאַט, געווען נאָך איהם טאַקי באמת די כפרה, און טאַקי באמת גרייט געווען זיך מפקיר זיין פאַר זיין חבר און פאַר זיין האר. אַ שטומע צונג — נישט געווען בכח דאָס ארויסצובאַווייזען, איבערגעבען מיט ווערטער, האָט ער עס ארויסבאַוויזען, ווי אַ הונט, מיט זיין שפּרינגען און מיט זיין קוויטשען און מיט זיין וואַרפען זיך פאַר איהם אין דער ערד אריין אויף זיין הינטישען שטייגער. ס'איז געווען גענוג איין וואָרט, אַז זיין חבר און זיין האר זאָל איהם אַ זאָג טהון: „נאַ מיעס־טאַ!״ — זאָל סירקאָ אוועק, ווי אַ סטאַטיק, און ליגען, ווי אַ קעצעלע, שטיל, און נאָר מיט איין אויגעל לאַקערען, אכטונג געבען וואָס זיין האר טהוט.

צווישען דעם „האר״ און זיין „קנעכט״ סירקאָ איז געווען אַ שטילע ליעבע, און דער האר האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַר־

שטעלען זיך, וואָס וועט זיין, אז סירקאָ וועט ניט זיין. וואָס הייסט, ער וועט ניט זיין? ווי איז דאָס מעגליך? סירקאָ איז דען א מענטש, וואָס זאָל אוועקשטאַרבן און פאַרגעסען דעם זיי־געזונט?... וויפיעל מאָל האָבען גויים געפרובט פאַרנאַרען סירקאָן צו זיך אין דאָרף אריין, — איז ער דען נישט געקומען צו לויפען אויף מאָרגען א פאַרסאַפּעטער מיט איין ארויסגעשטעלטער צונג און געוואָרפען זיך און געקאַטשעט זיך און געשפּרונגען צו זיין האַר אויפ'ן האַלז און געקווימשעט און געלעקט איהם דעם קאָלנער, און מע וואָלט געמעגט שווערען, אז טרערען זענען איהם געשטאַנען אין די אויגען!

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פינסטערער וויסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרייער סירקאָ איז אוועק, אוועק אויף תמיד, אויף אייביג, און אזוי אומגערעכט אוועק, אזוי מיאוס־פאַרדראָסיג, אזוי מורא'דיג־טראַגיש!

זומער האָט זיך געטראָפען די דאָזיגע טרויעריגע געשיכטע, אים סאַמע תמוז. דאָס איז געווען א זומער פון שרעקליכע היצען, אָהן א טראָפּען רעגען — מענטשען זענען ממש אויסגעגאַנגען פון היץ. און דאָס ווייסט איהר דאָך, אז אין די גרויסע היצען זענען די הינט מסוכן — זיי ווערען משוגע.

איז ארוים א קלאַנג אין שטעדטעל, אז א הונט איז משוגע געוואָרען און האָט צעביסען נאָך עטליכע הינט, מע ווייסט ניט וועלכע. איז געפאַלען א פחד אויף די שטאָדט־לייט, און מע האָט זיך גענומען קודם צום פאַרזיכערונגס־מיטעל אויף צו פאַרהיטען קליינע קינדער, טאָמער איז עמיצער חלילה צעביסען געוואָרען פון א משוגע'נעם הונט.

דאָס דאָזיגע מיטעל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט אלע קינדער אָפּגעשיקט צום אלטען טראָפים, א גוי א זנאַכאַר, וואָס האָט שאַרפע נעגעל און מיט זיינע שאַרפע נעגעל קאָן ער „אראָפּנעמען בלויע הינטעלעך" פון אונטער דער צונג, און אזוי

קונציג, אז מע זאל גארניט פיהלען. די אפעראציע איז ניט אזא מסוכנ'ע, נאר שטארק אנגענעם איז דאס אויך ניט, אז א גוי קריכט צו אייך מיט די נעגעל אין מויל אריין און זוכט ביי אייך „בלויע הינטעלעך” אונטער דער צונג...

דערנאך האט מען זיך א נעם געגעבען צו די הינט פון שטאדט. מע האט ארפגעבראכט, גאט ווייסט פון וואנען, צוויי קאצאפעס, הינטשלעגערס, אנגעוואפענט מיט גראבע שטריק און מיט אייזערנע קרוקעס, און די קאצאפעס האבען זיך א נעם געגעבען צו דער ארבייט. אין איין טאג האבען די דאזיגע תלינים אוועקגעלעגט א פאר צעהנדליג הינט. אויפ'ן קוק האבען זיי אייך געקאנט אפ־שאצען, וועלכער הונט ס'איז משוגע און וועלכער ניט. ווער האט זיך געקאנט ריכטען, אשטייגער, אז דער גורל וועט פאלען אויך אויף דעם גוטען, קלוגען, סטאטעטשנעם סירקא?

א סברה, אז די קאצאפעס האבען באקומען פון דער שטאדט זייער לוין נאכ'ן צאהל פון די אויסגע'הרג'עטע הינט, און וויבאלד אזוי, איז גאנץ מעגליך, אז ס'זענען געווען נעבאך א סך אומ־שולדיגע קרבנות — און סירקא איינער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זענען די קינדער געוואוירע געווארען שוין לאחר המעשה, קומענדיג פון חדר אהיים — און זיי האבען אויפ־געהויבען א גאנצע רעוואלוציע אין שטוב: „סטייטש, סירקא!... סטייטש, ווי האט מען עס דערלאזט אזא מעשה!”...

פארשטעהט זיך, אז די רעוואלוציע האט זיך אויסגעלאזט מיט א קאנטער־רעוואלוציע: „חדר־יונגלעך זאלען האבען א השגה אין זינען האבען הינט!”... און מע האט זיי מכבד געווען מיט רעכטע פעטש, און אויף צו פארבייסען האט מען זיי צוגעשטעלט א בענ־קעלע פאר'ן רבין, געבעטען, ער זאל ניט זשאלעווען קיין שמיץ. און דער רבי האט צוליעב געטהאן — ניט געזשאלעוועט קיין שמיץ... אוי, שמיץ!...

נאָר דאָס אַלסדינג איז געווען גאָרנישט אַקעגען דעם, וואָס סירקאָ איז נעבאַך אומגעקומען אומזיסט־אומנישט!

מעהר פון אַלע איז געווען דערשלאָגען סירקאָ׳ס ליעבלינג — דער מחבר פון די דאָזיגע מעמוארען. דער האָט עטליכע טעג דורכאַנאַנד ניט געגעסען, עטליכע נעכט ניט געשלאָפען, געקאַטשעט זיך אויף אַלע זייטען, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, נישט געקאָנט מוחל זיין די שלעכטע בייזע מענטשען, וואָס האָבען ניט אין זיך קיין קאַפּ רחמנות, קיין צער בעלי־חיים, קיין טראָפּען יושר — און ער האָט שטאַרק־שטאַרק נאָכגעדענקט נאָך דעם, וואָס איז אַ הונט און וואָס איז אַ מענטש, להבדיל?... פאַר וואָס איז אַ הונט אַזוי געטריי צו אַ מענטשען, און פאַר וואָס איז אַ מענטש אַ תּלין?... און עס קומט איהם אויפ׳ן זינען סירקאָ מיט די קלוגע גוטע אויגען, און ער פאַלט־צו מיט׳ן פּנים צו דער קישען און באַנעצט זי מיט ביטערע, ביטערע טרערען.

12

דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע

עוזר דער קאַרנאַסער — אַ מסור. — אַ סך אַפּיטרופּסים. — די באַבע מינדיי'ס שבת־אויבסט. — מוסר־זאָגער און מאַראַל־פּרעדיגער.

טאָמער וואָלט אַ יונגעל פאַרגעסען, אַז ער האָט געהאַט אַ הונט פאַר אַ חבר, האָט מען איהם דערמאַנט אויף יעדען טריט און שריט: „סירקאָ האָט דיר געלאָזט געריסען"... און ביי אַזאַ געלעגענהייט האָט מען איהם שוין דערוויל אַריינגעזאָגט אַ ביסעל מוסר — ער זאָל האָבען צו געדענקען אויף ווייטער. דאָס מוסר־זאָגען איז פאַר איהם געווען אַ סך ערגער פון פּעטש. ניט אומזיסט זאָגט מען ביי אונז אַ שפּריכוואָרט: „אַ פּאַטש פאַר־געהט, אַ וואָרט באַשטעהט". ובפּרט, אַז דאָ איז געווען ביידע זאַכען: אי פּעטש, אי ווערטער. און ווערטער זענען געגאַנגען פון אַלע זייטען. ווער ס'האָט געהאַט נאָט אין האַרצען, דער האָט געשטראָפט, און דוקא מיט גוטע רעד. דאַכט זיך, וואָס געהער זיך אָן אַ איד אַ שמש צו אַ נגיד'ס אַ יונגעל, בעת ער דאַוונט? און וואָס איז זיין עסק, אַשטייגער, וואָס אַ נגיד'ס אַ יונגעל קוקט דורכ'ן פענסטער אַרויס אַקוראַט בעת שמונה־עשרה? און אַ נגיד'ס אַ יונגעל, מיינט איהר, קוקט אומזיסט דורכ'ן פענסטער? ס'מעג זיך טאַקי זיין שמונה־עשרה, ס'איז אָבער פּאָרט העכסט־אינטערעסאַנט צו זעהען אַ זעלטענע סצענע, וואָס ס'איז כּדאַי אָנצוקוקען און זיך אַ מוסר אַראָפּנעמען, ווי אַזוי אַ הונט יאָגט

זיך נאָך א קאַץ. די קאַץ האָט זיך אַנגעבלאָזען און לויפט פייל אויס'ן בויגען — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ אויפ'ן פּאַרקאַן — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ אַראָפּ פונ'ם פּאַרקאַן — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ צום רינשטאָק — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ דורכ'ן רינשטאָק אויפ'ן דאַך — דער הונט א מכּה! בלייבט ער שטעהן, דער כּלב שבּכּלבים, ווי א נאַר, און באַלעקט זיך און טראַכט זיך, אפנים: „וואָס האָב איך, הונט, נאָכצולויפען נאָך א קאַץ, וועלכע איז גאָרנישט מיין שטאַט, און וואָס האָב איך צו טהון אויפ'ן דאַך?"...

— אָט אזוי שטעהט א יונגעלע שמונה־עשרה? — זאָגט מלך דער שמש און דערלאַנגט איבער'ן האַלז־און־נאַקען. — וואַרט, שייגעץ, איך וועל שוין דערצעהלען דיין טאַטען!...

אָדער, אשטייגער, וואָס געהט עס אָן עוזר דעם קאַרנאַסען בעדער (אמאָל איז עוזר געווען א שוסטער, אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אויסגעמאַטערט און האָט זיך באַשטעלט פאַר א בעדער), וואָס נחום וועוויק'ס יונגלעך גליטשען זיך באַרג־אַראָפּ אויפ'ן געזעס און רייבען־אויס די הויזען? האָט דאָס עוזר דער קאַרנאַסער בעדער באַדאַרפט דערזעהען פון באָד אַרויס און האָט זיך עס א ביסעל צעלאָזט אויף זיין פּאַנפּעוואַטע כּלי:

— ממזרים! הולפּייעס! א רוח אין אייער פּאַפּער און מופּער אריין! איהר נעמט נייע הויזען און מאַכט א פּעל, עובר אויף בּל פּשחית! אָט לויף איך אוועק צו אייך אין חפר אריין און שפּעל אייך צו א פּענקעלע!"

פאַר די, וואָס פאַרשטעהען ניט פּאַנפּאַטש־לשון, מוז מען דאָס איבערזעצען: „ממזרים, הולטייעס, א רוח אין אייער פאָטער און מוטער אריין! איהר נעמט נייע הויזען און מאַכט א תּל, עובר אויף בּל תּשחית! אָט לויף איך אוועק צו אייך אין חדר אריין און שמעל אייך צו א בענקעלע!"...

צושטעלען א בענקעלע — דאס איז נים נאר א מצות, דאס איז א חוב, וואס יעדער איד איז מחויב צו טהון, ווארום יעדער איד האט קינדער און קיינער קאן נישט ערב זיין, וואס פון זיינע קינדער קאן אמאל אויסוואכסען. באדארף מען זיי גוט נאכקוקען און העלפען האטש מיט׳ן מויל, אויב מע קאן נישט מיט די הענט. דעריבער האבען די קינדער געהאט א סך מדריכים און אפיטרופסים און אנגעהערט זיך אזוי פיעל מוסר, שטראף־רעד און מאראל, אז ס׳האט שטענדיג געזשומעט אין די אויהערען: „זשו־זשו־זשו — דאס זאלסט דו נישט טהון!" „זשו־זשו־זשו — דא זאלסט דו נישט שטעהן!" „זשו־זשו־זשו — אהין זאלסט דו נישט געהן!" אלע האבען געזשווזשוקעט: טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, דער רבי, די דיענסטמויד, די פעטערס, די מוהמעס, די באבע, און איבערהויפט די באבע מינדי, וואס פארדיענט דערמאנט צו ווערען מיט א פאר ווערטער.

די באבע מינדי — דאס איז געווען א אידינע א הויכע און א טשעפקע, איין אפגעפוצטע און א פרומע מיט סכנת־נפשות! איהר עובדה איז געווען — אכטונג צו געבען אויף די קינדער און אויף זייער אידישקייט: אויסגלעטען די איינינקלעך די פאות מיט באשפייטע פינגער, אפרייניגען און אויסגלייכען די מלבושים׳־לעך, זיך צוהערען ווי זיי דאווגען, בענטשען און לייענען קריאת־שמע פאר׳ן שלאפען געהן. דערפאר האבען אלע איינינקלעך געמוזט קומען צו איהר שבת בייטאג זאגען דער באבען א גוט־שבת, זיך אויסזעצען, ווי די סטאטקעס, ביי דער וואנט און זיצען און ווארטען, ביז זי וועט געבען „שבת־אויבסט". געגעבען האט זי דעם „שבת־אויבסט" עפיס נים אזוי ביד רחבה, נאר דערפאר אויף ריינע גלאנצענדיגע שעלעכלעך: איין עפעלע, א פערשקע, א באקסער, א פייג, אדער דריי־פיער איינגעדארטע ראזינקעס, און מוסר האט זי דערביי געזאגט אהן א שיעור! דער מוסר איז באשטאנען אין דעם, אז מע באדארף פאלגען טאטע־מאמע און

גוטע־פרומע לייט, און אז מע באדארף זיין אידען, און אז גאָט וועט שטראָפען פאר איטליכם ברעקעלע — פאר ניט דאווגען, פאר ניט פאָלגען, פאר ניט לערנען, פאר שטיפען, און אפילו פאר א שלעכטע מחשבה, און אפילו פאר א פלעק אויף דער קאפאָטע, — אזוי, אז ס'איז כמעט נישט איינגעגאנגען דאָס עפעלע, די פערשקע, דער באָקסער, די פייג, אָדער די דריי־פיער איינגעדארטע ראָזינקעס.

נאָר וואָס פאר א ווערטה האָט געהאָט דער באבע'ס מוסר אקעגען יענעם קוואל פון מוסר, וואָס דער רבי האָט נאָכדעם אויס־געגאָסען פאר זיינע תּלמידים טאקי דעם זעלבען שבת בייטאָג פאר מנחה דאווגען? טייכען טרערען האָט ער ארויסגעצויגען פון אלעמען'ס אויגען — אזוי שארף און בולט האָט ער אויסגעמאָהלט דעם יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע, דעם גן־עדן מיט'ן גיהנום, מיט'ן מלאך־הדומה, מיט'ן ווארפען כּף־הקלע פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען! מילי־מיליאָסען שדים, רוחות און ניטגוטע האָט ער אויסגעשפרייט פאר די תּלמידים'ס פּים, געזעהען זיי ביי איטליכען אונטער די נעגעל, געוועזן זיכער, אז יעדער איינציגער איז א יורש־גיהנום, ווארום טאָמער האָט זיך אפילו געפונען איינער אזעלכער, וואָס האָט ניט געזינדיגט, וואָס האָט געדאווענט און געלערענט און געטהאָן אלסדינג, וואָס דער יצר־טוב הייסט צו טהון, האָט ער דאָך געפאָלגט דעם יצר־הרע און געזינדיגט במחשבה. און אויב ניט במחשבה, האָט ער אין שלאָף, אין חלום עפּיס מהרהר געווען וועגען א זאך, וואָס מע טאָר ניט...

הכּלל, ס'איז נישט געווען זיך אויסצובאהאלטען פונ'ם מזיק, פונ'ם יצר־הרע, אין ערגיץ, סיידען לעג זיך אוועק און שטארב! און דאָ, אויף צו־להכעיס, ווילט זיך דוקא א לעב טהון, און דוקא א שטיף טהון, און דוקא לאכען, און דוקא נאשען, און דוקא אָפּ־האפּען דאָס דאווגען, און דוקא טראכטען פון דעם, וואָס מע טאָר ניט... דאָס איז שוין געווען דעם יצר־הרע'ס ארבייט, וואָס האָט געהאָט גענוג שליחים אויף אריינצוחאפּען דעם אומשולדיגען אין

נעץ אריין — און קוים האָט ער שוין אריינגעחאפּט, איז מען שוין במילא נאָכגעגאנגען איהם, ווי א קעלבעל, און געטהאָן אלסדינג, וואָס דער יצר־הרע האָט געהייסען טהון. און דער יצר־הרע האָט שוין אזא גליק, אז איהם פאָלגט מען א סך מעהר, ווי דעם יצר־טוב. עס העלפט נישט קיין שום מוסר־זאָגען מיט קיין שום מאָראל פּרעדיגען. אדרבה — וואָס מעהר דער יצר־טוב פלייסט זיך, אלץ שטארקער ארבייט דער יצר־הרע. איך האָב מורא ארויסצורעדען, נאָר מיר שיינט, אז ס׳זאָל ניט זיין קיין יצר־טוב, וואָלט דער יצר־הרע נישט געהאט וואָס צו טהון...

13

גנבה, קאָרטענשפּיעל און אַנדערע עבירות

די קינדער העלפֿען דער מאַמע אויפֿ׳ן יאַריד. — קאָרטען לכבוד חנוכה. — בערעל דער אַלמנה׳ס לעהרענט גנבה׳נען. — אַ יונג איין אויסוואורף.

מיט נחום וועוויק׳ס קינדער האָט זיך דער יצר־הרע באַגאַנגען, ווי אַ מערדער. לאָ די וואָס די קונדסים האָבען פאַרקנייטשט דאָס דאַווענען, העכער האַלב איבערגעהיפּערט און געזאָגט דער באָבען אַ גרויסען ליגען, אַז זיי האָבען אויסער׳ן דאַווענען נאָך געזאָגט עטליכע קאַפּיטלעך תהלים, — האָבען זיי נאָך פּשוט אויסגע־לערענט זיך גנב׳ענען, נאַשען, קאָרטען־שפּיעלען און נאָך אַנדערע עבירות... פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס אַלסדינג איז געגאַנגען בהדרגה, איינס האָט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: עבירה גוררת עבירה... און געגאַנגען איז דאָס אַט ווי אַזוי:

איך האָב אייך שוין, דאַכט זיך, געזאָגט אויבען, אַז די וואָראָנקאָווער אידען האָבען געלעבט פון׳ם גוי, און איבערהויפּט פון די גרויסע יארידים, וואָס האָבען געהייסען מיט׳ן נאָמען „קראַסנע טאָרגעס". אויף די דאָזיגע יארידים האָבען אידען אַרויסגעקוקט, האָבען זיך געטומעלט, געמאַכט געשעפטען, געלייזט געלט, און גויים האָבען געטהאָן זייערס — זיי האָבען גע׳גנב׳עט, און איבערהויפּט די גויעס. ס׳איז נאָר ניט געווען אויסצושטעהן

און איינצוהיטען זיך פון זיי! אַט האָט איהר בּיי איינער אַרויס־געטרייסעלט פון אַרבּעל אַ פּעטשיילע, אָדער אַ סטענגעלע, און אַט האָט שוין די אַנדערע גויע אוועקגע׳לקח׳ענט אונטער דער נאָז אַ חלבּ׳ען ליכטעל, אָדער אַ בּאָקסער. וואָס טהוט מען? איז די מאַמע, חיה־אסתּר נחום וועוויק׳ס, געפאַלען אויף איין עצה: אוועקגעשטעלט איהרע יונגלעך אין קלייט, זיי זאָלען אַכטונג געבּען, מע זאָל ניט גנבֿ׳ענען — און חבֿרה האָבּען איהר גוט און געטריי אַכטונג געגעבּען: אַ חוץ וואָס מע האָט אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט בּאָקסערען, מיט טיטון, מיט ניסלעך און מיט טרוקענע פלאָמען, האָט מען זיך נאָך צוגעהאַפּט צום גרינעם קעסטעלע, וואו דער „פּדיון" איז געלעגען, און אַקוראַט בּעת די מאַמע האָט זיך פאַררעדט מיט אַ קונה׳טע, האָט מען אַריינגערוקט אין קעשענע אַ פּאָר מזומנ׳ע מטבּעות, האַרטע זעכּסערלעך, און מען איז אוועק מיט זיי דערנאָך אין חדר און דאָרט פאַרנאַשט אויף בּלינעס, קאָרזשעס, מאָהנעלעך, אַרבּעסלעך און סעמעטשקעס, אָדער — גאָר פאַרשפּיעלט אין קאָרטען.

שפּיעלען אין קאָרטען איז געווען אַ מין חולאַת, איין עפּידעמיע אין אַלע אידישע חדרים, וואָס גענומען האָט זיך עס פון חנוכּה און איז פאַרבּליבּען אויפ׳ן גאַנצען ווינטער. עס איז בּאוואוסט, אַז חנוכּה איז אַ מצוה צו שפּיעלען. ווער סע שפּיעלט אין דריידעל, און ווער סע שפּיעלט אין קאָרטען. אמת, מיר מיינען נישט חלילה קאָרטען ממש, אָפּגעדרוקטע קאָרטען; מיר רעדען דאָ פון געמאַכטע, פון אידישע קאָרטען, פון „למ"ד־אל"ף־קאָרטען". נאָר ס׳איז אַלץ איינס. דער איינענער יצר־הרע מיט׳ן איינענעם אזאַרט. געקומען חנוכּה, האָט דער רבּי אַליין נישט נאָר געהייסען שפּיעלען — ער האָט אויך גענומען אָנטייל אינ׳ם שפּיעלען און איז, אדרבּה, פאַרקעהרט, געווען גאַנץ צופריעדען אָפּגעווינען בּיי זיינע תּלמידים דאָס גאַנצע חנוכּה־געלט. און פאַר־שפּיעלען דעם רבּין דאָס חנוכּה־געלט איז געווען אַ פאַרגעניגען און אַ כּבוד און אַ פריידי. יערענפאַלס — בּעסער צו פאַרשפּיעלען

דעם רבין דאָס חנוכּה־געלט, איידער זיין פון רבין אַ געשמיסענער — דאָס וועט, דאַכט מיר, צוגעבען יעדער פאַרשטענדיגער מענטש...

דערפאַר אָבער, אַז ס'איז אַוועק חנוכּה, איז געווען אוים יום־טוב און אוים קאָרטען! דאָס הייסט, דער רבּי האָט אָנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט: הזהר והשמר — טאָמער וועט מען זיך דערוועגען עמיצער צוריהרען זיך צו אַ קאָרט, אָדער אפילו רעדען פון קאָרטען, אָדער טראַכטען וועגען קאָרטען, איז אחת דתו להמית — איז ער אַ געשמיסענער!...

אפנים, אַז דער רבּי איז אַליין געווען אַמאָל אַ רעכטער קונדס און האָט ליעב געהאַט אַ קערטעל נישט נאָר לכּבוד חנוכּה. וואָרום אַז ניט, פון וואַנען נעמט זיך צו איהם גאָר דער דאָזיגער געדאַנק?... ווי אַזוי די מעשׂה איז, נאָר זיינע תּלמידים האָבען דעם גאַנצען ווינטער נאָך חנוכּה געשפּיעלט אין קאָרטען מיט אַ סך מעהר היץ און מיט נאָך אַ גרעסערען אַזאַרט, ווי חנוכּה. מע האָט פאַר־שפּיעלט די אָנבייסענס מיט די מיטאָגס, מע האָט פאַרשפּיעלט וואו ווער ס'האָט געהאַט אַ מזומנ'עם גראָשען, און אַז ס'איז ניט געווען קיין געלט און שפּיעלען האָט זיך געוואָלט, האָט מען גע־זוכט כּל־ערליי וועגען אויף צו קריגען געלט. ווער עס האָט זיך דערגריבעלט צו רב־מאיר־בעל־נס־פּושקע און דורך אַ שטרויעלע מיט וואַכּס ארויסגעקריגען פון דאָרטען איינציגווייז די פאַרווייַנטע גראָשענס, וואָס די מאַמע האָט אהין אריינגעוואָרפען אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט פאַר ליכט־בענטשען. ווער עס האָט זיך איין עצה געגעבען, דורך אַ שליחות אין מאַרק, עפּיס אַראָפּחאַפּען אַ פּאָר גראָשענס „קאָמיסיע". און ווער עס האָט זיך פּשוט דעביוועט צום טאַטען'ס בייטעלע, אָדער צו דער מאַמע'ס קעשענע, ביי דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפען, און ארויסגעטרייסעלט פון דאָרט וויפיעל עס האָט זיך געלאָזט. און דאָס אַלסדינג איז געטהאָן געוואָרען מיט די גרעסטע פּחדים און מיט דער גרעסטער ריזיקע. און דאָס אַלסדינג איז אַוועק אויף קאָרטען־שפּיעל אין למ"ד־אַל"ף!

די פראגע איז נאָר געווען: ווען און וואו? און ווי אזוי שפּיעלט מען, אז דער רבי זאָל ניט געוואוירע ווערען? דער־פאר האָבען שוין געזאָרגט די חברים פון דער עלטערער כתה: אזעלכע יונגלעך, ווי אלי קיילע'ס, א חתן־בחור, א געלער, מיט א זילבערנעם זייגער, און בערעל דער אלמנה'ס, גלאט א בחור מיט גראָבע ליפּען און מיט מאָדנע געזונטע ציינער, וואָס קאָנען ברעכען אייזען. עס האָט שוין דעמאָלט זיך געשיט איהם א בערדעל — און ער אליין איז שולדיג אין דעם: ווייל ער רויכערט ציגאַרעטען. אזוי האָט בערעל אליין געזאָגט אויף זיך. „א סימן האָט איהר, — האָט ער גע'טענה'ט — אַט הויבט איהר אָן צו רויכערען ציגארעטען, וועט זיך ביי אייך אויך אָנהויבען אויסשיטען בערדלעך"... און ער האָט אויסגעלערנט אויף א טשיקאַוועסט א סך חברים „רויכערען ציגאַרעטען". און ניט נאָר רויכערען האָט ער זיי אויס־געלערנט — ער האָט זיי באַוויזען א וועג, ווי אזוי מע קריגט דעם מאַטעריאַל אויף צו רויכערען... דאָס הייסט, בעסער גע־זאָגט — ער האָט זיי אויסגעלערנט גנבה'נען. פאַרשטעהט זיך, אז פאַר זיין אויסלערנען האָט בערעל באַקומען באַצאָהלט — טאַקי מיט „טיטון" און מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיער.

און בערעל האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם: דער, וואָס האָט איהם געפאָלגט און געבראַכט טיטון מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיער — דער איז געווען א וואוילער יונגעל, א חבר. און ווער ס'האָט מורא געהאַט, אָדער נישט געקאָנט גנבה'נען — דער האָט ביי איהם געהייסען „א קוואַטש און א לעמעשקע" און איז אַרויס פון חבר־שאַפט, און אז ס'איז איהם אָפּגעגאַלטען, האָט ער נאָך געהאַפּט געשלאָגען אויך, טאַקי פון איהם אליין, פון בערלען הייסט עס. פאַרקריגען זיך אויף בערלען אָדער באַקלאָגען זיך אויף איהם — איז געווען אוממעגליך, וואָרום דאָס וואָלט געהייסען אַרויסגעבען זיך אליין — און דערויף זענען געווען ווינציג העלדען. דעריבער האָט מען געטהאָן אלסדינג, וואָס בערעל דער אלמנה'ס האָט גע־הייסען, און מען איז געזונקען מיט איהם וואָס ווייטער אלץ

טיעפער און טיעפער אין אָפּגרונט אַריין, און נאָט ווייסט, וואוהין חברה וואָלטען מיט איהם פאַרגאַנגען, ווען בערעל דער אַלמנה'ס זאָל ניט געווען האָבען זיין ווייסטען סוף פון זיך אַליין אויף אַזאַ מין אופן, וואָס קיינעם וואָלט דאָס גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפאַלען און וואָס זיינע חברים פון חדר זענען נאָך געווען אַזוי יונג און אומשולדיג, אַז זיי האָבען נאָך רעכט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטהאָן. זיי ווייסען נאָר, אַז ס'איז געווען אַ מעשה איינמאָל אין אַ פרייטאָג, האָט מען געחאַפּט דעם בחור אויף יענער זייט באָד, וואו ער האָט אַרויסגעקאַלופּעט אַ שטיקעל גלאָז פון אַ טאַפּלי און אַריינגעקוקט מיט איין אויג אינוועניג אַריין צו די ווייבער, ווי זיי באָדען זיך...

וועה־וועה, וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטהאָן אין שטעד־טעל! זיין מאַמע, די אַלמנה, האָט גע'חלש'ט, און איהם האָט מען אָפּגענומען פון חדר און ניט אַריינגעלאָזט אין בית־מדרש אַריין, און קיין יונגעל, אַבי נאָר אַ טאַטעג'ס אַ קינד, האָט ניט געוואָגט מעהר צו באַגעגענען זיך מיט דעם „מומר־להכעים". אַזוי האָט מען איהם נאָכדעם אַ נאָמען געגעבען. און בכדי צו פאַר־ענטפערען, אַפּנים, דעם דאָזיגען נאָמען, האָט זיך בערעל דער אַלמנה'ס אין אַ צייט אַרום, זיין מאַמע די אַלמנה האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט, אָפּגע'שמד'ט און פאַרפאַלען געוואָרען.

14

פייגעלע־אַשמדאי

שקצים ווערען בעלי־תשובה. — א רוח, נים קיין מיידעל. — א מכשפה וואס קיצעלט.

פון דעסטוועגען דארף מען נים מיינען, אז דער יצר־הרע האט אינגאנצען אויסגעפיהרט און אז דער יצר־טוב איז אלע מאל געווען הינטערשטעליג. מע דארף נישט פארגעסען, אז ס'איז געווען א ראש־חודש אלול אויף דער וועלט, מיט תשובה־טעג, מיט א ראש־השנה־יום־כפור, און גלאט תפלות, תעניתים און סגופים, וואס עהרליכע אידען האבען צוגעטראכט. נישט קוקענדיג אויף די קליינע גנבה'לעך, אויף די קארטען און אויף די אנדערע יונגעלשע עבירות, קאן מען זאגען גאנץ זיכערליך, אז דער מיטעל־סטער פון די ברידער, שלום נחום וועוויק'ס, איז געווען באמת פרום, מורא געהאט פאר גאט און געגעבען זיך נים איין מאל דאס ווארט, אז ער וועט עלטער ווערען, וועט ער זיך פארבעסערען און וועט, אם ירצה שם, זיין גוט און פרום, אזוי ווי די באבע מינדי האט געהייסען, און אזוי ווי דער רבי האט געהייסען, און אזוי ווי אלע גוטע־פרומע לייט הייסען.

אפטמאל האט זיך געטראפען, אז ער האט געוויינט ביי'ם דאוונען, זיך געשלאגען על־חטא און דערוויטערט זיך פון די עלטערע ברידער און פון אלע יענע חברים־שקצים, וואס רעדען־און שלעכטס טהון. און איין אמת'ער בעל־תשובה'ניק איז ער

געוואָרען, אז ס'איז געקומען די צייט פון תשובה־טעג, פון ימים נוראים.

זיין גוט און פרום איז בכלל זעהר זיס און אנגענעם. נאָר ווער עס האָט אמאָל געפּרובט זיין א בעל־תשובה'ניק — דער וועט מודה זיין, אז קיין בעסערע זאך קאָן שוין גאָר אויף דער וועלט ניט זיין. א בעל־תשובה איז א מענטש, וואָס בעט זיך איבער מיט גאָט, נעמט־איין דעם יצר־הרע און באהעפּט זיך מיט דער שכינה. באַרעכענט נאָר: וואָס קאָן זיין בעסער פון דעם, אז מע בעט זיך איבער? און וואָס קאָן זיין זיסער פון נצחון? און וואָס קאָן זיין ליעבער פון דער שכינה? א בעל־תשובה פיהלט זיך גאנץ, און שטאַרק, און ריין, און פריש, און נייגעבוירען, און קאָן קוקען איטליכען גלייך אין די אויגען אריין. ס'איז גוט, אויסגעצייכענט גוט צו זיין א בעל־תשובה!

שוין אז דער חודש אלול איז ארייגעטראָטען און עס האָט זיך געלאָזט הערען דער ערשטער בלאָז פונ'ם שופר, האָט זיך דעם העלד פון דער דאָזיגער אויטאָביאָגראַפיע אויסגעוויזען, אז ער זעהט ליגען דעם יצר־הרע א געבונדענעם, זיך וואַלגערען אויף דער ערד און זיך בעטען רחמים, מע זאָל איהם אזוי שטאַרק ניט טרעטען מיט די פיס. און ווער שמועסט ראש־השנה! און ווער שמועסט יום־כפור! דאָס ליידען פונ'ם שווערען תענית, דאָס הונגעריג־זיין און דאָס וועלען א טרונק ביז צום שטאַרבען און איינהאַלטען זיך גלייך מיט אלע גרויסע — דאָס אלץ האָט אין זיך אזוי פיעל זיסקייט, אזוי פיעל רייץ און שענקייט, אז דאָס קאָן אָפּשאַצען נאָר דער, וואָס איז אליין א פרומער אָדער געווען אמאָל פרום. וואָס פאַר א פאַרגעניגען קאָן זיך פאַרגלייכען מיט יענעם פאַרגעניגען, ווען מע געהט־ארויס איין אויסגעהונגערטער און איין אויסגעמאַטערטער מוצאי יום־כפור פון בית־המדרש, איין אָפּגערייניגטער פון אלע זינד און מיט איין אויסגעלייטערטער נשמה, מע רעכענט צו געהן אהיים גיכער אָפּפאַסטען זיך און מע פיהלט שוין דעם טעם גן־עדן פונ'ם קאָרענעם לעקאַך, איינגעטונקען אין שטאַרקען

בראַנפען, און צום סוף — סטאָפּ! וואָס איז די מעשה? אידען האָבען זיך אוועקגעשטעלט מחדש זיין די לבנה. „מיר זענען טאַטי, גאָטעניו, גוט הונגעריג און גוט מיעד און גוט אויסגעמוטשעט, נאָר איינס צום אַנדערען געהער זיך ניט אָן — דיין לבנה וועלען מיר דיר מחדש זיין".

אַך, ווי גוט ס'איז צו זיין אַ איד, און אַ עהרליכער איד, אַ בעל־תשובה!

איז אָבער דער יצר־הרע — ניט געדאַכט זאָל ער ווערען! מישט זיך אריין דער שטן המקטרג און מאַכט קאַלי איגנאַנצען. דאָס מאָל האָט זיך דער שטן המקטרג באַוויזען אינ׳ם געשטאַלט פון אַ דאָרפיש מיידעל מיט געגרייזעלטע האָר און מיט גרינע אויגען. פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס מיידעל — ווייסט איהר האָרכען.

אויף אַלע ימים נוראים, אַזוי איז געווען אַ מנהג פון קדמונים, האָבען זיך צונויפגעפאָהרען פון די אַרומיגע דערפער אינ׳ם קליינעם שטעדטעל וואָראַנקאַ דאָרפּס־אידען (ישוב׳ניקעס), אָדער „יום־טוב׳ניקעס", ווי זיי האָבען דאָרט געהייסען. יעדער בעל־הבית האָט זיך געהאַט זיין יום־טוב׳ניק מיט זיין יום־טוב׳ניטשקע. נחום וועוויק׳ס יום־טוב׳ניק איז געווען אַ ווייטער קרוב מיט׳ן נאָמען „ליפשיץ דער הלובאָקער", אַ פרומער איד מיט אַ ברייטען שטערן, אַ שטערן פון אַ בעל־מח, חאָטש באמת איז ער געווען נישט אַזאַ גרויסער חכם. און אַ ווייב האָט ער געהאַט אויך אַ פרומע, וואָס האָט ליעב געהאַט דאַווענען און שמעקען טאַבעקע. קיין קינדער האָבען זיי נישט געהאַט, נאָר אַ דיענסטמיידעל, אַ יתומה און אַ ווייטע קרובה, און געהייסען האָט זי פייגעל. ביי די קונדסים האָט זי געהאַט איין אַנדער נאָמען — „פייגעלע־אשמדאי", דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען אַ ברען, אַ רוח, ניט קיין מיידעל, געהאַט אין זיך יונגעלשע נענג, ליעב געהאַט שטיפען מיט יונגלעך, אַז קיינער זאָל ניט זעהען, דערצעהלען זיי מעשיות און זינגען ליעדלעך, צום מיינסטען — גוישע.

איינמאָל — ס'איז געווען חול־המועד סוכּות, אַ וואַרעמע, אַ ליכטיגע נאַכט — האָט זי זיך צוגע'גנבה'ט צום געלעגער, וואו די יונגלעך זענען געשלאָפען (צוליעב די יום־טוב'ניקעס די קרובים האָט מען די קינדער אויסגעלעגט שלאָפען אין הויף, אויף דער ערד), און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ האַלב־נאַקעטע, גענומען זיך צע־פלעכטען די האָר און בעת מעשה דערצעהלען מאָדנע מעשיות. דאָס זענען ניט געווען די מעשיות, וואָס שלום'ס חבר, שמואליק דעם רב'ס, פלעגט דערצעהלען. דאָס זענען געווען מעשיות פון שדים, רוחות און לצים, וואָס טהוען־אָפּ שפּיצלעך אַלערליי: קעהרען־איבער די מלבושים אויף דער לינקער זייט, שטעלען־איבער דאָס מעבעל, בלעטערען־איבער די ספרים, ברעכען דאָס געפעס, שלעפּען־אַרויס די טעפּלעך פונ'ם אויווען, און נאָך אַזעלכע מעשים אשר לא יעשו. און פון מכשפים האָט זי גענומען דערצעהלען, פון מכשפים און מכשפות, ווי אַזוי אַ מכשפה, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי פאַרמוטשען הונדערט מענטשען נאָר מיט איהר קיצלען אַליין...

— קיצלען? וואָס הייסט דאָס: מיט איהר קיצלען?

— קיצלען ווייסט איהר ניט וואָס הייסט? אָט וועל איך אייך ווייזען, ווי אַזוי אַ מכשפה קיצעלט.

און פייגעלע־אשמדאי האָט זיך אַ לאָז געגעבען מיט די צע־פּאַטעלטע האָר, באַווייזען, ווי אַזוי אַ מכשפה קיצעלט. פריהער האָבען די יונגלעך געלאַכט; דערנאָך האָבען זיי גענומען זיך אָפּ־שלאָגען פון איהר, זיך באָרען. חברה האָבען זיך רעכט איינגע־פלאָנטעט איהר אין די צעפּאַטעלטע האָר, איהר איינגעטיילט קלעפּ מיט קולעקעס, מיט בוכענצים, ווי גאָט האָט געבאָטען. פייגעלע האָט זיך כּלומרשט באַשיצט, נאָר ס'איז געווען צו זעהען, אַז די קלעפּ זענען איהר איינגענעמען... זי האָט צוגענומען די קלעפּ און געוואָלט נאָך... דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט. די אויגען (העל־גרינע אויגען, ווי ביי אַ קאַץ) האָבען געגלאַנצט. אַקעגען דער שיין פון דער לבנה האָט זי אויסגעזעהען, ווי איין אמת'ע מכשפה! נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די

דאָזיגע מכשפה האָט זיי ניט נאָר בייגעקומען אַלעמען, נאָר זי האָט זיי יעדען איינציגוויז אַרומגענומען, צוגעקוועטשט צום האַרצען און געקושט, געקושט גלייך אין די ליפּען אַריין !...

אַ גליק, וואָס דאָס איז געווען פאַר הושענא־רבה, איידער דאָס קוויטעל איז נאָך אָפּגע׳חתמ׳עט, און מע קאָן נאָך אויסבעטען ביי׳ם רבונו־של־עולם, ער זאָל דאָס דאָזיגע נישטווילענדיגע קושען זיך מיט אַ נקבה נישט פאַררעכענען פאַר אַ צו גרויסע עבירה, וואָרום גאָט איז איין עדות, אַז דאָס איז געווען ניט במזיד, נאָר בשוגג...

פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די פייגעלע־אַשמדאַי ? וואָס פאַר אַ באַשעפעניש איז דאָס געווען : אַ רוח ? אַ שד ? אַ גלגול ? אָדער דער שטן המקטרג האָט זיך פאַרשטעלט אינ׳ם געשטאַלט פון אַ נקבה, בכדי צו ברענגען אומשולדיגע קינדער צו אַזאַ עבירה — זיך קושען קעגען זייער אייגענעם רצון מיט אַ מיידעל ?...

15

דער לץ

א „דאמאוויק", וואס טהוט־אפּ מעשים. — געהאפּט דעם לץ. — מע מאכט תתונה איין אויסנעלאזענע מויד און זי ווערט א אשה צנועה.

ווער פייגעלע־אשמדאי איז געווען — האט זיך גיך ארויס־באוויזען, און אויף אזא וואונדערליכען אופן, אז ס'איז כדאי צו דערצעהלען.

דעם זעלבען ווינטער — ארום חנוכּה איז דאס געווען — קומט צו פאהרען אט דער ליפשיץ פון הלובאקע מיט א נייעס, אז ביי איהם אין שטוב האט זיך פארנאדעט א לץ, א „דאמאוויק", וואס מאכט איהם אומגליקליך!... תחילת האט דער „לץ" — אזוי דערצעהלט ליפשיץ — געמאכט פון זיי נאר חוזק: אלע נאכט האט ער איבערגעבלעטערט די גמרות, צעריסען די סידורים מיט די חומשים, איבערגעקעהרט די טעלער אין שאפע, צעבראכען די טעפ, אריינגעווארפען אין פאמעניצע דאס תפלין־זעקעל, דעם גע־מאהלטען מזרח, און משה מאנטעפיארען אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו דער וואנט — און מע זאל דאס הערען, איהר זאלט זאגען, אפילו א שארך פון עמיצען! שפּעטער האט דער לץ אנגעהויבען אויס־לעדיגען און איבערקעהרען זיי אלע קעשענעס, ארויס'גנבה'נען דאס קליינגעלט פון טישקעסטעל, צוגענומען און פארטאכטארעט ערגיץ דעם ווייב'ס פּערעל — א ריינער אומגליק!... איז ער, הייסט עס, איצטער געקומען צו זיין קרוב, צום נחום וועוויק'ס,

פרעגען איין עצה, וואָס טהוט מען? צי זאָל ער מעלדען אין סטאַן? צי זאָל ער פאָהרען קיין טאַלנע צום רבין? צי זאָל ער זיך גאָר ארויסקליבען פון הלובאָקע?

אויסגעהערט די מעשה, האָט איהם נחום וועוויק'ס מעהר נים א פרעג געטהאָן: „און וואו שלאָפט דאָס דיענסטמיידעל? און ווי אזוי איז זי מיט דער בעל־הבית'טע?"... ליפשיץ האָט זיך אזש געפונען באַלעדיגט: ערשטענס, איז פייגעל זייערע איין אָרעמע קרובה, וואָס זיין ווייב וויל זי חתונה מאַכען, געבען נדן, און ס'איז איהר ביי זיי גוט, ווי די וועלט; און צווייטענס, שלאָפט זי ווי א גע'הרג'עטע ערגיץ ווייס איך וואו, אין קיך, ביי דער פאַר־שלאָסענער טיר!

— האָט זי נים עפּים באַקאַנטע אין דאָרף?... — האָט איהם נחום וויעדער א פרעג געגעבען, און ליפשיץ איז שוין גאָר אין כעס געוואָרען און צעשריגען זיך:

— פון וואַנען האָבען זיך גענומען צו איהר באַקאַנטע אין א דאָרף פון סאַמע גויים? צי אפשר מיינסט דו, אז דער ליץ דאָס איז פייגעל?...

— חס וחלילה! — האָט איהם נחום וועוויק'ס געענטפערט און גוט אויסגעלאַכט זיך פון זיין נארישען קרוב, געפּרובט איהם איבערצייגען, אז קיין ליצים און קיין „דאָמאָוויקעס" זענען בכלל נישטאָ. ליפשיץ האָט אָבער נישט געוואָלט הערען אפילו. ער האָט געשוואָרען, ער זאָל אזוי דערלעבען הערען שופר של משיח, ווי ער האָט אליין געהערט ביינאַכט א סאַפּען פון א מין לעבעדיג באַשעפעניש, א קראַצען פון נעגעל, און אויף מאָרגען האָט מען געזעהען אין קיך עפּים משונה־מאָדנע סימנים פון היהנערשע פיסלעך אויפ'ן אויסגעשאָטענעם זאַמד, וואָס אויף דער ערד.

דערזעהען, מיט וועמען ער האָט צו טהון, האָט נחום וועוויק'ס א דרעה געגעבען, ווי מע זאָגט, דעם דישעל צוריק: עס קאָן זעהר זיין, אז דער ליץ איז א ליץ. נאָר וואָס דען? ער וואָלט א בעלן

געוועז זיין דערביי... אויב ער וויל, לאָז ער מיטנעמען איהם, נחום'ען, צו זיך אין דאָרף אריין — ער וויל אליין זעהען מיט זיינע אויגען... און ווייבאלד אז שוין יאָ פאָהרען, זאָל שוין מיט־פאָהרען אויך זיין יונגערער ברודער, ניסעל וועוויק'ס, אָדער ניסעל ראבינאָוויטש.

— מיין ניסעל — האָט נחום גענעבען צו פארשטעהן — איז א יונגערמאן א חוואט, א מענטש וואָס פיהלט זיך, קיין עין־הרע, אין כח. ער האָט שוין אמאָל אויסגעפאטשט א סטאנאָוואָי פריסטאוו, איז צו גאָט א האָפענונג, אז ער וועט קאָנען גובר זיין א לץ אויך... פאָהרען מיר?

— מיט'ן גרעסטען כבוד! — האָט זיך ליפשיץ אָנגעחאפט מיטביידע הענט, און אלע דריי האָבען זיך גוט אָנגעפּעלצט מיט ווארעמע יענאָטענע פעלצען, זיך ארייגגעזעצט אין א ברייטען שליטען און זענען אוועק צו ליפשיצען אין דאָרף אריין, קיין הלובאָקע.

געקומען אין דאָרף שוין פארנאכטליך, האָט מען די ליעבע געסט זעהר שען אויפגענומען, געקאָכט פון זייערטוועגען א מילכיגע וועטשערע, און מע האָט געשמועסט די גאנצע צייט פון דעם לץ, וואָס האָט זיך ביי זיי פארנאָרעט.

שפּעטער, בעת פייגעל האָט דערלאנגט צום טיש, האָט נחום געמאכט א גאנץ ברייטען שמועס וועגען דעם, אז ער און זייער גאנצע משפחה, די ראבינאָוויטשעס, הייסט עס, האָבען פון גע־בוירען א מאָדנע הארטען שלאָף, חאָטש נעם און טראָג זיי ארויס מיט די בעטלעך, חאָטש שיסט אין זיי מיט הארמאטען! נאָר פון דעסטוועגען האָבען זיי פאר א דיבוק, פאר א לץ און פאר א „דאָמאָוויק" קיין מורא ניט, חאָטש זיי פיהרען מיט זיך געלט, וואָרום זיי זענען נישט קיין נאראָנים: דאָס געלט האלטען זיי ביי זיך גוט איינגענעהט, מחילה, אין די אונטערשטע בגדים, וועלכע זיי טהוען קיינמאָל ניט אויס, און זיי גלויבען גלאט ניט אין

דיבוקים, לצים און „דאַמאָוויקעס״, מכשפים און נאָך אַזעלכע זאַכען — ווייס איך וואָס! דאָס האָבען שונאים אויסגעטראַכט און נאַראָנים גלויבען זיי!...

דערויף האָט זיי ליפשיץ געענטפערט בתמימות, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז דער לץ זאָל זיך אַ נעם טהון צו זיי היינטיגע נאַכט, זיי זאָלען וויסען, מיט וואָס מע עסט דאָס. און אַט אַזוי האָט מען דעם אָווענט פאַרבראַכט אַלץ אין אַזעלכע שמועסען, געהייסען דערלאַנגען ויין, און ביידע ברידער האָבען זיך געמאַכט כּלומרשט, ווי מען איז שוין שכּור׳ליך, און מע האָט זיך געלעגט שלאָפען, אויסגעלאָשען די ליכט, און די געסט האָבען זיך ניך געלאָזט הערען מיט אַ חראָפען, איינער העכער פונ׳ם אַנדערען — אַ גאַנצער קאָנצערט.

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געשריי, מיט אַ געשלעג, מיט מאָדנע קולות, אויף אידיש און אויף גוייש, אַזוי אַז די ליפשיצעס האָבען זיך אויפגעחאַפּט אין איין ציטערניש, אָנגעצונדען פייער, און פאַר זייערע אויגען האָט זיך באַוויזען אַזאַ מין בילד: ביי נחום׳ען אין די הענט איז געלעגען פייגעלעשמדאַי אַ געבונדענע און געריסען זיך מיט אַלע כּחות, און ניסעל (געווען אַ איד אַ גבר) האָט זיך געראַנגעלט מיט חוועדאָר דעם וואָלאָסטנאָי שרייבער פון דאָרף, וואָס האָט איהם צעביסען און צעבלוטיגט די הענט, נאָר ניסעל האָט איהם געפּאַקט, געבונדען ווי אַ באַראַן — און אַז ס׳איז געוואָרען טאָג, האָט מען זיי ביידען, פייגעל די מויד און חוועדאָר דעם שרייבער, אָפּגעפיהרט אין וואָלאָסט אַריין. דאָרט האָט מען געשטעלט צוויי עמער בראָנפען, און מע איז געקומען צו אַזאַ מין ספּראַווע: אַזוי ווי חוועדאָר איז אַליין דער וואָלאָסטנאָי שרייבער, זאָל ער זיך מודה זיין און אָפּגעבען אַלסדינג, וואָס ער האָט דורך דער מויד ביי די ליפשיצעס אָוועקגעלקח׳ענט, וועט מען איהם נאָר מקיים פּסק זיין, דאָס הייסט, פון דער גרינג אָפּשמייסען, און מע וועט מאַכען אַ שוויג.

און צו דער מויד האָט מען זיך גענומען מיט גוטע רעד, אַז איבער־געבען זי אין גויישע הענט וויל מען ניט בשום אופן, חאָטש זי איז איין אשמדאי, אַ הולטייקע און ערגער פון אַ משומדת... מע פאָדערט פון איהר נאָר, זי זאָל אויסזאָגען, וואו די פּערעל און די איבעריגע זאַכען זענען, און מע גיט איהר אַ תקיעת־כּף, אַז מע נעמט זי צו אין שטאָדט אריין און מע גיט איהר אַ חתן, טאַקי שוין און טאַקי בּאַלד און אויפ'ן שענסטען אופן, מיט כּלי־זמר און מיט חתונה־קליידער און מיט אַ חופּה־וועטשערע, ווי איין עהרליכער, אַ כּשר'ער אידישער טאָכטער — קיין פּויגעל וועט ניט וויסען פון דער גאַנצער מעשה, קיין האָהן וועט ניט קרעהען!

און אַזוי איז דאָס טאַקי געוועזן. אַ חתן האָט מען איהר נעגעבען אַ יונג מיט בּיינער, משה־הערש האָט ער געהייסען, אַ דאַמסקי שניידער. די ראַבּינאָוויטשעס זענען געווען די מחותּנים און די אונטערפיהרער. אויף דער חתונה איז געווען די גאַנצע שטאָדט און אויך „נאַטשאַלסטווע". מע האָט אויסגעטרונקען אָהן אַ שיעור פלעשער מיט וויין און מיט בּיער, און ניסעל ראַבּינאָוויטש מיט'ן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו האָבען בּיידע אַזוי געטאַנצט, אַז מע האָט באַדאַרפט געהן קוקען אויף חידושים!

נאָך דער חתונה איז פּייגעלע געוואָרען ניט צו דערקענען. פרום ווי אַ רביצין, ניט געקוקט קיין מאַנסבּיל גלייך אין די אויגען אריין, און מיט נחום וועוויק'ס יונגלעך איז זי גלייך ווי קיינמאָל נישט געווען באַקאַנט. און אַז מע האָט באַדאַרפט אין שטאָדט עמיצען מאַכען אַ נדבה, נעמען אַ פּעטשיילע און געהן איבער די הייזער, איז זי געווען פון די ערשטע. אַז מע שמועסט אַ אשה כּשרה, אַ גבּאי'טע, איז דאָך ניט שייך! נאָר איינס צום אַנדערען געהער זיך ניט אָן: איהר מיידעלשער נאָמען „פּייגעלע־אשמדאי" איז איהר פאַרבּליבען אויף אייביג. וועגען דעם האָבען שוין גע־זאָרגט נחום וועוויק'ס קונדסים, און מעהר פון אַלע — דער מיטעלסטער און דער גרעסטער קונדס, דער שרייבּער פון די דאָזיגע געשיכטען.

16

די משפחה

דריי ברידער — דריי פארשיידענע טיפּען. — אַ „ריעלאַ" מיט „קאָזנאַ". — דער פעטער פּיני טאַנצט אויף לייכטער.

דער פּאָטער פונ'ם העלד פון די דאָזיגע באַשרייבונגען, נחום וועוויק'ס, האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער: פּיני וועוויק'ס און ניסעל וועוויק'ס — דער וואָס איז אויבען דערמאַנט. און איין אַנטיק איז דאָס, וואָס יעדער פון די דריי ברידער איז זיך געווען אַ טיפּ פאַר זיך און קיין ברעקעל נישט געראָטען איינס אין דאָס אַנדערע. דער עלטערער, נחום וועוויק'ס, איז געווען, ווי מיר ווייסען שוין, אַ מישמאַש פון אַ חסיד און אַ משכּיל, אַ פילאָזאָף און אַ שענער דאַוונער, אַ למדן און אַ חקרן, און בטבע אַ מענטש אַ שטילער, אַ פאַרבאָרגענער און אַ גרויסער בעל־מרה־שחורה. דער אַנדערער, פּיני וועוויק'ס, — דער איז געווען שוין גאָר אַ גרויסער ירא־שמים, מיט גאָר אַ לאַנגען טלית־קטן, אַ שענער איד, איך מיין טאַקי אַ שענער אויפ'ן פּנים, מיט אַ שענער באָרד, שענע, שמייכעלענדיגע אויגען, און בטבע זעהר אַ לעבעדיגער, אַ מענטש, וואָס קהל'ט זיך, אַ קאָכלעפעל, אַ בריה אַ מוהל, חלילה נישט צוליעב געלט, נאָר פּשוט לשם מצוה. מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ איד פון הו־האַ, שטענדיג פאַרטראָגען אין פרעמדע געשעפטען, לאָדענישען, דולענישען, פאַרלאָזענישען, אויסגלייכענישען, אַלמנות, יתומים און גלאַט אָרעמעלייט. היינט וואו איז עפּיס גבאות אין

בית־המדרש, אין קלויז, אין חברה־קדישא, אין חברה־משניות און חברה־תהלים? איך האָב מורא, אַז דאָס איז ביי איהם געווען טייערער פון איין איינגענעם מאַרק אָדער אַ יאַריד. רבי־געלט האָט דאָס איהם אויך נעקאָסט געננג. נאָר וויבאַלד ס'איז אַ מצוה, וואָס מאַכט דאָס אוים? אדרבה, וואָס מעהר עס קאָסט רבי־געלט, אַלץ גרעסער איז די מצוה, און באַקלאָגען זיך דערויף טאָר מען נישט, וואָרום דעמאָלט איז שוין די מצוה אוים מצוה.

למשל, עס געדענקט זיך אַ מעשה: איינמאָל האָט געזאָלט זיין „טאַרגעס" אויף דער „פאָטשט". בכדי מע זאָל זיך ניט שמייסען אין די מקחים און מע זאָל צו דער פאָטשט ניט דער־לעגען קיין געלט, זענען אירען געפאַלען אויף אַ המצאה, אַז דער וואָס וויל נעמען די פאָטשט, זאָל צעטיילען צווישען די קאָנקור־רענטען אַ געוויסע סומע געלט, וועט מען איהם נישט קאַלי מאַכען די מקחים. נאָר די קאָנקורענטען אַליין וועט מען דאָך ניט גלויבען, לעגט מען איין דאָס געלט אין אַ זיכערען אָרט און מע געהט אויף די טאַרגעס. און וואָס קאָן זיין נאָך אַ מעהר זיכערער אָרט, ווי ביי פיני ווערויק'ם? האָט מען איינגעלעגט ביי איהם דאָס געלט און מע איז אַוועק אויף טאַרגעס, און דער וואָס האָט דאָס געלט איינגעלעגט האָט אָפּגעטהאָן אַ שפּיצעל, זיך כלומרשט פון די טאַרגעס אַרויסגעגליטשט, דאָס געלט אָפּגענומען און ערשט דערנאָך אַרויסגעשטעלט אַלעמען אַ שענע פייג. אוודאי האָבען די קאָנקור־רענטען גע'מסר'ט וואו מע דאַרף, און מע האָט צום ערשטען אַ נעם געגעבען זיך צו יענעם פאַרשוין, וואָס האָט דאָס געלט געגעבען, און דערנאָך צום צווייטען פאַרשוין, וואָס דאָס געלט איז געווען ביי איהם איינגעלעגט: רב איד, זייט זשע מוחל, וואָס איז דאָ געווען פאַר אַ מעשה? האָט זיי נעבאָך פיני ווערויק'ם דערצעהלט די מעשה, ווי דער אמת איז. האָט מען איהם גע'משפט פאַר באַ'גנבה'נען „קאַזנאַ", און דאָס גליק איז געווען, וואָס אויפ'ן אָרט פון טורמע האָט מען איהם אָפּגע'משפט נאָר מיט געלט־שטראָף.

מיינט איהר אודאי, אז דאָס האָט איהם אָנגעלעהרענט? האָט איהר אַ טעות. יענעמ׳ס געשעפטען, דאָרט וואו סע שמעקט מיט קהל און מיט אַ טובה פאַר אַ אידען, זענען בילכער פון אייגענע געשעפטען. אַוועקוואַרפען, למשל, אַ מאַרק אָדער אַ יאַריד און לויפען אויף אַ ברית — פון דעם שמועסט מען ניט. דערויף איז מען דאָך עפּיס אַ מוהל ביי אידען. אָדער חתונה מאַכען איין אָרעמע יתומה און טאַנצען מיט די אָרעמע מחותּנים אַ גאַנצע נאַכט — דאָס איז דאָך אודאי אַ גרויסע מצוה, וואָס ניט אָפּט קומט עס צו דער האַנט.

רעדענדיג פון טאַנצען, איז שווער זיך איינצוהאַלטען און ניט באַוואונדערען, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ אידען אַ ירא־שמים, ער זאָל קאָנען טאַנצען, און נאָך אַזוי שען טאַנצען? וואו האָט ער זיך דאָס געלערענט, למשל? און ווער איז געוועז זיין רבי יענע יאָהרען? טאַנצען אַ „חסיד״, אַ „קאָזאַק״ און אַ „פּאָני״ — פון דעם איז אָפּגערעדט.

— שטיל זאָל זיין! רב פּיני וועוויק׳ס וועט טאַנצען אַ חסיד!

— צערוקט זיך, עולם! רב פּיני וועוויק׳ס וועט געהן אַ קאָזאַק!

אָדער:

— **ווייבער, אויף אַ זייט! רב פּיני וועוויק׳ס וועט אונז ווייזען אַ פּאָני!**

און דער גאַנצער עולם צערוקט זיך, מאַכט אַ וואַרע. און דער פעטער פּיני „טאַנצט אַ חסיד״, „געהט אַ קאָזאַק״, אָדער ער „ווייזט אַ פּאָני״, און דער עולם שטעהט אויף קעפּ. עין לא ראתה!

וואָס אָרעמער ס׳איז געוועז די חתונה, אַלץ גרעסער איז געוועז די שמחה. דאָס הייסט, וואָס די מחותּנים זענען געוועזן גרעסערע אָרעמעלייט, אַלץ מעהר האָט דאָרט דער פעטער פּיני געטאַנצט און באַוויזען אַזעלכע קונצען, וואָס טאַקי עין לא ראתה — און טאַקי נאָר לשם מצוה, בכדי צו משמח זיין חתן־כּלה. מע

האָט באַדאַרפט אויף חידושים געהן זעהן פּיני װעװיק'ס, װי ער טאַנצט „אויף לייכטער" מיט ברענענדיגע ליכט, אָדער „אויף א שפּיעגעל", און אַזוי גרינג, אַזוי גראַציעז, װי דער גרעסטער פון די היינטיגע טענצער פון דער װעלט. אַזאַ מין טאַנצען װאָלט מען היינטיגע צייטען געקאָנט װייזען אויף בילעטען און מאַכען א סך געלט. די קאַפּאָטע אראָפּגעװאָרפען, דעם טלית־קטן ארויס־געצויגען, די ארבעל פאַרקאַטשעט, די הויזען במילא אריינגעשטעקט אין די שטיװעל, און די פיס קוים־קוים װאָס זיי באַריהרען די ערד, און דער קאָפּ איז פאַרװאָרפען ארויף, די אויגען צו, אויפ'ן פּנים זעהט מען התפּעלות מיט התרוממות, װי בשעת דאַװנען. און די כלי־זמר שפּיעלען א אידישע זאַך, און דער עולם פּליעסקעט, און די ראָד װערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, און דער טענצער, אויסמיידענדיג די לייכטער מיט די ברענענדיגע ליכט, געהט־אריין װאָס װייטער אין אַלץ מעהר התפּעלות און אין אַלץ מעהר התרוממות הנפש — ניין, דאָס איז ניט געװען קיין טאַנצען! איך װאָלט געזאָגט, אז דאָס איז געװען גיכער א מין עבודת־הבורא, א ריינע גאָטעס־דיענסט. און איך שטעל זיך אָפּ און פרעג נאָך א מאָל די אייגענע קשיה: פון װאַנען האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ אידען א ירא־שמים, ער זאָל דערגרייכען אַזוי װייט אין דער קונסט פון טאַנצען? װאו האָט ער זיך עס אויסגעלערענט? און װער האָט געקאָנט זיין דער רבי זיינער?

פאַררעדט זיך װעגען טענץ, האָבען מיר דערװייל פאַרגעסען דעם דריטען ברודער, ניסעל װעװיק'ס, פון װעלכען מיר װעלען זאָגען עטליכע װערטער אינ'ם װייטעריגען קאַפּיטעל.

17

דער פעטער ניסעל און די מוהמע האָדעל

דער פעטער ניסעל „הוליעט". — א חשוב ביי „גאַטשאַלסטווע". — א ווייב א צרה. — זיך פארשטעלט פאר א טשינאַוניק, אנגעארבייט א חתונה, אוועק קיין אמעריקע. — א ניצוץ פון א פּאַעט.

אויב די צוויי עלטערע ברידער, נחום און פיני וועוויק׳ס, זענען געווען חסידים, איז דער דריטער, דער יונגסטער ברודער, ניסעל וועוויק׳ס, אָדער ווי ער האָט זיך שוין די לעצטע צייט גערופען ביי זיין פאַמיליענאָמען, ניסעל ראַבינאָוויטש, געווען שוין גאָר א וועלטליכער, געטראָגען זיך ווי א שטשאָגעל: הינטען אין דער קאַפּאָטע א שפּאַלט, — דאָס האָט געהייסען יענע יאָהרען מעשה פראַנט, אָדער מעשה דייטש — לאַקירטע שטיוועלעטען מיט שפּראָנציקעס און שטאַרק־שטאַרק אונטערגעבויגענע פּאות. און געהאַלטען האָט ער זיך דעמאָקראַטיש. דהיינו: אין בית־המדרש האָט ער געהאַט, ווי אַלע פאָרנעמסטע בעלי־בתים, איין אָרט אין מזרח, נאָר געזעסען איז ער אויף דער לעזשאַנקע אין פּאָליש, געהאַלטען א חומש מיט׳ן „ביאור" און דערצעהלט, דוקא פאר׳ן פּראָסטען עולם, מעשיות פון רב משה׳לע וויינשטיין, פון מאָנטע־פיאָרען און פון רויטשילדען אויך. דערצו האָט ער געהאַט א באַסאָווע שטימע, געקאָנט שען זינגען, ליעב געהאַט א סך לאַכען און געקאָנט מאַכען לאַכענדיג יענעם. מיינסטענס האָבען פון איהם געלאַכט ווייבער און מיידלעך — די זענען ממש צעגאַנגען פאר

געלעכטער, אַז ער האָט נאָר געוואָלט. מיט וואָס ער האָט זיי גענומען — איז שווער צו וויסן. נאָר ס'איז געווען גענוג, ער זאָל זיי זאָגן איין וואָרט — און די געלעכטערן זענען שוין גע־גאַנגען ביז'ן הימעל.

היינט וואָס פאַר אַ „הוליאַס" איז דאָס געווען! אָהן איהם אַ חתונה איז געווען אַ לויה, ניט קיין חתונה. ניסעל וועוויק'ס, אָדער ניסעל ראַבינאָוויטש, האָט געקאָנט מחיה־מתים זיין, אַ גאַנצע וועלט מאַכען רעדעוודיג, לאַכענדיג און טאַנצענדיג. דער חילוק צווישען איהם און צווישען פעטער פיני איז געווען, וואָס דער פעטער פיני האָט געקאָנט טאַנצען, און דער פעטער ניסעל האָט געקאָנט מאַכען טאַנצען אַנדערע. אַלע און אַלץ האָבען מיט איהם אויף אַ שמחה מיטגעטרונקען, מיטגעזונגען און מיטגעטאַנצט. דער ערשטער איז געווען דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו. מיט איהם האָט ער זיך געביטען מיט די היטלען — און ס'איז געווען ליהודים.

בכלל איז ניסעל ראַבינאָוויטש געווען מיט נאַטשאַלסטוואָ אויסגעבונדען, און האָט געפיהרט דאָס שטעדטעל ביד רמה, גלייך ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ נאַטשאַלניק, אַ טשינאָווניק. דערצו האָט ער געהאַט אַ פּה־קדוש, גערעדט רוסיש, ווי איין עכטער פּאָני: „מעזשדו פּראָטשים, וואַשאַ מילאָסט, פּאַזוואָלטי וואַם פּאָקורים נאַ נאַש שטשאָט אי טשטאָבי ניע בילאָ ניקאַקיך קאַקאָוו!"... (זייט זשע מוחל, אין איינוועגס פּאַררויכערט אונזערען אַ פּאַפּיראָס, און אָהן אַ שום תירוץ!). נישט נאָר אידען — גויים האָבען פאַר איהם געהאַט דרך־ארץ: „חאָדים דאָ מיסעליאַ; ווין אי דילאָ סקאַזשע, אי טשאַרקאַ הורילקאַ בודע". (לאָמיר געהן צו ניסלען: אי עסק וועט ער אונז זאָגען, אי אַ גלעזעל בראָנפען וועט זיין).

קהל'ען זיך האָט ער נאָך מעהר ליעב געהאַט, ווי דער פעטער פיני. שטענדיג האָט ער זיך מיט עמיצען, אָדער פאַר עמיצען, געלאָדען, און איהם האָט זיך אויסגעמאָהלט, אַז ער ווייסט אַלע זאַקאָנעס. אַ קלייניגקייט — אַ איד רעדט אַזוי גוט רוסיש, אַז

ס'איז גאָרנישט צו דערקענען, אז דאָס רעדט א איד, און דערצו איז ער אזוי אויסגעבונדען מיט נאַטשאַלסטווע, פּאַטשט דעם סטאַראָסטאַ, ווי א הונט, שכור'ט מיט'ן סטאַרשינאַ א גאַנצע נאַכט טאַקי ביי זיך אין שענק, און מיט'ן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו קושט ער זיך, ווי מיט א ברודער!...

נאָר אויף וויפיעל דער פּעטער ניסעל איז געווען א חשוב אין שטאָדט, אויף אזוי פיעל איז ער געווען ניט קיין חשוב ביי זיין אייגען ווייב, ביי דער מוהמע האָדעל (אלע גרויסע מענטשען זענען ביי זייערע ווייבער גאָרנישט!). די מוהמע האָדעל איז געווען א ווייבעלע א קליינס און א שווארצס, נאָר דאָס דאָזיגע קליינע ווייבעלע האָט געהאַלטען איהר גרויסען מאַן אין דער מורא — אימת מות!

עס איז געווען צו באַוואונדערען, ווי אָט דער גרויסער הויכער פּעטער ניסעל, דער חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, וואָס רעדט אזוי גוט רוסיש, און דער שטענדיג פרייליכער און אויסגעפּוצטער קאַוואַליער און אָנגעלענטער גאַסט ביי ווייבער, איז א בעלן געווען צו חאַפּען פון זיין אייגען קליינגעוואַכסען ווייבעלע אָדער מיט א קישעלע איבער'ן קאָפּ, אָדער מיט א נאַסען בעזעם איבער דער אויסגעפּוצטער קאַפּאָטע! צום מיינסטען האָט זי ליעב געהאַט איהם בעזעמען דוקא יום־טוב, און דוקא שמחת־תורה, און דוקא פאַר'ן גאַנצען עולם אין די אויגען: „לאָז מען וויסען וואָס פאַר א מאַן זיין ווייב האָט!"...
ער אָבער האָט דאָס אָנגענומען פאַר א קאַטאָוועס, זיך פאַרשלאָסען מיט אלע אידען אין זאַל, אויפגעעפענט פלעשער מיט בראָנפען, אויפגעשלאָגען אלע פעסלעך מיט געזייערטע אוגערקעס אין קעלער, ארויסגענומען אלע טעפּ און טעפּלעך פונ'ם אויווען — געמאַכט א חורבן, א פּאָגראָם אין שטוב, און אָפּגעקרענקט נאָכדעם דערפאַר פון דער מוהמע האָדעל דריי וואָכען כסדר. ס'איז אָבער געווען כדאי — מע האָט זיך גוט אָנגעהוליעט!

שענער פון אַלסדינג איז געווען דאָס, וואָס דער פעטער ניסעל האָט אָהן דער מוהמע האָדעל נישט געטהאָן פון דאַנען אָהין. ער האָט זי געהאַלטען פאַר אַ גרויסען בר־דעת; נישט מעהר, פלעגט ער אויף איהר מלמד־זכות זיין, זי איז פון קאָרסון, אַ שטאָדט אַזעלכע אין קיעווער גובערניע, און די קאָרסונער זענען אַלע „ספּילשליווע"... צו דערצו איז דאָ נאָר איין רפואה — האָט ער געזאָגט: — פּערעל. אז גאָט זאָל איהם העלפען, ער זאָל איהר קאָנען קויפען גרויסע פּערעל, וואָלט איהר כאַראַקטער, זאָגט ער, זיך אינגאַנצען איבערגעביטען. „איך וויים נאָך אַ בעסערע רפואה", — האָט איהם דער עלטערער ברודער נחום געפּרובט עפענען די אויגען און האָט איהם אַריינגערוימט אַ סוד אויפ'ן אויהער, פון וועלכען דער פעטער ניסעל איז געוואָרען איין אויפ־געציטערטער:

— זאָל גאָט היטען! זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין!

— פאָלג מיך, ניסעל! טהו ווי איך זאָג דיר, וועט דיר זיין אַ גוט און אַ וואויל!...

אין וואָס די דאָזיגע עצה איז באַשטאַנען, האָט זיך אַרויס־געוויזען ערשט העט־העט שפּעטער, אין אַ צייט אַרום. דעם דאָזיגען סוד האָט די מוהמע האָדעל אַליין צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט דערמיט, וואָס זי האָט געטאַדעלט און געשימפּט, געשמירט און געשאָלטען די גאַנצע משפחה פון איהר מאַן: „די משפחת'ערע" — קיין אַנדער נאָמען האָבען ביי איהר די ראַבי־נאָוויטשעס ניט געהאַט. „שלאָגען אַ ווייב איז ביי זיי אַ וואָכע־דיגער גאַנג... נאָר ס'וועט זיי פריהער אָפּדאַרען די האַנט, איידער זיי וועלען זיך צוריהרען"...

דאָס גאַנצע שטערטעל האָט געוואוסט פונ'ם סוד, אַז ניסעל ראַבינאָוויטש האָט נעבאָך אָפּגעשניטענע יאָהרען פון זיין ווייב, האָטש אפילו ביי דער וועלט איז ער אַ תּקיף און ביי נאַטשאַלסטווע אַ גאַנצער קאָכלעפעל. הלואי וואָלט ער ניט געווען אַזאַ תּקיף!

ווארום דאס, וואס ער איז געווען א תקיף, האט איהם, אייגענטליך, אפגעקוילעט און סוף־כל־סוף גליקליך געמאכט איהם מיט די קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביגע יאהרען. ווענען דעם ווערט דערצעהלט א מעשה, וואס שמעקט אויסגעטראכט צו זיין, נאר איך געב זי איבער, ווי איך האב זי געהערט.

אין א קליין שטעדטעל, ניט ווייט פון וואראנקא, דאכט זיך, אין בערעזאן, האבען גויים געמאכט א פריגאוואר אויף א אידען, אז מע זאל איהם ארויסטרייבען. וואס טהוט מען? איז מען געקומען צו לויפען צו ניסעל וועוויק'ס, אדער צו ניסעל ראבינאָ־וויטש: סטייטש, אזא חשוב ביי נאטשאלסטווע, וואס רעדט אזוי גוט רוסיש און קושט זיך מיט'ן סטאנאוואי פריסטאוו!... דער פעטער ניסעל האט זיך אווארף געגעבען צום פריסטאוו — ער קאן דא גארנישט העלפען: דאס ווענדט זיך נאר אינ'ם „ספראוו־ניק". און דער ספראווניק איז, ערשטענס, א נייער מענטש און, צווייטענס, א גרויסער המן! וואס זשע טהוט מען ווייטער? ווי לאזט מען דאס „ראזארען" א אידען און מאכען א תל פון א גאנצער משפחה? „ווארט נאר אוים א ביסעל, בודיעט דיעלא ושליאפא — ס'וועט זיין רעכט!" — אזוי האט געזאגט דער פעטער ניסעל און האט אפגעטהאן נאר א קלייניגקייט: ער האט געקריגען די גאנצע אוניפארם, וואס א טשינאווניק טראגט, האט זיך פארשטעלט פאר א „ספראווניק", געחאפט א פאטשט און איז אריינגעפאהרען אין דארף אריין מיט א גלאק, און האט געשיקט רופען צו זיך דעם סטארשינא מיט דער גאנצער „הראמאדע", און האט זיך צעשריען אויף זיי: „קאק ווי סמעיעטיע, טאקיע־סיאקיע?!" און גע־טופעט מיט'ן פוס, ווי איין אמת'ער ספראווניק, אז ס'איז נישט „פא־זאקאנו", און האט צעריסען דעם פריגאוואר אויף שטיק־שטיקלעך און אנגעזאגט זיי, אז טאמער דערוועגען זיי זיך קלאגען אויף איהם צום גובערנאטאר, זאלען זיי וויסען, אז ער, דער נייער ספראווניק הייסט עס, איז טאקי דעם גובערנאטאר'ס איין אייגענער פעטער, פון דער מאמע'ס צד, און זיין ווייב געהער זיך אן א

שטיקעל קרובה מיט'ן „מיניסטער אָוונוטרעניך אי וניעשניך דיעל״ !...

ווער עס האָט גע'מסר'ט — ווייסט מען נים. נאָר די גע־שיכטע מיט'ן צעריסענעם פּריגאָוואָר און די מעשיות מיט'ן גובער־נאַטאָר און מיט'ן „מיניסטער אָוונוטרעניך אי וניעשניך דיעל״ זענען ארויס, ווי בוימעהל אויפ'ן וואסער, און ס'איז געוואָרען א „דיעלאָ״, און מע האָט איהם מחילה איינגעזעצט און גע'משפּט, און דער שפּיץ איז געווען, אז דער בראַווער פעטער ניסעל האָט נעבאך געמוזט ווערען א בורח, פּשוט, הייסט עס, נעמען און אנט־לויפען. עס האָט זיך איהם איינגעגעבען — ער איז אנטלאָפען, האָט זיך פריהער אָפּגעוואלגערט א שטיקעל צייט אין אָדעס, זיך געמאכט א נייעם פּאַס מיט א נייעם נאָמען און איז אוועק קיין אַמעריקע, אזש קיין קאנאדע, די ערשטע צייט גוט אויסגעריסען געוואָרען, נאָר אין א פּאָר יאָהר ארום האָבען אָנגעהויבען געהן פון איהם „לעטערס״, אז ער „מאכט א לעבען״. שפּעטער האָט ער אריבערגעצויגען אהין זיין גאנצע משפּחה, וועלכע האָט אויך גע־שריבען בריעף, אז זיי „מאכען א לעבען״. נאָכדעם זענען אָנ־געקומען פון זיי אלעמען זעהר שענע „פּיקטשורס״ — גראַפען, אמת'דיגע שררות! נאָר ווי אזוי מע „מאכט א לעבען״ און ווי אזוי איז בכלל דאָס לעבען אין אמעריקע — דאָס האָט מען נישט געקאָנט פון זיי ארויסבאקומען בשום אופן.

ערשט הענט־העט, אין א יאָהר עטליכע און דרייסיג ארום, אינ'ם יאָהר 1905-6, אין דער צייט, ווען דער וואָס שרייבט די דאָזיגע ביאָגראַפיע האָט אליין באדארפט אריבערוואנדערען איבער'ן ים און איז געקומען בשלום קיין אמעריקע, האָט ער זיך אינטערעסירט צו באקומען גענויע ידיעות וועגען זיין פעטער. איז ער געוואוירע געוואָרען, אז דער פעטער ניסעל איז שוין א שוכן־עפר, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט א שענעם נאָמען און א שען פאר־מעגען. זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך זענען דאָס, וואָס מע רופט אין אמעריקע: א ל ר י י ט.

דאָס בילד פונ׳ם פעטער ניסעל וואָלט אָבער נים געווען אינגאַנצען, ווען מיר זאָלען דורכלאָזען נאָך איין שטריך: אין דעם דאָזיגען מענטשען איז אפשר פאַרלוירען געגאַנגען אַ פּאָעט; ער האָט ליעב געהאַט זינגען אידישע ליעדער, אייגענע. אין דער צייט, וואָס ער איז געזעסען אין תפיסה, האָט ער באַשאַפען אַ ליעד אויף זיך אַליין, אין אידיש, נאָכ׳ן אַל״ף־בי״ת, און אַ שענע מעלאָדיע דערצו — אַ מעלאָדיע, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע איברים. וויפיעל טאַלאַנטען זענען ביי אונז אַט אַזוי פאַרלוירען געגאַנגען, וואָס מע ווייסט פון זיי גאָרנישט!...

18

פּינעלע שימעלע׳ס פֿאָהרט קיין אָדעס

שימעלע רעדט מעהר אויף גוייש. — דערצעהלט גרויסקייט פון אפרתי׳ן. — קלויבט זיך אריבער קיין אדעס. — זיין זוהן פּינעלע האט איין אפּעראַציע — איין ארבעסעל אין אויהער. — דער אַפּשייד־וואָרעמעס.

דעם העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפּיע האָט זיך אויס־געוויזען, ווי עס ווייזט זיך אויס מסתמא יעדען אידישען יונגעל, אז זיין שטעדטעל — דאָס איז דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט, דער סאַמע נאָפּעל פון דער ערד, און זיינע אידען — דאָס זענען די אויסדערוועהלטסטע ביי גאָט, וואָס צוליעב זיי איז באַשאַפען געוואָרען די דאָזיגע וועלט, און, פארשטעהט זיך, אז אין דער שפּיץ פון די אויסדערוועהלטסטע שטעהען וועוויק׳ס קינדער, די ראַבּינאָוויטשעס, און דער ראש וראשון און דער סאַמע שפּיענעל, דער סאַמע צימעס פון די ראַבּינאָוויטשעס — דאָס איז געוויס זיין טאַטע, נחום וועוויק׳ס. וואָרום ווער זיצט אין בית־המדרש אויבענאָן אין מזרח־וואַנט, דער צווייטער פונ׳ם רב, ביי׳ם סאַמע אָרון־קודש? צו וועמען קומט מען צום אַלעם ערשטען גוט יום־טוב בעטען? און צו וועמען קלויבט מען זיך צונויף אַלע שבת־צו־נאַכטס אויף מלוה־מלכּה און מע טרינקט און מע זינגט און מע טאַנצט און מע הוליעט ביז׳ן ווייסען טאָג אריין? ניין, נישטאָ קיין שענערעס פון זיין משפחה. נישטאָ קיין רייכערעס פון זייער

שטוב. נישטאָ קיין גרעסערער פון זיין טאַטען. נישטאָ קיין פרומערער פון זיין פעטער פיני. נישטאָ קיין פריילעכערער פון זיין פעטער ניסעל. און קוקענדיג אויף זיין הויכען טאַטען, נחום וועוויק׳ס, אונטער אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, אין דער שענער זיידענער קאַפּאָטע מיט׳ן ברייטען גאַרטעל און מיט דער נאָפּאָ־לעאָנקע אויפ׳ן קאָפּ; אָדער אויף זיין נידעריטשקער מאַמע, חיה־אסתר נחום וועוויק׳ס, בעת זי הויבט־אויף איהרע איידעלע, ווייסע הענט אַרויף ביי ליכט־בענטשען איבער די גרויסע, הויכע, גע־בלאָזענע זילבערנע לייכטער, אָדער אויף דער הויכער טשעפּקער באָבע מינדי, ווי זי רעדט זיך אויס מיט גאָט, ווי מיט אַ גאַנץ נאָהענטען שמעלקע, אָדער אויפ׳ן פעטער ניסעל דעם גבר, ווי ער האַקט רוסיש ווי אַ עכטער פּאַני — האָט זיך שלום נחום וועוויק׳ס האַרץ אַלע מאָל אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גדלות קעגען אַנדערע קינדער, און ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט געהאַט דאָס גליק צו געבוירען ווערען אין דער דאָזיגער משפּחה, אונטער דער דאָזיגער גילדענער פּאָהן, וואו ער האָט זיך געפיהלט גליקליך, ווי אַ פּרינץ, און זיכער, ווי אין אַ פעסטונג, ווי אין אַ קייזערליכען פּאַלאַץ.

און אָט האָבען זיך פּלוצים די ווייַלען פון דער פעסטונג גע־נעבען אַ שאָקעל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען איינבויגען זיך אויף אומצופאַלען, און דער גאַנצער כּשוף פונ׳ם גליקליכען שטעדטעל איז מיט אַ מאָל פאַרשוואונדען געוואָרען. דער יונגער פּרינץ איז געוואוירע געוואָרען, אַז ניט דאָ איז דער נאָפּעל פון דער ערד, אַז ס׳איז פאַרהאַן אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך גרעסערע שטעדט פון וואָראָנקאָ, און אַז עס געפינען זיך אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך רייכערע אידען פון די ראַבינאָוויטשעס. און געוואוירע געוואָרען איז ער אָט דאָס אַלסדינג פון זיין נייעם חבר, פינעלע שימעלע׳ס, פון וועלכען מיר דערצעהלען דאָ אין קורצען.

אויסער וועוויק׳ס קינדער, די ראַבינאָוויטשעס, איז געוועזען אין וואָראָנקאָ נאָך אַ איד אַ בעל־הבית, פון די נ ג י ד י ם , מיט׳ן

נאָמען שימעלע. דאָס איז געווען א געפּאַקט אידעל מיט א קײלעכיג בייכעל און מיט א סימפּאַטיש שמייכלענדיג פּנים, דאָס מויל א ביסעל אויף א זייט. ער איז געווען ניט אַזאַ גביר, ווי א פאַר־לעבער. „א קערבעל איז ביי איהם געווען א ממזר״. וויפיעל ס׳איז נעווען האָט מען פארלעבט. און אַז ס׳איז ניט געווען, האָט מען נעבאָרגט און געליהען און ווייטער געלעבט א גוטען טאָג.

אין שטאָדט האָט מען איהם געהאַלטען פאַר א שטיקעל אפּיקורס, ווייל ער האָט געטראָגען א „הענגקאָלנער״ און א ביסעל שוין צו א קײלעכיג בערדעל, שטאַרק צוגעפּוצט; דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט איין אָפענע האַנט אויף געבען א נדבה, און אין מיטען דער וואָך, אַז ס׳האָט זיך איהם פאַרגלוסט, האָט ער פאַר־רופען געסט, געמאַכט א סעודה פון דער ברייטער האַנט — חי געלעבט!

מעהר פון אַלע ראַבינאָוויטשעס האָט ער ליעב געהאַט דעם פעטער ניסעל, געטראָגען, גלייך ווי ער, א צעשפּאָלטענע קאַפּאָטע און שטאַרק אונטערגעהאַקטע פּאות, און ליעב געהאַט, ווי דער שפּאָלער זיידע, רעדען מיט א אידען אויף גוייש: „עה, ווי סוקינע דיעטי! וואָס באַלאַבעטשעט איהר דברים בטלים? פּאַרא באָנו מאָליטסא!״ א האַנטשריפט האָט ער געהאַט א זעלטענע — א „כתבא רבא״, דערפאַר, ווייל ער איז געווען א „ליוואַק״ (גע־שריבען מיט דער לינקער האַנט, און אַלע ליוואַקעס שרייבען אויס־געצייכענט שען — דאָס איז דאָך ידוע). אין דער היים איז ער אַלע מאָל געווען א גאַסט, נאָר אויף יום־טוב. אָפּגע׳יום־טוב׳ט, איז ער ערגיץ אַוועקגעפאָהרען, מע ווייסט ניט וואוהין, און גע־קומען אויפ׳ן אַנדערען יום־טוב און אָנגעבראַכט אַהיים אַזוי פיעל מתנות, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געגאַנגען חאָדאָראָם און געערעדט פון שימעלע׳ס מתנות א לאַנגע צייט נאָכדעם.

איינמאָל אונטער א פּסח איז ער געקומען פון ערגיץ צו פאָהרען און אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז ער פאָהרט־אַרוים פון וואָראָנקאָ. וואוהין? אָ, ווייט! זעהר ווייט! אַזש קיין אָדעס! „סקאָ־

טינעס, האָט ער געזאָגט, זיצען אָט דאָ, אין אַזאַ העק, טשאָרט וואס פּאָבערי ! איהר זאָלט זיין אין אָדעס, וואָלט איהר געוואוסט, פּאָ קראַני מיר, וואָס הייסט אַ שטאָדט ! איהר זאָלט אַ קוק טהון ביי אפרתי׳ן אַ קאָנטאָר מיט סלוזשישטשעס, טשאָרט וואס פּאָ־בערי ! וויפיעל גאָלד דאָרט וואַלגערט זיך איבער אין איין טאָג, מענט איהר זיך עס ווינטשען פאַרמאָגען אַלע, סוקינע דיעטי, מיט מיר אינאיינעם !״...

דער עולם, פאַרשטעהט זיך, האָט שימעלען אויסגעהערט מיט אָפענע מיילער, זיך גע׳חידוש׳ט אויף אפרתי׳ס קאָנטאָר און אויפ׳ן געלט, וואָס דאָרטען וואַלגערט זיך איבער אַ טאָג ; נאָר הינטער די אויגען האָט מען געמאַכט חוזק סאַי פון שימעלען, סאַי פון אפרתי׳ס קאָנטאָר. און מעהר פון אַלעמען האָט חוזק געמאַכט שמואל־אלי דער נייער רב און חזן, וואָס איז נאָר־וואָס אָראָפּגעקומען פון באַרישפּאָלי, אַ יונגערמאַן אַ קלוגער און אַ גרויסער שייגעץ, איין עזות־מחוצף־פנים. ער האָט געזאָגט : „שפּייט איהם אין פנים, אָט דעם שימעלען ! ערשטענס, פאָהרט ער גאָרניט אַרוים ; והשנית, איז ניט קיין אָדעס, נאָר אַ ביסעל נעהענטער, קיין רזשישטשעוו, און נישט ווייל די היגע מענטשען זענען סקאַטינעס, נאָר פּשוט, ווייל ער איז אַ בעל־חוב, די האָר זענען ניט זיינע — חאַ ־ חאַ ־ חאַ !״

נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, צי אָדעס, צי רזשישטשעוו, צי ווייל די וואָראָנקאָווער מענטשען זענען סקאַטינעס, צי ווייל ער איז אַ בעל־חוב, די האָר זענען ניט זיינע, — שימעלע האָט נישט געמאַכט קיין ליצנות : ער האָט באַלד נאָך פּסח גענומען אויס־פּאַרקויפען דאָס בעל־הבתישקייט פאַר האַלב געלט, אַ סך זאַכען האָט ער צעגעבען אומזיסט, אויסגעקליידט די מיידלעך אַזוי ווי די כלות, און פאַר די יונגלעך באַשטעלט ביי ישראל דעם שניידער קורצע ווייטיקלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער שטאָדט, ווי אָדעס, און בכדי דאָס שטעדטעל זאָל נאָך מעהר קאָכען, האָט שימעלע באַפוילען העניען, זיין ווייב, זי זאָל מאַכען אַ סעודה —

מילכינע ווארעניקעס, טשאַרט איך פּאַבעריִ — פּאַר דער גאַנצער שטאָדט!

פאַרשטעהט זיך, אַז געקומען אויף דער שמחה זענען אַלע, די גאַנצע שטאָדט, און דער ערשטער איז געווען דווקא שמואל־אלי, דער נייער רב און חזן, וואָס האָט הינטער די אויגען אַזוי חוזק געמאַכט פון שימעלען, געמאַכט פון איהם נאָר אויסצודרעהען; דערפאַר האָט ער אָבער אין די אויגען איהם אַזוי נע'חנפ'עט, אַז עס האָט פּשוט געשלאָגען צו דער גאַל!

אינאיינעם מיט די גרויסע זענען געקומען צו דער סעודה, וואָס שימעלע האָט געמאַכט, אויך קליינוואַרג. נאָר אָנשטאָט דעם, זיי זאָלען זיצען אין שטוב גלייך מיט אַלע, זענען זיי בעסער געווען אין דרויסען ביי די בוידען, זעהען ווי מע פּאַקט זיך אין וועג אריין. און שלום נחום וועוויק'ס האָט זיך מיט דעם יונגסטען פון שימעלע'ס קינדער, מיט פּינעלען, אַ יונגעל מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים'על און מיט גרויסע ביינקאָוואַטע אויגען, פאַרקליבען אין איינע פון די בוידען, אַרויפגעקראָכען גאַנץ אויבענאָן, זיך באַזעצט און גע־שמועסט פון דער וויַיטער נסיעה, וואָס זיי שטעהט־פּאָר.

פּינעלע שימעלע'ס איז געווען אין יענער צייט דער סאַמע נעהענטסטער חבר פון שלום נחום וועוויק'ס — און איהם האָט שלום ליעב געהאַט דערפאַר, וואָס ער ווייסט אַלסדינג, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, ווארום אַ חוץ וואָס פּינעלע האָט זיך אָנ־געהערט אַ סך מעשיות פון גרויסע שטעדט פון זיין טאַטען, שימעלען, איז ער אַליין אויך געווען אין דער גרויסער שטאָדט, אין פּערעיאַסלאַוו, איבער אַ מעשה מיט איין אַרבעסעל.

פּינעלע האָט, שפּיעלענדיג, געפּרובט אַריינלעגען איינמאָל איין אַרבעסעל אין איין אויהער אַריין און אַרויסנעמען דאָס פון'ם אַנדערען אויהער. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס אַרבעסעל האָט זיך איינגעשפּאַרט, נישט געוואָלט אַרויס נישט פון דעם אויהער און נישט פון'ם אַנדערען אויהער, און עס האָט בעסער אָנגעהויבען צו וואַכסען ביי איהם אינווייניג און אַרויסגערופען אַזאַ קאָפּ־

ווערטיג, אַז דער קונדס האָט געמוזט אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת מיט׳ן אַרבעסעל. האָט ער פריהער באַקומען אַ רעכטע פּאָרציע שמיץ — „אַ יונגעלע זאָל ניט לעגען קיין אַרבעסלעך אין אויהער אַריין", און דערנאָך האָט מען מיט דרעטלעך און מיט שפּיזלעך און מיט „סירניקלעך" געפּאָרקעט איהם אַזוי לאַנג אין אויהער, ביז מע האָט איהם געמוזט אָפּפיהרען אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, קיין פּערעיאַסלאַוו, אויף איין אָפּעראַציע.

פון דער דאָזיגער נסיעה אין דער גרויסער שטאָדט אַריין האָט פּינעלע נאָכדעם געהאַט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען גאַנצע פּעק, און ער איז ניט ווילענדיג אויסגעוואַכסען ביי זיינע חברים אין די אויגען מיט אַ גאַנצען קאָפּ העכער. אַ קליינינקייט — אַ יונגעל איז אַליין געווען אין פּערעיאַסלאַוו און אַליין געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען אָהן אַ שיעור הייזער מיט בלעך גע־דעקט, מיט „פּעשעהאָרען" (טראָטואַרען) אויף אַלע גאַסען, ווייסע קלויסטערס מיט גרינע קאָלפּעקעס און מיט גאָלדענע צלמים, געמויערטע קלייטען, קאַוועניעס און דינים גאַנצע בערג, עפּעל און באַרען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ צאָהל, וואָס וואַלגערען זיך אויף דער הוילער ערד, און סאָלדאַטען, וואָס „מאַרשטירען" אין די גאַסען, און נאָך כּדומה אַזעלכע חידושים ונפלאות!

פון דעמאָלט־אָן זענען פּינעלע שימעלע׳ס און שלום נחום וועוויק׳ס געוואָרען חבר, נפש אחת, און פּאַר קיינעם איז שימעלע׳ס אָפּפאָהרען פון וואָראָנקאָ נישט געווען אַזאַ קלאָפּ, ווי פּאַר שלומ׳ען! אַ חוץ וואָס ער האָט מקנא געווען פּינעלען, וואָס יענער פאָהרט און ער ניט, איז איהם שווער געווען זיך צעשיידען מיט זיין חבר, וועלכען ער האָט ליעב געקריגען ניט ווינציגער ווי זיינע פריהער־דערמאָנטע חברים.

ביי זייער לעצטען זעהעניש, פאַר׳ן געזעגענען זיך, האָט דער גליקליכער פּינעלע שימעלע׳ס, פיינטשיק אויסגעקליידט און איין אויסגעצוואָגענער, אַריינגעלעגט די הענט אין די קעשענעס און גע־

נומען מאכען חוזק פון וואָראָנקאָ. „וואָס איז וואָראָנקאָ? — א העק, א גרוב, א דאָרף, ערגער פון א דאָרף! און די מענטשען? — קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים! וואָס אין אָדעס פאַרמאָגט איין אפרתי, נאַרעלע, פאַרמאָגען דאָס ניט אַלע וואָראָנקאָווער אידען שוין מיט די נגידים אינאיינעם״...

דערנאָך האָט פּינעלע גענומען צו דערצעהלען גרויסקייט פון זיך און פון זייער משפחה, ווי אזוי זיי וועלען דאָס באַלד געבען א פאָהר־ארויס מיט די בוידען, אז ס'וועט אזש געהן א רויך! און ווי אזוי זיי וועלען זיך עם א ביסעל אָנפּאָהרען! און דערנאָך וואָס ס'וועט זיך טהון, אז זיי וועלען דאָס געבען א פאָהר־אריין קיין אָדעס! אַלע גרויסע לייט וועלען זיי ארויסקומען אקעגען מיט א ברייטען שלום־עליכם און מיט פרישע קוילעטשען און מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מיט גוטען ווישניק, און אפרתי וועט אויך זיין דאָרטען...

— ווער איז דאָס דער אפרתי? — פרעגט איהם שלום.

— אפרתי ווייסט דו ניט? — ענטפערט איהם פּינעלע, ווי א גרויסער. — אפרתי דאָס איז אונזער'ער א קרוב פון דער מאַמע'ס צד, א גביר, איין אדיר, א מיליאָנשטשיק! איך האָב דאָך דיר געזאָגט שוין, אז וואָס דער איין אפרתי פאַרמאָגט אין איין קעשענע, נאַרעלע, פאַרמאָגען דאָס ניט אַלע היגע אידען מיט די נגידים אינאיינעם. קאָנסט פאַרשטעהן, ווי רייך ער איז, אז פאָהרען פאָהרט ער ארוים מיט זעכס פערד „נאַשפּיץ״ און איינער א רייטער פליהט אויף־צו־פריהער. אָנגעטהאָן געהט ער פון קאָפּ ביז די פּיס אין זייד און אין סאַמעט, און צוויי טולעפּעס האָט ער: איינער איז א יענאָטענער און דער אַנדערער איז פון פּיזעם. און עסען עסט ער אינדערוואָכען נאָר קוילעטש און נאָר געבראָטענע קאַטש־קעס און פאַרטרינקט מיט'ן בעסטען ווישניק...

— און וואָס וועט איהר דאָרטען טהון? — פרעגט איהם שלום און שלינגט די סלינע פון די געבראָטענע קאַטשקעס מיט'ן גוטען ווישניק.

— וואָס הייסט, וואָס? — ענטפערט איהם פינעלע אזוי פראָסט און ערנסט. — וואָס טהוען אַלע אידען אין אָדעס? וואָס טהוט אפּרתי? אפרתי האָט אייגענע אמבארעס מיט ווייץ, מיין טאטע וועט האָבען אמבארעס מיט ווייץ. אפרתי האָט א קאָנטאָר מיט מענטשען, מיין טאטע וועט האָבען א קאָנטאָר מיט מענטשען. און געלט — געלט וועט זיך אונז שיטען אין די קעשענעס פולע זעק! דו שפּיעלסט זיך מיט אָדעס?...

און פינעלע האָט גענומען דערצעהלען די גרויסקייט פון אפרתי׳ן און די שענקייט פון דער שטאָדט אָדעס מיט איהרע דריי־עטאַזשנע מויערען. „נארעלע, אונזער שטאָדט איז אקעגען אָדעס, ווי אזוי זאָל איך דיר זאָגען? — ווי, למשל, אַ פליעג קעגען א קלויסטער, אָדער, ווי א מורעשקע קעגען א עלעפאנט!"

איהר וואָלט געמעגט שווערען, אז ער איז דאָרטען אליין געוועזען און געזעהן אַלסדינג מיט זיינע אייגענע אויגען. זיין חבר האָט איהם געקוקט אין מויל אריין און געשלונגען מיט דאָרשט איטליכס וואָרט און שטארק, שטארק מקנא געווען! איין זאַך נאָר איז איהם געווען א ביסעל קשה, און ער האָט זיך ניט געפוילט עס א פרעג טהון ביי זיין חבר פינעלען: וויבאלד אָדעס איז יאָ אזא טייערע שטאָדט און אפרתי דער מיליאָנשטשיק איז זייערער א קרוב, וואָס זשע האָבען זיי געשוויגען ביז אהער? פאר וואָס זענען זיי פריהער ניט ארויסגעפאָהרען אהינצוצו?... דערויף האָט פינעלע אָפּגעענטפערט, גאָר קיין סך נישט געטראכט:

— נארעלע! א קרוב, מיינסט דו, טאקי א נאָהענטער קרוב — א פעטער? צי א געשוועסטערקינד? צי א מחותן? עס הויבט זיך נאָרנישט אָן! א ווייטער קרוב! אפילו ניט קיין שני־שבשלישי. זיי זענען נאָר ביידע, דאָס הייסט אפרתי און מיין מאמע, פון איין שטאָדט, פון מעזשירעטשקע. מיין מאמע׳ס מאמע איז פון מעזשירעטשקע און אפרתי׳ס טאטע, זאָגט מען, איז אויך געווען א מעזשירעטשקער...

מע קאָן ניט זאָגען, אַז פּינעלע'ס ענטפער זאָל זיין אַ תּירוץ מספּיק אויף דער פראַגע, וואָס שלום האָט איהם אוועקגעשטעלט. נאָר די צייט איז זיך געגאַנגען, און די צוויי חברים האָבען זיך אַזוי פאַררעדט וועגען אַדעס און וועגען אפרתי'ס יחוס פון מעזשי־רעטשקע און וועגען נאָך זאכען, אַז זיי האָבען זיך נאָרניט אומ־געקוקט, ווי דער פריהמאָרגען איז אוועק. דער עולם האָט שוין דערווייל לאַנג אָפּגעגעסען די וואַרעניקעס, געוועזן עפּיס מאָדנע אויפגערוימט, רויטליך און פאַרשוויצט, און מע איז שוין געשטאַנען ביי די בוידען און גענומען געזעגענען זיך זעהר פריינטליך מיט שימעלען און מיט זיין משפּחה, קושען זיך און ווינטשעווען אַלדאָס גוטס. מעהר פון אַלעמען האָט זיך געקושט שמואל־אלי דער רב און חזן, געהאַלטען עפּיס מאָדנע די אויבערשטע ליפּ, ווי זי וואָלט וועלען לאַכען, און צוגעווינטשעוועט די אָפּפאָהרענדיגע, ס'זאָל זיין אין אַ מזל'דיגער שעה, און געבעטען שימעלען, ער זאָל זיין אַזוי גוט און לאָזען גריסען גאַנץ אָדעס, און אפרתי'ן — „למען השם, ניט פאַרגעסען אפרתי'ן לאָזען גריסען נאָר פריינטליך!"

— פּראָשטשאַוואַיטע, סוקינע דיעטי! — האָט זיך שימעלע פרייליך אָפּגעזעגענט צום לעצטען מאָל שוין פון בויד אַרוים מיט'ן גאַנצען שטעדטעל. — פּראָשטשאַוואַיטע! ניע פּאָמינאַיטע ליכאָם! און לאָז אייך גאָט העלפען, איהר זאָלט זיך אַרויסקאָ־ראַטשקען פון דער דאָזיגער בלאָטע במהרה בימינו — היידאַ!

— היידאַ! — האָט איהם נאָכגעזאָגט אויך פּינעלע, אַ שטעהענדיגער אין בויד, האַלטענדיג ביידע הענט אין די קעשענעס, ווי אַ גרויסער, און קוקענדיג אויף זיין חבר שלום מיט ליעבשאַפט און מיט גדלות — און די בוידען האָבען זיך געריהרט.

און אַז די בוידען זענען אוועק, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ ריח פון פערד און אַ גאַנצע וואָנט פון שטויב, האָט זיך שמואל־אלי געחאַפּט מיט ביידע הענט ביי די זייטען און האָט אַזוי געלאַכט, זיך אַזוי געקאַטשעט, גלייך ווי צעהן טויזענט שדים וואָלטען איהם

נעקיצעלט ביי די פיאטעס: „חא־חא! קיין אָרעם פאָהרט ער! צו אפרתי׳ן, הא־הא־חא!!!״...

אין דער מינוט האָט זיך דער פאַלשער שמואל־אלי געקויפט א שונא, א דם־שונא! דאָס איז געווען שלום נחום וועוויק׳ס: איהם איז נים געווען צום לאַכען. אדרבה, איהם האָט זיך געוואָלט וויינען. ערשטענס, פארלוירען א חבר — פינעלען. צווייטענס, די קנאה: יענער פאָהרט אוועק. און וואוהין? אזוי ווייט! אזש קיין אָדעס! און ועל כולם — און דאָס איז דער עיקר, — וואָס דאָס אמאָליגע שענע חנ׳עווריגע שטעדטעל וואָראָנקאָ איז עפּיס ווי קלענער געוואָרען, קלענער און נידעריגער און טונקעלער, און עס האָט מיט א מאָל אָנגעוואוירען דעם גאַנצען חן, מיט׳ן גאַנצען גלאַנץ און מיט׳ן גאַנצען כשוף. און עס האָט איהם פאַר־קלעהמט ביי דער נשמה, און ער איז, א באַטריבטער, א פאַר־ביטערטער, מיט א צעוועהטיגט הארץ, אוועק אין חדר אריין...

נ. ב. אין א צייט ארום, עס זענען אוועק יאָהרען און יאָהרען, האָט זיך ארויסבאוויזען, אז שמואל־אלי דער חזן האָט נים אומ־זיסט אזוי געלאַכט: שימעלע איז אריבערגעפאָהרען מיט זיין געזינדעל נישט קיין אָדעס, נאָר קיין ר ז ש י ש ט ש ע ו ו, א קליין שטעדטעל אין קיעווער גובערניע, גאָרניט אזוי שטאַרק ווייט פון וואָראָנקאָ. צו וואָס האָט איהם געטויגט דער אָנשטעל פון אָדעס און פון אפרתי׳ן — דאַרף מען פרעגען ביי זיינע קינדער, וואָרום שימעלע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ.

19

משנה מקום — משנה מזל

עס האלט ביי פארלאזען כתרילעווקע. — הערשעל מיט דער סין טהוט־אן דעם עותף א ספאדעק. — דער באבע מינדי׳ס תכריכים.

פון וואנען דאס האט זיך גענומען — קאן דער פארפאסער פון די דאזיגע באשרייבונגען נישט זאגען. נאר שימעלע האט געמאכט דעם ערשטען פעטשאטעק. תיכף נאך זיין ארויספאהרען האבען די איבעריגע וואראנקאווער בעלי־בתים אויך גענומען שמועסען פון „משנה מקום — משנה מזל" און פון אריבערפעקלען זיך אין אנדערע גרעסערע שטעדט: ווער קיין באַרישפאלי, ווער קיין רזשישטשעוו, ווער קיין וואסילקאוו און ווער נאך ווייטער.

אויך אויף נחום וועוויק׳ס האבען זיינע קינדער געהערט דער־צעהלען בסוד־סודות, אז ער קלויבט זיך אריבער אין גיכען צוריק קיין פערעיאסלאוו, אין דער גרויסער שטאדט, פון וואנען ער איז אמאל אריבערגעפאהרען אהער, קיין וואראנקא, בעת די קינדער זענען נאך געווען גאר קליינטשקע, און ויסגעלאזט האט מען דעם סוד מיט די ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל"...

ביי די קינדער האט דאס פערעיאסלאוו אויסגעזעהען מורא׳דיג גרויס און פול מיט חן און פול מיט סוד. „פערעיאסלאוו איז א מקום־פרנסה", — אזוי האבען צווישען זיך געשמועסט די גרויסע, און קליינוואַרג האבען זיך צוגעהאָרכט צו די שמועסען, נאך ווינציג פארשטאנען, נאר געפיהלט האבען זיי, אז דאס פערעיאסלאוו איז

עפּיס אַ גוטע זאַך, האָבען זיי געקלויבען תענוג און צו גלייכער צייט האָט זיי באַנג געטהאָן זיך שיידען מיט'ן קליינעם שטעדטעלע, וואו זיי האָבען פאַרבראַכט זייערע בעסטע קינדערשע יאָהרען, די סאַמע גאָלדענע צייט פון זייער יוגענט.

„וואָס וועט זיין — האָט זיך דער קליינער שלום געטראַכט — מיט דעם וואַראַנקאַווער אַלטען בית־מדרש, אַז אַלע אידען וועלען זיך צעפאָהרען? ווער וועט זיצען אויף זייערע ערטער אין מזרח־זייט? און דער באָרג, וואָס אויף יענער זייט בית־מדרש, וואָס וועט זיין מיט איהם? און מיט די אידישע קלייטען? און מיט'ן אוצר?... ניט שוין־זשע וועט פאַרלוירען געהן אַזאַ גוטס, וואָס ליגט אָנגעגרייט פון אידענ'ס וועגען טיעף איז דער ערד אַזוי פיעל יאָהרען? ניט שוין־זשע וועט דאָס אַלסדינג אונטערגעהן, כלה ונאבד ווערען?!"...

וויפיעל מע האָט זיך ניט געהיט פאַר די קינדער ניט צו רעדען אין שטוב פון „אַזעלכע זאַכען", האָבען זיי דאָך געחאַפּט ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל"... „פּרנסה איז געשלאָגען"... פאַר וואָס אַז מע איז משנה דעם מקום, איז מען משנה דעם מזל? און וואָס איז, אייגענטליך, אַזעלכעס „פּרנסה" און ווי אַזוי „שלאָגט" מען זי? — דאָס האָבען קליינווארג נאָך ניט אַקוראַט פאַרשטאַנען. נאָר לויט דער מינע, וואָס די גרעסערע האָבען בעת־מעשה געמאַכט, האָבען די קלענערע זיך אָנגעשטויסען, אַז עפּיס טהוט זיך, עפּיס קומט־פאָר... שטענדיג אַ שטילער, אַ רוהיגער, אַ בעל מרה־שחורה, איז נחום וועוויק'ס געוואָרען נאָך מעהר שטיל און נאָך מעהר מרה־שחורה'דיג. תמיד איין אייגנגעבויגענער, איז ער געוואָרען נאָך מעהר איינגעבויגען. אויפ'ן הויכען ווייסען שטערן האָבען זיך אויסגעלעגט נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל קנייטשען, ווי פריהער. איינ־צווייען פלעגט ער זיך פאַרשליסען מיט'ן יונגערען ברודער, מיט'ן פעטער ניסלען, רויכערען אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און עפּיס נאָר גע'סוד'עט זיך און נאָר געשטיקט זיך... מע האָט דעם לעצטען ווינטער אויפגעהערט ביי די ראַבינאָוויטשעס פּראַווען מלוה־מלכהס

פאר דער גאנצער שטאָדט. דעם לעצטען שמחת־תורה און שמיני־עצרת האָט מען אפילו נאָך געהוליעט, דער פעטער ניסעל האָט אפילו זיך נאָך געביטען מיט'ן סטאַנאָוואָי מיט די היטלען און בלומרשט געטאַנצט מיט איהם אויפ'ן דאך אויך — נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס הוליען און ניט דאָס טאַנצען, וואָס פריהער. אפילו די מוהמע האָדעל איז געוואָרען געלאסען, פארלוירען א סך פון איהר גיפט... עפּיס איז די גאַנצע משפחה געוואָרען ווי צע־שרויפען. נאָר איין באָבע מינדרי האָט זיך נאָך געהאַלטען שטאָלץ, ווי א דעמב. די אייגענע ריינקייט און טשעפּקעקייט, וואָס פריהער. די אייגענע ציכטיגקייט און זויבערקייט, וואָס אלע מאָל. נאָר די שבת־אויבסטען זענען געווען, דאכט זיך, שוין ניט די, וואָס תמיד. די עפּעלעך א ביסעל צוגעפרוירען און צונעלעגערט און א ביסעלע ווי אונטערגעפּוילט, די ניסלעך פּייפעדיג, און אין די פייגען האָבען זיך פארפּלאָדעט ווערעם... געדאַווענט און געבענטשט האָט די באָבע מינדרי, ווי פריהער, געשמאַק און הויך אויף א קול, ווי א מאַנסביל, פון איהר גרויסען ציכטיגען קרבן־מנחה ארויס, און אויס־געשמועסט זיך מיט'ן רבונו־של־עולם. נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס דאַוונען און ניט דאָס אויסשמועסען זיך מיט גאָט. עפּיס האָט זיך געטהאָן אין דער משפחה, עפּיס איז פאָרגעקומען ביי די ראבינאָוויטשעס א מין סוד.

אזוי האָט זיך עס געצויגען א גאַנץ ווינטער, ביז עס האָט פלוצים אויסגעזעצט דער בלאָטער, דער אמת איז ארויף ווי בוימ־עהל אויפ'ן וואסער, און די גאַנצע שטאָדט איז געוואוירע געוואָרען פונ'ם סוד, אז נחום ראָבינאָוויטש'ס שותף פון דער פּאָססעסיע, א איד איין אָנגעפּעלצטער מיט א רויטער נאָז (הערשעל האָט ער גע־הייסען, נאָר ווייל ער האָט ניט געקאָנט ארויסרעדען קיין שין, נאָר א סין, האָט מען איהם א נאָמען געגעבען „הערסעל מיט דער סין”), האָט זיין שותף נחום'ען בדיל־הדל געשטעלט, פשוט בא־גנב'עט, און חוץ לזה האָט ער איהם נאָך שטילערהייט אויסגעדונגען פון דער פּאָססעסיע! איז געוואָרען א ויצעקו אין שטאָדט:

„סטייטש, רב נחום, וואס שווייגט איהר איהם ? פאר וואס נעמט איהר איהם ניט צום רב, צו מענטשען ?" נאר אז ס'איז געקומען צום רב און צו מענטשען, האט דער דאזיגער הערסעל מיט דער סין זיך אויסגעלאכט און ארויסגערעדט זיך עפּיס מורא'דיג גראב (און דוקא מיט דער סין, ווי זיין שטייגער איז), אז ס'איז גאר א בזיון דאס פאר'ן מויל צו ברענגען...

— א יונגאטש קאן ! — האט דער פעטער ניסעל גע'טענה'ט, געמאכט מיט די הענט און גערויכערט מורא'דיג גראבע פּאפּי־ראסען, און ער האט זיך געשוואוירען, אז זיין נאמען וועט ניט הייסען ניסעל, אויב ער וועט אט דעם שייגעץ, דעם הולטאי, דעם גראבען יונג מיט דער סין ניט ארייןפּאקען אין אסטראג אריין, ווינציגסטענס, אויף פינף און צוואנציג יאהר !

— וואסער פּאקען ? וואסער אסטראג ? וואסערע פינף און צוואנציג יאהר ? — אזוי האט איהם דער עלטערער ברודער, נחום, אפּגעקיהלט מיט א ביטערען שמייכעל און אויך פאררויכערט א גראבען פּאפּיראס. — מע האט מיר אנגעטהאן א ספּאדעק, און מע מוז איצטער פאהרען צוריק קיין פּערעיאסלאוו. משנה מקום — משנה מזל...

דאס זענען געווען קלארע דבורים, וואס חברה האבען פאר־שטאנען, האטש איין זאך איז זיי נאך געווען א ביסעל ניט אזוי פארשטענדליך : פון וואסער א „ספּאדעק" האט זיך דא גערעדט ? צוגעהן צום טאטען און פרעגען — דערויף האט קיינער נישט געוואגט. צופיעל דרך־ארץ האט מען געהאט פאר א טאטען, מע זאל צוגעהן צו איהם פרעגען : „טאטע, וואס פאר א ספּאדעק האט מען דיר אנגעטהאן ?" די קינדער האבען נאר געזעהען, אז דער טאטע צאנקט, געהט אייגעבויגען. יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רייסט־אויס א שטיק הארץ.

— איהר וועט דא בלייבען איבער'ן זומער לערנען, איין עבירה אין מיטען זמן אייך אפּצורייסען, און אם ירצה השם אויף

סוכות וועט מען שיקען נאָך אייך א פוהר, וועט איהר קומען צו פאָהרען.

אזוי האָט נחום וועוויק'ס געגעבען צו וויסען די קינדער איינ־מאָל אין א זומערדיגען טאָג, און צו זייער שטוב זענען צוגעפאָהרען צוויי בוידען, פונקט אזוי ווי דעמאָלט צו שימעלען, און מע האָט זיך גענומען פאַקען אין וועג און געזעגענען זיך מיט דער שטאָדט. ס'איז אָבער געווען ניט דאָס פאַקען זיך און ניט דאָס געזעגענען זיך און ניט די פריילעכע וואָרעניקעס, וואָס ביי שימעלען. עפּיס האָט זיך א באַזונדערער טרויער אויסגעגאָסען אויף אַלעמען און א מרה־שחורה איז געלעגען אויף אַלע פּנים'ער. די גאַנצע שטאָדט האָט מיטגעפיהלט די ראַבינאָוויטשעס. „זאָל זיי גאָט העלפען; משנה מקום — משנה מזל; נעבאָך א רחמנות!" — אזוי האָט מען געשמועסט הינטער די אויגען, און די קינדער האָבען נאָך ווינציג־וואָס פאַרשטאַנען, פאַר וואָס און אויף וועמען איז עס אזא רחמנות? אויב שוין יאָ א רחמנות, איז עס געווען אויף דער באָבע מינדי, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָהרען באַדאַרפט צור־נויפלעגען איהר קאַסטען, זיך פאַקען אין וועג אריין. יונגוואַרג האָבען דערווייל געהאַט א געלעגענהייט חאַפּען א קוק, וואָס ביי דער באָבע אין קאַסטען טהוט זיך: אויסער די זיידענע אויס־געפּרעסטע טיכלעך, וואָס זענען געלעגען אויסגעלעגט צווישען די בלעטער פון קרבן־מנחה, אויסער די יום־טוב'דיגע זיידענע מלבושים און סאַמעטענע רעזעוואָולקעס, עפּיס מאָדנע גענייהט, מיט קור־צינקע אַרבעלעך און פייענע עקלעך — אויסער דעם גוטס און האָב, איז דאָרט געלעגען ווייט־ווייט אין א ווינקעלע זעהר א סך ווייס־שטאָף. דאָס איז געווען דער אַלטער'ס תּכריכים, וואָס זענען געלעגען ביי איהר צוגעגרייט פון ווייס איך ווען אָן אויף איבער הונדערט יאָהר, אז טאָמער וועט זי שטאַרבען, זאָל זי ניט דאַרפען אָנקומען צו א קינד... דאָס האָבען געוואוסט אַלע; פון דעסטוועגען האָבען חברה געהאַט א האַרץ א פרעג צו טהון ביי דער באָבע: „צו וואָס באַדאַרף זי האָבען אזוי פיעל ווייסע

מאַטעריע?"... דער פרעגער איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר דער קלענסטער פון אַלע אין וואוקס און דער גרעסטער פון אַלע אין שקאַצעריי, דער שרייבער פון די דאָזיגע זכרונות. ער האָט דערפאַר באַקומען פון דער באָבע אַ שען ביסעל מוסר, און זי האָט איהם נאָך צוגעזאָגט צושטעלען אַ בענקעלע פאַר'ן טאַטען. זי קלויבט זיך שוין פון לאַנג, האָט זי געזאָגט, אויף דעם קליינעם „לץ". זי ווייסט, זאָגט זי, גאַנץ גוט, אַז ער מאַכט איהר נאָך הינטער די פּלייצעס, ווי אַזוי זי דאַווענט און ווי אַזוי זי בענטשט (און דאָס איז דוקא געווען איין אמת). זי וועט דאָס שוין אַלסדינג דערצעהלען, אַלסדינג! זי וועט זיך שוין קיהלען דאָס הארץ!... צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ווער־וואָס? די באָבע האָט אפילו נים אָנגעהויבען צו דערצעהלען. אדרבה, פאַר'ן אוועק־פאָהרען, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי זיך צע־קושט מיט יעדען קינד באַזונדער, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן זיך קושען, און געוויינט, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן וויינען. און שפּעטער, אַז מע האָט שוין באַדאַרפט טאַקי זעצען זיך פאָהרען, האָט זי צום לעצטען מאָל זיך אָפּגערופען צו די קינדער:

— זייט זשע געזונט, קינדערלעך! גאָט זאָל העלפען, איהר זאָלט דערלעבען אַלע צו געהן נאָך מיין לויה...

אזא מין ווינשעוואַניע!

20

דער עולם צעקריכט זיך

שמואל־אלי שפּיעלט אין שאך. — דער עולם קומט זיך געזעגענען. — ווייבער מיט פּאַרוויינטע אויגען פּיסקלען זיך. — מע דאַרף זיין פון אייזן, מע זאָל ניט לאַכען.

דער טאָג פון נחום וועוויק'ס אוועקפאָהרען איז געווען פאַר דער שטאָדט אַ תשעה־באָב און פאַר די קינדער — אַ שמחת־תורה: אַ קלייניגקייט אזא יום־טוב? ערשטענס, לערענט מען נים. ווער וועט דאָס נעהן אין אזא טאָג אין חדר אריין? און צווייטענס, איז גלאַט לעבעדיג — מע קלויבט זיך, מע פּאַקט זיך, מע רוקט שאַפעס, עס קלינגען גלעזער, גאָפּעל־מעסער, עס קומען בוידען, און עסען עסט מען ווי ערב־פּסח, בחפזון'דיג! הײנט די פּאָר נראָשענס, וואָס מע וועט באַקומען „אָטיזנע" (אָפּפאָהר־געלט)? דערוויייל זעהט מען עס נאָך נישט. דערוויייל קומען נאָך בעלי־בתים זיך געזעגענען. דאָס הייסט, זיי קומען, מע זאָל זיי זאָגען „זייט געזונט", וועלען זיי זאָגען „פאָהרט געזונט" און אָנווינטשען דערביי אָהן אַ שיעור גוטע זאַכען, ווי געזונט און הצלחה און מזל און אַלדאָס גוטס.

פריהער פון אַלע איז געקומען שמואל־אלי דער רב און חזן. שמואל־אלי איז איין אָפּטער איינגעהער צו די ראַבּינאָוויטשעס. ער קומט אַלע טאָג. ווי איין עהרליכער איד לאָזט נישט דורך דאַוונען, אזוי לאָזט ער נישט דורך קיין שאָך שפּיעלען מיט רב

נחומ'ען. שפּיעלען אַ שאָך איז ביי איהם אַ פאַרגעניגען. געווינען ביי רב נחומ'ען אַ שאָך איז ביי איהם אַ גליק. אַ מאָדנע טבע ביי דעם שמואל־אלי'ן: פאַרשפּיעלט ער — שרייט ער, געווינט ער — שרייט ער. נאָר געווינען געווינט ער זעלטען. מעהרסטענטיילס פאַרשפּיעלט ער. און אַז ער פאַרשפּיעלט, שרייט ער, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, אַז ער איז געגאַנגען נישט מיט דעם ציגעל, וואָס ער האָט געוואָלט, און אַז ער זאָל געווען געהן אַנדערש, וואָלט דער אַנדערער פאַרשפּיעלט!...

ביי אַזאַ שפּיעל, אַז ס'איז געזעסען דער פעטער ניסעל, האָט ער נישט געקאָנט ליידען. האָט ער געפרעגט שמואל־אלי'ן: „וואָס שרייט איהר?“ דער טאַטע נחום איז אָבער ניט געווען אַזאַ מענטש. ער האָט רוהיג אויסגעהערט שמואל־אלי'ן, ווי ער קאָכט זיך, פּאַוואָלינקע געשמייכעלט זיך אין באָרד אַריין און געשפּיעלט ווייטער. די מאַמע חיה־אסתּר איז געווען אויסער זיך: אין אַזאַ צייט, אַ שעה פאַר'ן אַוועקפאָהר, זעצט מען זיך אַוועק שפּיעלען אין שאָך? „דאָס לעצטע מאָל, חיה־אסתּר, געזונט זאָלט איהר זיין! איהר פאָהרט אַוועק, דער עולם צעקריכט זיך, קיינער בלייבט ניט, מיט וועמען וועל איך שפּיעלען אין שאָך?“

אַזוי בעט זיך שמואל־אלי דער חזן און פאַרשאַרט דאָס היטעל אַרויף, נעמט זיך צו דער אַרבייט און הויבט שוין אָן צו קאָכען זיך און צו שרייען, אַז ניט אַזוי איז ער געגאַנגען, ווי ער האָט געוואָלט, און נחום שמייכעלט און לאָזט איהם געהן אַנדערש.

דאָס שפּיעלען געהט אָבער ביי זיי ניט ווי אַלע מאָל. עס קומען אַלע מינוט צו געהן נייע מענטשען זיך געזעגענען. מע קאָן ניט זיין אַזוי גראָב און מע מוז איבעררייסען אין מיטען שפּיעלען, אַז עס קומט צו געהן אַזאַ איד אַ שכן, ווי רב אייזיק. ער מעג טאַקי האָבען אַ ציעגען בערדעל און דאַוונען אויף אַ דין קול'כעל, איז ער אָבער אַ ליבאַוויטשער חסיד און זעהר איין עהרליכער איד. צו, אַשטיינער, באַלד נאָך איהם איז געקומען דן. דן איז אַ יונגער־מאַן מיט ווייסע האָר, דאָס הייסט געל, נאָר געל, ווי פלאַכס. ער

איז בטבע א שוויינער, רעדט נישט מיט קיינעם. נאָר איצט, אַז רב נחום פֿאַהרט־אַרויס פֿון וואָראָנקאָ, האָט זיך דן צערעדט. ער וואָלט אפילו געוועזן, זאָגט ער, אויך אַרויספֿאָהרען, ער זאָל האָבען וואוהין. חאַפּט דאָס דער רוח! ער וואָלט אַ בעלן געווען פֿאַר־קויפֿען זיין געשעפֿט, ער זאָל האָבען וועמען. חאַפּט דאָס דער רוח!... שמואל־אלי קוקט אויף איהם, ווי אַ גזלן, און דן הערט נישט אויף צו שיטען מיט ווערטער. אַ מענטש האָט זיך צערעדט! אַנשוויגען ווערט ער ערשט דעמאָלט, ווען עס קומען צו געהן אַנדערע זיך געזעגענען. און קומען קומט די גאַנצע שטאָדט, איינס נאָכ׳ן אַנדערען. פֿריהער אידען, דערנאָך ווייבער. אַלע אָראָפּגעלאָזט די נעז, אַלע פֿאַרזאָרגט. אַנדערע פֿאַרוויינט. איין אידינע האָט געבראַכט צו טראָגען די קינדער מאָנפּאַסיע־קאָנפֿעקטען. אַ אידינע אַ צדקנית!...

שטאַרק פֿאַרוויינט זענען די צוויי ווייבער, וואָס האָבען חתונה געהאַט ביי די ראַבינאָוויטשעס אין שטוב. דאָס זענען „פֿרומע די מויד" מיט׳ן בלינדען אייגעל און „פֿייגעלע־אשמדאי". די צוויי האָבען אַזוי שטאַרק געווישט די אויגען און געשנייצט די נעז און געמאַכט אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס, אַז שלום, דער קליינער „לץ", האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט זיי ביידען, טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט, הינטער זייערע פּלייצעס, קונציג נאָכגע־מאַכט מיט די זעלבע פּיסקעס און מיט׳ן זעלבען שנייצען די נאָז, און חברה קליינוואַרג האָבען אַלע מאָל אויסגעשאָסען אַ הילכיגען געלעכטער. האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה: „וואָס איז דער געלעכטער?" די מאַמע חיה־אסתּר, אַ אידינע בכלל אַ בייזע, און דערצו נאָך פֿאַרצאָרגט און פֿאַרטאַרעראַמט פֿונ׳ם אַוועקפֿאָהרען, האָט אַוועקגעוואָרפֿען אַלע אַרבייט און אויסגעלאָזט איהר צע־וועהטיגט האַרץ צו די קינדער. זי האָט נאָר געוואָלט דערגעהן דעם שכל: „וואָס איז דער געלעכטער? און וואָס איז די גדולה?"... איז פֿרומע די מויד איהר געקומען צו הילף און געזאָגט, אַז זי וועט געהן שווערען ביי אַ „ריינינקייט", אַז דאָס שטאַמט פֿון אָט דעם קליינעם ווערים, דעם סאַמאָוואַליין, דעם

זולל־וסובא'ניק, דעם איוואן פּאַפּערילע, דעם ימח־שמו'ניק, דעם אויסוואורפלינג, דעם כל־בו'ניק... דאָס האָט זי געמיינט נישט קיינעם, נאָר דעם מחבר פונ'ם דאָזיגען בוך, וואָס איז געשטאַנען בעת־מעשה א נעבאַכעל, גאָט די נשמה שולדיג. עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט געהאַפּט א רעכטע „אַטיזנע" פון דער מאַמע, ווען עס מישט זיך ניט אריין די אַלטע באַבע מינדי און לייזט איהם ניט אויס פון מזומנ'ע פעטש. דערזעהענ, אַז מיט איהר אייניקעל האַלט עס שמאָל, האָט זיך די באַבע מינדי אָנגערופען צום גאַנצען עולם:

— קינדערלעך! ביי אונז איז א מנהג פון קדמונים, אַז איידער מע געזעגענט זיך פאַר'ן אַוועקפאָהרען, באַדאַרף מען זיך צוזעצען חאָטש אויף איין מינוט...

די באַבע מינדי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פאַר'יתומ'־טער קאַנאַפּע, וואָס צום איבערפיהרען איז זי געוועזען צו אַלט און פאַרקויפען איז ניט געוועזען וועמען, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָך איהר, און ס'איז געוואָרען א ווײַלע שטיל, חאָטש א פליעג דורכצופליהען. דערנאָך איז געקומען דער לעצטער אַקט, דער סאַמע שווערסטער — דאָס געזעגענען זיך און דאָס קושען זיך. און דאַנקען גאָט — מען איז דאָס אויך איבערגעקומען. די בוידען זענען גרייט. נאָך א מאָל „זייט געזונט!" און נאָך א מאָל „פאָהרט געזונט!" און ווידער א מאָל א ווישעניש פון אויגען און א שנייצען פון נעז, און פּיסקעס, פּיסקעס, פּיסקעס! גוואַלד, רבונו של עולם! געה האַלט זיך איין און מאַך ניט נאָך די ווייבער, ווי זיי קרימען זיך, ציטערען מיט די גוידערס און מאַכען פּיסקעס!... זיי לאָזען אפילו ניט געזעגענען זיך, ווי עס געהער צו זיין. עס ווערט מיט א מאָל שטאַרק אומעטיג אויפ'ן האַרצען. א רחמנות אויפ'ן טאַטען, א רחמנות אויף דער מאַמע, א רחמנות אויף דער באַבע מינדי. אָט טראָגט מען איהר אַלטען מיט אייזען געקאָוועטען קאַסטען; דאָרט ליגען איהרע ת כ ר י כ י ם... עס טהוט א צופּ, א נעם־אָן ביי דער נשמה. עס גלוסט זיך א וויין־טהון. ובפרט, אַז מע זעהט, אַז אַזאַ מענטש, ווי דער פעטער

ניסעל, ווישט אויך די אויגען, אז קיינער זעהט ניט... דער פעטער ניסעל זאָל וויינען? ווי קומט עס?... דער טאַטע רופט־צו די חברה איינציגווייז, נעמט־ארויס פון בייטעלע צו זילבערנע מטבעות. די מאַמע אויך. און די באָבע מינדי האָט נאָך פון פריהער אָנ־געגרייט איטליכען באַזונדער אין א פּאַפּיערעל קליינגעלט — אחת לאחת וועט דאָס זיין א רעכטע מטבע! גאָט זאָל העלפען, די בוידען זאָלען שוין ריהרען. אָט האָבען זיי געריהרט. די רעדער קויקלען זיך. דער עולם האָט זיך געגעבען מיט א מאָל א שטופּ: „פאָהרט געזונט! זייט מצליח!" פון דער בויד ארויס קוקט זיך אום די באָבע מינדי, גלייך ווי זי וואָלט וועלען נאָך א מאָל, צום לעצטען מאָל, געבען א קוק אויף דעם אָרט, וואָס זי האָט פארלאָזט אויף שטענדיג, אויף אייביג... עס נעמט זיי ווידער אָן איין אומעט און דאָס געפיהל פון רחמנות האַפּט זיך אויף נאָך א מאָל ביי זיי אויף א ווײלע און ווערט פארלאָשען — עס ווילט זיך איבערצעהלען דאָס ביסעל מינץ...

פונ'ם גאַנצען טאַרעראַם מיט'ן גאַנצען הארמידער האָט זיך סוף־כל־כוף אויסגעלאָזט א שטילשווייגעניש. די בוידען זענען אוועק, איבערגעלאָזט נאָך זיך א געדיכטען שטויב, א ריח פון סמאָלע און א מאָדנע פוסטקייט. דער עולם האָט גענומען ביסלעכ־וויז, איינציגווייז, ווי פארשעמט, זיך צעגעהן, דער אהער, דער אהין, עפּיס גלייך ווי די אָפּגעשמיסענע. דער פעטער ניסעל — יענער איז גאָר אנטרונען געוואָרען. געבליבען שפּעטער פון אַלע איז שמואל־אלי דער חזן. ער איז נאָך לאַנג־לאַנג געשטאַנען און נאָכגעקוקט די אָפּגעפאָהרענע, פארשטעלט מיט דער האַנט די אויגען פון דער זון, וואָס האָט באמת גאָרניט אזוי שטאַרק גע־בראָטען און גאָרניט אזוי שטאַרק געשיינט. דערנאָך האָט ער מיט א ביטער שמייכעלע א זאָג געגעבען צו זיך אליין: „ד ע ר עולם צעקריכט זיך, אזוי ווי ווערעם"...

און ער האָט אויסגעשפּיגען.

21

גערגעלע־גנב

משה דער שוחט — א צדיק. — גערגעלע — א בחור מיט א צע־שפאלטענער ליפ. — די קונסט פון גנב'ענען עפעל. — געפאקט ביי דער פושקע טאבאק. — דעם רבינ'ס טוידט.

דאָס דאַרף מען פאַרשטעהן, אז איבערגעלאָזט האָט מען קליינוואַרג אין שטעדטעל עפּיס ניט גלאַט אַזוי אויף הפקר. דער פּאַטער האָט פאַר זיי געזוכט אַ מלמד מיט אַ מדריך, איין אַפּיטראָפּס, אינאיינעם. דאָס הייסט: די קינדער זאָלען ביי איהם אי לערנען, אי עסען קעסט, און דער רבי זאָל אויף זיי השגחה געבען. און עס איז איהם אָפּגעראַטען אַרום און אַרום. דער רבי מיט'ן אַפּיטראָפּס, מיט'ן בעל־משגיח, וואָס ער האָט געפונען פאַר זיינע קינדער, איז געווען איין אויסגעשפּיעלטער, אַ געראָטענער, טאַקי דעם אַלטען וואָראַנקאָווער שוחט'ס אַ זוהן, משה דער שוחט.

דאָס איז געווען אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ צאַצקע, אַ מופלג בתורה און אַ שענער בעל־תנ"ך, און גלאַט אַ דימענט פון אַ מענטשען. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אָט דער רבי איז געווען נישט קיין געזונטער און בטבע שוין צו אַ גופער, צו אַ ווייכער, געגאַנגען מיט זיינע תלמידים אויף אַ נייעם דרך — ניט מיט שמיין, נאָר מיט גוטע ווייכע וואַרעמע רעד, צו וועלכע די קינדער זענען גאָרניט געוואוינט געוואָרען, און דעריבער טאַקי האָבען זיי אָפּגענאַרט דעם רבין פון קאָפּ ביז די פיס, מחילה געפיהרט איהם

אין באַר אריין: ניט גערדאַוועט און ניט געלערענט, און שפּעטער־צו, אַז משה דער שוחט איז שוין גאָר גוט קראַנק געוואָרען, באַ־קומען די „דאַר" און אַוועקגעלעגט זיך, האָבען חברה אָנגעהויבען אַרומצוגעהן פּוסטעפּאַס, שלאָגען ביידעקעס, זיך חבר'ען מיט גערגעלע־גנב, אַ יונגעל אַ יתום און אַ באַרוויסער, מיט ממזר'ישע אויגען, מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — אַ רעכטער באָסיאַק! זיין אמת'ער נאָמען איז געווען גרשון, נאָר דאָס האָט איהם זיין מאַמע, שרה־פייגה די קעכין, זאָגט ער, אַזוי פאַרצוינגען, און דעם נאָמען „גנב" האָט איהם שוין צוגעלעגט, זאָגט ער, זיין שטיפטאַטע, יוסף־מאיר דער העקער, חאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט, זאָגט ער, ביי קיינעם קיין זאַך ניט אַוועקגע'גנב'עט. מע זאָל איהם ניט געווען, זאָגט ער, אַ נאָמען געבען גנב, וואָלט ער אפשר קיין גנב קיינמאָל ניט געוואָרען. איצט וועט ער שוין, זאָגט ער, זיי אויף־צו־להכעיס, ווערען אַ גנב — הלואי עס זאָל נאָר זיין וואָס צו גנב'ענען!...

אַזוי האָט זיך גערגעלע־גנב באַריהמט גאַנץ ערנסט און מיט אַ מינע פון אַ גרויסען פּאַר שלום נחום ווערוויק'ס, וואָס איז געווען איבערראַשט פון'ם יונגעל מיט די קלוגע אויגען און מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ. זייער באַקאַנטשאַפט האָבען זיי געשלאָסען טאַקי ביי משה דעם שוחט אין חדר. אַ גאַנצע וואָך איז משה דער שוחט געווען אַ מלמד, נאָר דאָנערשטאָג איז ער געווען אַ שוחט, און אַלע ווייבלעך און אַלע מיידלעך האָבען זיך דעם דאָנערשטאָג־דיגען טאָג דאָ צונויפגעזאַמעלט מיט זייערע עופות, גענז און קאַטשקעס. צווישען זיי איז געווען איינער אַ בחור'על מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — דאָס איז געווען גערגעלע — אויך מיט איין עוף, וואָס די מאַמע די קעכין האָט דורך איהם געשיקט צום שוחט קוילען אויף שבת. זיצענדיג צווישען די ווייבלעך און וואַרטענדיג אויפ'ן שוחט, האָט דערווייל אָט דער גערגעלע גע־וויילט דעם עולם, דאָס הייסט, ער האָט געמאַכט אַזעלכע משונה אָנשטעלען, אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס און אַזעלכע משונע'נע העויות,

אז וויפיעל ס'איז געווען ווייבלעך און מיידלעך, האָבען איהם אלע געשאָלטען מיט טוידטע קללות: „גנב", און „משומד", און „חלירע", און וואָס אין דער קאָרט, און געלאכט בעת־מעשה צום טוידט! „אָט דער איז פון מיינע לייט!" — האָט זיך געזאָגט שלום נחום וועוויק'ס און איז געוואָרען מיט איהם חבר. פאַר־שטעהט זיך, בסוד, אז קיינער זאָל ניט וויסען, וואָרום א „טאַטענ'ס א קינד" וואָלט געקאָנט האָבען א מיאוס'ען פסק פאַר אזא חבר'ען זיך מיט א קעבינ'ס א יונגעל און א גנב דערצו.

עס איז אָבער געווען א באזונדער מין זיסקייט אין דעם חבר'ען זיך דוקא מיט אזא יונגעל, מיט וועלכען מע קאָן זיך באַגעגענען נאָר פארנאכטליך, בין מנחה למעריב, רעדען א פּאָר ווערטער, מאכען א פּאָר קונצען, זיך לאָזען לויפען ביידע אראָפּ א בארג, וכדומה. עס איז געווען א באזונדער פארגעניגען אריינ־רוקען איהם אין האַנט אריין, אז קיינער זעהט ניט, אמאָל א גראָשען, אמאָל א צוקערקע און אמאָל גלאט א שטיקעל ברויט — נערגעלע האָט אלסדינג גענומען בשמחה רבה, חלילה ניט ווי א נדבה, און נישט געזאָגט קיין דאנק אפילו, נאָר צוגענומען מיט ביידע הענט, ווי א חוב, וואָס קומט איהם, און געהייסען זיך ברענגען מאָרגען נאָך א מאָל, געגעבען עצות, ווי אזוי מע זאָל פון זיינעטוועגען „קריגען", דאָס הייסט, מחילה, גנב'ענען. נישט אויפ'ן גראָבען אָרט חלילה, נאָר איידעל. למשל, דער אייגענער נערגעלע האָט אויסגעלעהרענט זיינע חברים, און דוקא אין א גאָר קורצער צייט, ווי אזוי מע קאָן קריגען אומזיסט עפּעל אין מארק, אָדער בארען. מע מיינט נישט פון פרעמדע גערטנער, חלילה. וואָרום וואָס פאר א טאַטענ'ס א קינד וועט זיך עס איינשטעלען אריבערקריכען, ווי א גוי, איבער א פּלויט, אריינשפּרינגען אין א פרעמדען גאָרטען, וואו עס געפינט זיך א שומר, וואָס קאָן ברעכען א ביין, און א הונט אויף א קייט, וואָס קאָן דורס זיין א מענטשען? קריגען אומזיסט עפּעל וויפיעל מע וויל האָט זיי נערגעלע־גנב אויסגעלעהרענט נאָר שפּיעלענדיג זיך, און אפילו נישט עובר צו

זיין אויפ׳ן לאו פון „לא תגנוב״. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? אָט וועט איהר הערכען — און זאָגט איהר, אויב דאָס הייסט גע׳גנב׳עט.

זומער־לעבען. נאָר־וואָס אויפגעקומען עפּעל און בארען. שוין פּאַרנאַכטליך. ווייבער זיצען נאָך, אויסגעלעגט מיט זייער סחורה אויף די טישלעך, אָדער גאָר אויף דער ערד, רעדען פונ׳ם גערע־טעניש, וואָס הייניגס יאָהר איז אויף אויבסטען, פון דעם, וואָס קיין רעגען געהט ניט, און אז עס געהט ניט קיין רעגען, איז א שטויב, און אז ס׳איז א שטויב, איז דאָ א סך פליי... די מאַנען פון די ווייבער זענען אין בית־מדרש, חאַפּען־אריין א מנחה־מעריב. דעמאָלט איז די בעסטע צייט. דעמאָלט לאָזען זיך ווייסע־חברה׳־ניקעס אויף דער ארבייט — צו קריגען אומזיסטע עפּעל. חברה נעהען באָרוויס און אַלע אָנגעוואָפּענט מיט שטעקלעך, און אויף די שטעקלעך טשוועקלעך, אויסגעבויגען ווי האַטשקעלעך, און מע לאָזט זיך לויפען — דאָס ווערט אָנגערופען „פּאַטשט״. איינער איז דאָס פערד, און די איבעריגע זענען פאַרשוינדלעך, וואָס האַלטען איהם ביי׳ם צוימעל, טרייבען איהם, הוקען־אונטער און פייפען און שרייען: „פּאַשאַל!״ און אקוראט אז עס קומט צו דער קופּע עפּעלעך אָדער בארלעך, טהוט גערגעלע א קאָמאַנדע: „פּאַלקי דאָלאָי!״ — טהוען חברה א שאַר מיט די האַטשקעוואַטע שטעקלעך, און מחמת דער שטויב איז פונ׳ם לויפען זעהר גרויס, באַמערקט מען ניט, ווי עס קאַטשען זיך עטליכע אָנגעהאַפּטע עפּעלעך אָדער בארלעך. אַפּגעלאָפען א ביסעל, ציהט זיך גערגעלע אויס, און נאָך איהם — די ווייסע־חברה׳ניקעס, אויף דער ערד און מע נעמט זיך צום „רויב״, צו די אָנגעהאַפּטע עפּעלעך. מע שטופּט ווער אין די קעשענעס, ווער גלייך אין מויל אריין — חי געלעבט! ס׳איז ניט אזוי זיס די גנבה, ס׳איז ניט אזוי אָנגעלעגט די עפּעלעך, ווי ס׳איז גלאַט פריילעך!

גערגעלע איז איבערהויפּט א פריילעכער יונג, האַטש ווער עס האָט נאָט אין הארצען — דער לעגט אין איהם אריין וויפיעל ער

וויל. איין אָרעם יונגעל און אַ יתום — ווער וועט זיך פאַר איהם אָננעמען? און דערצו נאָך אַ גנב! נאָטע דער שמש פון בית־מדרש האָט איהם געחאַפּט איינמאָל מיט אַ פרעמדען סידור, און רודע־בתיה, וואָס באַקט בייגעל און בלינעס, האָט ביי איהם אויסגעטרייסעלט אַ האַלבען קאַרזש פון בוזעם — אַזעלכען איז אַ מצוה צו ברעכען די ביינער! דערצו האָט ער אַ מויל — סכנת־נפשות! אויף אַלעמען האָט ער אייך איין אַנדער חסרון, און אויף יעדען — אַ צונעמעניש, און ווייל אַליין איז ער הפקר און איינצושטעלען האָט ער נישט וואָס, האָט ער ליעב איטליכען באַזונדער אונטער־שטעלען זיין באָרוויסען פוס, ווי אַ קאַטשערע, אַזוי אַז יענער זאָל זיך אויסציהען ווי לאַנג ער איז — מעג עס זיין דער רב אַליין, די רביצין אָדער די שוחט'קע — פּוץ אין דער ערד אריין! דאָס איז דעם קליינעם שלום'ען שטאַרק געפעלען, און מיט דער צייט האָט ער איהם אַזוי ליעב געקריגען, אַז ער האָט איהם געטראָגען גאַנצע שטיקער ברויט פון דער שוחט'קע'ס טיש אין קעשענע, מחילה בגנבה, און אַמאָל טאַקי אָוועקגע'לקח'ענט פון דער צוקער־פּושקע אַ שטיקעל צוקער אויך. ער האָט ליעב געהאַט צוקער. מעהר פון אַלץ האָט אָבער גערגעלע ליעב געהאַט אַ ציגאַר־טיטון, אויסגעגאַנגען נאָך אַ פּאַפּיראָסעל! נאָר וואו קריגט מען אַזאַ זאַך, אַז דער רבי איז קראַנק און רויכערט ניט, און דער טאַטע איז ניטאָ? האָט איהם גערגעלע געגעבען איין עצה, ער זאָל זיך אָפּטער אַ ביסעל אריינחאַפּען צום פעטער ניסלען — יענער רויכערט דאָך „פּערוועַ דיובעק"!

דאָס איז געווען אַ וואוילע עצה. דער פעטער ניסעל האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט. די פּושקע טיטון איז ביי איהם געשטאַנען אָפען, פראַנק און פריי, אויפ'ן געזימס, אונטער'ן שפּיעגעל. אהין האָט זיך דער קליינער שלום אָנגעהויבען אָפּטליך אריינחאַפּען, אריינשטעקען די יד, אָננעמען אַ פולע זשמעני דיובעק און אריין אין די הויזענקעשענעס. באַדאַרף זיך טרעפען, מעשה שטן, אַז די מוהמע האָדעל דערזעהט עס (און דוקא זי דאַרף דערזעהען, ניט

קיין אנדערער!). דאָ האָט זיך אראָפּגעלאָזט דער הימעל אויף דער ערד. עק וועלט! ס׳איז גאָר ניט געווען אזא שטראָף, וואָס דער קליינער פארברעכער זאָל דאָס ניט האָבען פאַרדיענט. ארבע מיתות בית־דין! עס האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אז וואָס שטרענגער און וואָס גיכער דער פסק זאָל שוין זיין, וואָלט געווען בעסער. האָט גאָט געטהאָן א נס. עס האָט זיך געטראָפען א גליק, וואָס איז געווען, אייגענטליך, איין אומגליק, א גרויסער אומגליק: מען איז געקומען צו לויפען פלוצים צום פעטער ניסלען, אז ער זאָל געהן וואָס גיכער, וואָרום משה דער שוחט איז פארביי, די גאנצע שטאָדט איז דאָרט, ער גוסס׳ט שוין...

דאָס איז געווען פאר׳ן קליינעם פארברעכער א נייער קלאָפּ, אפשר נאָך א גרעסערער פונ׳ם ערשטען. קיין אנדער רבין האָבען די תּלמידים אזוי ניט ליעב געהאט, ווי אָט דעם רבין. דאָס איז געווען עפּיס א מלאך, ניט קיין רבי! ערשט דעמאָלט, ווען חברה נושאי־המטה האָבען איהם, איין איבערגעדעקטען מיט שווארצען, גענעבען א חאַפּ אויף די פּלייצעס און א טראָג־אוועק אויפ׳ן הייליגען אָרט און די גאנצע שטאָדט איז נאָכגעגאנגען נאָך דער לויה, האָבען נחום וועוויק׳ס קינדער זיך דערמאנט, וואָס פאר א בריליאנטענער רבי דאָס איז געווען, און ווי ווייט זיי האָבען נישט געוואוסט איהם צו שאַצען — און א קוואל פון טרערען האָט זיך אויפגעעפענט ביי זיי. נאָך איין אייגענעם ברודער באדארף מען אזוי ניט וויינען, ווי די האָבען געוויינט נאָך זייער יונגען רבין, משה דעם שוחט.

מעהר פון אלע און ווארעמער פון אלע האָט געוויינט שלום. דער האָט זיך געפיהלט קעגען איהם א פארזינדיגטער, א חוטא גמור. ערשטענס, האָט איהם דער רבי געהאלטען פאר׳ן בעסטען און פאר׳ן עהרליכסטען, צום סוף האָט ער זעלטען געוואוסט ד׳אנערשטאָג דאָס לייענען. ער האָט זיך נאָר געמאַכט, אז ער ווייסט, געשאָקעלט זיך און געזונגען און גערדעהט מיט דער האנט — אָפּגענארט, אָפּגענארט, אָפּגענארט! היינט וויפיעל מאָל

האָט ער איבערגעהיפּט העכער האַלב דאַוונען! און טאַקי גלאַט ניט געדאַוונט ניט קיין מנחה, ניט קיין מעריב, נאָר אַרומגעלאָפען מיט גערגעלע־גנב, געריצט דעם גלח׳ס הינט דורך די גראַטעס, אָדער גע׳גנב׳עט עפּעלעך אין מאַרק. דאָ, אויף ד ע ר וועלט, האָט דאָס דער רבי ניט געוואוסט, ער וואָלט זיך עס גאָר אויף איהם נישט געגלויבט. אָבער דאָרט, אויף י ע נ ע ר וועלט, וואו ער ווייסט שוין אַלץ, אַלץ, אַלץ?...

22

מאיר־ווערלוועל בעל־עגלה מיט זיינע „סוסים"

דער פעטער ניסעל — מיט ווייסע־חברה׳ניקעס א ווייסער־חברה׳ניק. — מאיר־ווערלוועל׳ס בויד מיט די דריי סוסים: „מאודריק", „טענצער" און די „יחסנ׳טע". — דער בעל־עגלה דערצעהלט זיין ביאגראפיע.

סוף זומער (אין דרויסען איז נאך געווען רעכט ווארעם, נאר געשמעקט האט שוין מיט ראש־חודש אלול) איז אנגעקומען א בויד מיט דריי פערד פון דער גרויסער שטאדט, פון פערעיאסלאוו. צו־געפאהרען צום פעטער ניסעל׳ס שטוב, האט דער בעל־עגלה, א בארעדעווודיגער איד מיט׳ן נאמען מאיר־ווערלוועל, זיך צעשפיליעט און ארויסבאקומען ערגיץ פון א ווייטער קעשענע א בריוועל, גע־שריבען פון נחום וועוויק׳ס צו זיין ברודער ניסעל ראבינאוויטש. אין בריוועל איז געשטאנען, אז מע שיקט נאך די קינדער, ערשטענס, א פוהר, צווייטענס, דריי פאר שטיוועלעך, און, דריטענס, עסענ־ווארג: קיכלעך, הארטע אייער און בארען — דאס איז „צידה לדרך" אויף צוויי טעג. און חוץ לזה, עקסטרע פון דער באבע מינדי, א ווארעמע קאלדרע מיט איין אלטען שאל אויף איינצוהילען די קינדער, טאמער ווערט חלילה קאלט, אדער עס געהט א רעגען. דעם בעל־עגלה האט מען אנגעזאגט, אז ער זאל, למען השם, אויפ־זעצען די קינדער־ אויפ׳ן אנדערען טאג אין דער פריה באלד נאכ׳ן דאווענען, און אז נעכטיגען זאל ער מיט זיי אין באריספאלי, וועלען זיי קאנען קומען, אם ירצה השם, אויפ׳ן אנדערען טאג ארום מנחה־צייט אהיים, קיין פערעיאסלאוו.

וואו נעמט מען פאַרב אויף צו באַשרייבען די שמחה פון נחום וועוויק׳ס קינדער, אַז מע האָט זיי איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיגען בריעף טאַקי אינאיינעם מיט דריי פּאָר שטי־וועלעך? אויף וואָס זאָל מען זיך פריהער פרעהען: אויף די נייע שטיוועלעך? אָדער אויף דעם, וואָס מע וועט צוויי טעג נאָכאַנאַנד פאָהרען אין אַ בויד מיט דריי פערד, צי אויף דעם, וואָס מע וועט איבערמאָרגען אויף דער נאַכט שוין זיין אין דער גרויסער שטאָדט, אין פערעיאַסלאַוו?

— קומט אַהער, שקצים, עכברושים, ווייסע חברה׳ניקעס, זעצט אייך קאָרשט אַוועקעט און מעסט־אָן אָט די שטיוועלעך! — אַזוי האָט געקאָמאַנדעוועט דער פעטער ניסעל, געשענקט אַלע דריי צו שנעל, ווען אין נאָז אַריין און ווען אין איין אויהער.

דער פעטער ניסעל האָט ליעב געהאַט קינדער: אייגענע, פרעמדע — אַלץ איינס, און דעריבער איז באַקומען פון איהם אַ שנעל געווען נישט קיין שטראָף, נאָר אַ פאַרגעניגען, עס האָט גע־מעגט אפילו שמאַרצען דערנאָך אַ האַלבע שעה כסדר. פון דעם, וואָס מע האָט ליעב, איז אַ פאַטש אויך אַ מתנה. און ליעב האָבען איהם די קינדער געהאַט דערפאַר שוין אַליין, וואָס ער איז געווען כמעט דער איינציגער אין דער משפחה, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם נישט געשטראָפט, קיין מוסר נישט געזאָגט און נישט אַכטונג גע־געבען, ווי אַנדערע, מע זאָל לערנען אָדער דאַווענען. אדרבה, מיט קינדער קונדסים איז ער אַליין אויך געווען אַ קונדס, ליעב געהאַט אַ לאַך צו טהון און אַ שטיף טהון, אינאיינעם מיט זיי אַריינלאָזען אַ רעכטע פּאַרציע שמעק־טאַבעקע אין נאָז אַריין איין אַלטען אידען, וואָס איז אַנשלאָפען געוואָרען, זיצענדיג אין בית־המדרש, און ווינטשעווען איהם נאָכדעם „צו געזונט״, אַז יענער האָט זיך אויפ־געחאַפּט מיט אַ ניסעריי און מיט אַ הוסטעריי. און ווער שמועסט שמחת־תורה — דעמאָלט איז ער געווען מעהר ווייסער־חברה׳ניק פון אַלע ווייסע־חברה׳ניקעס; ער אַליין האָט אַנגעטרונקען גדליה דעם שכור מיט בראָנפען און געהאָלפען די קינדער, זיי זאָלען

בינדען גדליה׳ן הענט און פיס, ווי א באראן, פארשליסען איהם אין קאמער און דארטען צוקרעמפעווען זיין האנט דורך א לאנגען שטריק צום סוואלעק מיט א גלאק, אזוי, אז ער וועט זיך אויס־ניכטערען און וועט וועלען אויפשטעהן, זאל ער ניט ווילענדיג אנ־הויבען קלינגען, ווי אויף א שרפה, און די גאנצע שטאדט זאל זיך צונויפלויפען מיט א ליארם און א געפילדער: „ווער ברענט?“...

פון דעם איז צו פארשטעהן, ווי שווער ס׳איז געווען מיט אזא פעטער זיך צעשיידען! ביי׳ם געזעגענען זיך האט ער די חברה געטרייסט מיט ווערטער און מיט א זעץ אין די פלייצעס: „נישקשה, ניטשעווא, מיר׳ן זיך נאך זעהען! איך וועל דא אויך לאנג נישט פארבלייבען!“... אזוי ווי דאס הארץ האט איהם געזאגט — ווי דער לעזער ווייסט שוין פון די פריהעריגע באשרייבונגען.

אנגעטהאן די נייע שטיוועלעך און געפיהלט זיך אין זיי מחיה׳דיג גוט, ווי אויסגעוואכסען, האבען חברה קודם־כל באקאנט זיך מיט דער בויד, מיט אלע דריי פערדלעך און מיט׳ן בעל־עגלה, וואס וועט זיי פיהרען פון דאנען אין דער גרויסער שטאדט אריין.

די בויד — א בויד ווי אלע בוידען, אויבען מיט א גרויען געלאטעטען דעקטוך, גוט אויסגעבעט מיט היי און מיט ראגאזשעס, דאכט זיך, ווייך, דארף זיין א תענוג צו זיצען. דעם „תענוג“ זענען חברה געוואוירע געווארען נאכדעם, אויפ׳ן אנדערען טאג פון דער נסיעה, אז זיי האבען שוין נישט געפיהלט איין ביין א גאנצען. דאס איז די בויד. און די פערדלעך — זיי פארדיענען באשריבען צו ווערען חאטש אין קורצע ווערטער, נאר יעדעס פערדעל באזונדער, ווארום די דריי פערדלעך (ביי מאיר־וועלוועל בעל־עגלה האבען זיי געהייסען „סוסים“) האבען זיך אזוי אנ־געקעהרט איינס מיט דאס אנדערע, אזוי ווי עס קעהרט זיך אן, למשל, א שטרייענער דאך מיט א פדיון־הבן. דאס איז געווען א אידישע טראיקע.

מיר הויבען אָן פונ'ם מיטעלסטען, פונ'ם „קאַרענאַי". ביי מאיר־וועלוועל דעם בעל־עגלה האָט ער געהייסען מיט'ן נאָמען „מאודריק". פאַר וואָס מאודריק? ווייסט מען ניט. אפשר דער־פאַר, ווייל מאודריק נעמט זיך פונ'ם וואָרט מאודריי, און מאודריי איז די טייטש חכם, חאָטש קיין גרויסער חכם, דאַרף מען זאָגען דעם אמת, איז דער דאָזיגער מאודריק נישט געווען. ער איז נאָר געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָהרען — דאָס יאָ. דאָס האָט מען געקאָנט ארויסזעהען פון זיין אַלטער מאָרדע מיט די רינענדיגע אויגען און פון זיין אויסגעטריפּעטען עק און פון די הויכע ביינער, וואָס האָבען ארויסגעסטאַרטשעט פון זיין אמאָליגען ברייטען הינ־טען. און פון דעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער, איז דער גאַנצער וואָגען מיט דער גאַנצער משא געלעגען כמעט נאָר אויף איהם, מחמת יענע, די צוויי „פּריסטיאַזשנע", האָבען זיך נאָר געמאַכט ווי זיי שלעפּען.

די דאָזיגע צוויי „סוסים" האָבען אויך געהאַט נעמען. איינעם האָט מען גערופען מיט'ן נאָמען „טענצער", ווייל דער גאַנג זיינער איז געווען מיט אַ טענצעל. ער האָט געהאַלטען אין איין טאַנצען. אַלע פיער פיס האָבען ביי איהם געטאַנצט, נאָר יעדער פוס האָט געטאַנצט באַזונדער. זיי האָבען זיך ניט איינגעערדט. און דער־פאַר איז פון זיין טאַנצען קיין גוטס נישט ארויסגעקומען. ער האָט נאָר געשטעהרט מאודריקען — איז איינס; און ווידער האָט ער אַזוי געטרייסעלט דעם וואָגען, אַז ס'האָט ארויסגעטרייסעלט די נשמה. מאָהלט אייך, מאיר־וועלוועל האָט זיך מיט איהם אָפּ־געריכטעט: „וועסט ביי מיר טאַנצען!" — האָט ער איהם געזאָגט און איינגעטייטשט אַ מאָל מיט דער בייטש און אַ מאָל מיט'ן שטעקעל פון דער בייטש. דעם גאַנצען וועג האָט ער איהם גע־האַלטען אין איין שלאָגען, געלעהרענט מיט איהם בלק. דאָס האָט אָבער וויינציג־וואָס געהאָלפען. טענצער איז ניט נתפעל געוואָרען און ניט אויפגעהערט צו טאַנצען. אדרבה, אַז מע האָט איהם גוט דערלאַנגט, איז נאָך געווען ערגער: ער האָט אָפּגעענטפערט מיט

ביידע הינטערשטע פיס, ווי איינער רעדט: „אז דו ווילסט, נא דיר!"... אין וואוכס איז ער געווען א קליינער, א סך קלענער פון מאודריקען, נאָר א מאָרדע האָט ער געהאַט א סך א קליגערע פון מאודריקען. גאָר קיין ערך ניט. ס'איז מעגליך, אז מאיר־וועלוועל האָט ניט מגזם געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַריהמט, אז טענצער איז געווען אמאָל גאָר פון די „געהויבענע סוסים", נאָר ווייל ער איז פון א גוט אויג געחאַפּט געוואָרען אויף די רגלים און מע האָט מיט איהם גאָרנישט געקאָנט מאכען, איז ער אריינגעפאַלען צו איהם אין די הענט אריין און ער לעהרענט מיט איהם פון דעמאָלט אָן בלק.

דערפאַר האָט מאיר־וועלוועל דעם דריטען סוס געלאָזט צו־רוה, זעלטען, פון יוצא וועגען, דערלאַנגט א שמיצעל. געווען איז דאָס א שקאַפּקע, א נידעריגע און א גראָבע, מיט מאָכנאַטע פיס, און געהייסען האָט זי ביי איהם די „יחסנ'טע", דערפאַר, וואָס זי קומט־ארויס פון א גרויסען יחוס: זי איז געווען אמאָל — אזוי האָט דערצעהלט מאיר־וועלוועל, פאָהרענדיג אין וועג, — א גלח'ס א פערד. ווי קומט זי צו איהם? איז דערינען א גאַנצע מעשה, וואָס מע קאָן זי ניט איבערדערצעהלען מיט אלע פּישטשעווקעס: ערשטענס, איז דאָס שוין זעהר לאַנג — ווי קאָן מען זיך אָנגעדענקען? און, צווייטענס, האָט זיך די מעשה נאָך דעמאָלט ביי מאיר־וועלוועלען ניט געקלעפּט אקוראַט. עס געדענקט זיך נאָר, אז די יחסנ'טע איז געווען, ווי מאיר־וועלוועל דערצעהלט מיט א שמייכעל, א גע'גנב'עטע. דאָס הייסט, נישט ער, חלילה, האָט זי גע'גנב'עט; גע'גנב'עט האָבען אנדערע, נאָר ער האָט זי אוועקגעקויפט בחצי־חנם, און בעת ער האָט זי געקויפט, האָט ער ניט אָנגעהויבען צו וויסען, ער זאָל אזוי ניט וויסען פון קיין צער און פון קיין דלות, אז זי איז א גע'גנב'עטע, וואָרום ווען ער זאָל וויסען, אז זי איז א גע'גנב'עטע, און נאָך ביי א גלח דערצו, וואָלט ער זיך ניט צוגעריהרט צו איהר, מע זאָל איהם אָפּגילטען (דערביי מאַכט שוין מאיר־וועלוועל איין ערנסטע מינע), טאַקי ממש אָפּגילטען!

נישט מחמת ער איז אַזאַ צדיק אין אַ פּעלץ און האָט מורא זיך צוריהרען צו אַ גע׳גנב׳עט פערד. וואָס געהט איהם אָן, אַז יענער איז אַ גנב? ביזט דו אַ גנב, וועט מען דיך שמייסען אויף יענער וועלט. נאָר ער וואָלט זי נישט געקויפט איבער איין אַנדער זאַך. ער האָט פיינט פּאָליציע, אַזוי ווי חזיר. ער וויל נישט האָבען קיין שום „דאַטשיניעניעס" מיט פּאָליציע! והראיה, ער האָט אַמאָל געהאַט אויף זיך אַ פּעקעל, איין אומגליק, אַ בלבול. שונאים בעלי־עגלות האָבען איהם אונטערגעשטעלט אַ פּיסעל, יאַנקעל בולגאַטש, אַ רוח אין זיין קוטשמע!...

און דאָ געהט־אַוועק ביי מאיר־וועלוועלען אַ זייטיגע מעשה, און נאָך אַ מעשה, און נאָך אַ מעשה, און פון די אַלע מעשיות האָט מען געקאָנט שטאַרק הושד זיין, אַז מאיר־וועלוועל האָט שטאַרקע „דאַטשיניעניעס" מיט פערד־גנבים און מיט פּאָליציע...

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַ מעלה — ער איז געווען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, אַ באַרעדעוודיגער און האָט מיט זיינע נייען מאָס רעד זעהר גוט אונטערגעהאַלטען די יונגע פאַרשווינדלעך דעם גאַנצען וועג פון וואָראָנקאָ קיין באָרישפּאָלי און פון באָרישפּאָלי קיין פּערעיאַסלאַוו — דאָס מויל האָט זיך איהם ניט צוגעמאַכט אויף קיין מינוט אפילו. אַלסדינג זענען פון איהם די קינדער געוואוירע געוואָרען, פון זינט ער איז געווען אַ יונגעל אַ שמייסער ביי יאַנקעל בולגאַטש, און דערנאָך, ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט און אַליין געוואָרען פאַר זיך אַ בעל־עגלה, האָט איהם יאַנקעל בולגאַטש גע׳רודפ׳ט, געגראָבען, נאָר ער האָט איהם אין דער ערד! און פון זיין ווייב האָט ער דערצעהלט, ווי אַזוי זי איז געווען אַמאָל אַ מיידעל, און דוקא אַ שענע, אַ קראַסאַוויצע! און ווי אַזוי ער איז געווען נאָך איהר די כפרה! שיער־שיער ניט איינגענומען אַ מיתה־משונה — אַזאַ קראַסאַוויציע איז דאָס געווען! היינט, ווען ער ווערט צוריק אַ בחור, וואָלט ער אפילו ניט געוואָלט קוקען אויף איהר, נאָר דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ „יאַט"...

דאָס וואָרט „יאַט" האָבען חברה נישט רעכט פאַרשטאַנען; נאָר אַז מאיר־וועלוועל האָט גענומען דערצעהלען אין זיין וויטער־דיגער ביאָגראַפיע, ווי אַזוי זיין ווייב האָט איהם קאַרגער אַ יאָהר נאָך דער חתונה געבוירען אַ יאַטעל, און שפּעטער מיט אַ יאָהר נאָך אַ יאַטעל, און נאָך אַ יאַטעל, און נאָך אַ יאַטעל — האָבען זיך חברה אָנגעשטויסען וואָס דאָס איז.

נעענדיגט דערצעהלען זיין אייגענע געשיכטע, איז מאיר־וועלוועל בעל־עגלה אַריבער צו דער געשיכטע פון יאַנקעל בולגאַטש און פון אַנדערע בעלי־עגלות, אָנגערופען אַלעמען ביי די נעמען און באַקאַנט געמאַכט, וויפיעל און וואָסערע פערד יעדער האָט, ווער עס האָט פערד, טאַקי „סוסים", און ווער עס האָט „פּגירות, נבלות, פּעל".

פון בעלי־עגלות איז מאיר־וועלוועל אַריבער אויף פערד־הענדלער און אויף ציגיינערס און אויף גנבים און אויף „נביאים". דער חילוק פון אַ גנב ביז אַ נביא איז דער — אַזוי האָט מאיר־וועלוועל געגעבען צו פאַרשטעהן: — וואָס דער גנב פיהרט־אַרויס דעם סוס פון שטאַל, און דער „נביא" — דער טרעפט און ווייזט־אָן, וואו דער סוס געפינט זיך. דעריבער מוז מען מיט די נביאים שלאָגען בלאָט נאָך מעהר ווי מיט די גנבים... ניין, די קינדער וועלען דאָס אין צוויי יאָהר נישט געוואוירע ווערען, וואָס זיי זענען געוואוירע געוואָרען פון מאיר־וועלעל בעל־עגלה אין די צוויי טעג פון זייער נסיעה.

אַצינד, אַז מיר זענען שוין באַקאַנט מיט'ן בעל־עגלה, מיט זיין בויד און מיט זיינע דריי סוסים, מעגען מיר זיך אומקעהרען אויף אַ קורצע ווייל צוריק קיין וואָראָנקאָ און דערצעהלען, ווי אַזוי דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין שטעדטעלע, איידער ער האָט דאָס פאַרלאָזען אויף שטענדיג.

23

זיי געזונט, וואַראַנקאַ!

דער העלד געזעגנט זיך אָפּ מיט זיין שטעדטעלע. — ער שווערמט וועגען אוצר. — ער איז גרייט אוועקצושענקען געראַנעלעו זיינע אַלטע שיך. — אַ נאַרישער אינצידענט מיט „פרומע די מויד".

וויפיעל דאָס שטעדטעל האָט זיך ניט צוגעגעסען, וויפיעל די מענטשען זענען ניט נמאס געוואָרען, און וויפיעל פּינעלע שימעלע'ס האָט אין זיין צייט ניט געמאַכט עס צו קליינגעלט, האָט וואַראַנקאַ פאַר'ן אוועקפאָהר פון נחום וועוויק'ס קינדער אין דער גרויסער שטאָדט אריין צוריק באַקומען ביי זיי אין די אויגען דעם אמאָליגען חן מיט'ן אמאָליגען גלאַנץ, און עס האָט באמת הארצעדיג באַנג געטהאָן מיט דעם זיך צו שיידען.

גלייך ווי מיט עפּיס אַ לעבעדיגער זאַך, גלייך ווי מיט אַ ליעבען און געטרייען חבר — אַזוי האָט זיך שלום נחום וועוויק'ס געזעגענט מיט'ן שטעדטעל, אָנגעהויבען פון דעם הויף מיט'ן גאָרטען און מיט איטליכס בוימעלע, וואָס האָבען שוין איצטער געהערט צו איין אַנדערען, און אויסגעלאָזט מיט'ן באַרג, וואָס אויף יענער זייט בית־המדרש, און מיט דער „לעוואַדע", וואָס אויף יענער זייט שטאָדט, — די ערטער, וואו ער האָט פאַרבראַכט מיט זיינע בעסטע חברים, רעכענענדיג פון דעם ערשטען, פון שמואליק דעם יתום, ביז'ן לעצטען — ביז געראַנעלע־גנב.

גאַנץ באַזונדער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף יענעם אָרט, וואו עס איז געלעגען, ווערליג שמואליק האָט געוואוסט כמעט

פאר גנווים, באהאלטען דער אוצר; ווי אַ פאַר׳כּשופ׳טער איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין אַ הייליגער שטילקייט, און אַ גאַנצע רייהע פון מחשבות האָבען זיך דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ: וואָס ועט זיין מיט׳ן דאָזיגען אוצר, טאָמער חס ושלום געפינט איהם אַ גוי, ניט קיין איד?... און צי איז דאָס מעגליך, אַז אַ גוי זאָל איהם געפינען? — דאָס קאָן וויסען נאָר אַזאַ מענטש, ווי זיין חבר שמואליק... וואו קאָן זיין איצטער שמואליק? צי וועט ער זיך באַגעגענען אמאָל מיט שמואליקען? און וואָס וועט זיין, אויב זיי וועלען זיך באַגעגענען? — אַז זיי וועלען זיך באַגעגענען ערגיץ־וואו, איז דאָס ערשטע וועלען זיי מסתּמאביידע קומען צו פאָהרען אהער אויף אַ קורצע צייט, ביידע אינאיינעם, באַקוקען נאָך אַ מאָל די אַלע ערטער, וואו זיי האָבען אינאיינעם פאַרבראַכט זייערע בעסטע יונגעלשע יאָהרען. און דערנאָך וועלען זיי זיך אַ נעם טהון צום אוצר אויף אַלע כּלים: פריהער וועט איינער פאַסטען תּעניתים, דערנאָך דער אַנדערער, און אַז זיי וועלען פאַרטיג ווערען מיט די תּעניתים און מיט׳ן תּהלים־זאָגען, וועלען זיי נעמען זוכען דעם אוצר. און אַז זיי וועלען געפינען דעם אוצר, וועלען זיי זיך מיט איהם צעטיילען אויף דער האַלב, חלק כּחלק — און אַך! סאַראַ יום־טוב דאָס וועט זיין! דעם גרעסטען חלק, פאַר־שטעהט זיך, וועט באַקומען דער טאַטע, נחום וועוויק׳ס. דערנאָך דער פעטער ניסעל — אויך אַ היבשען חלק. דערנאָך דער פעטער פיני און די איבעריגע קרובים פון דער משפּחה. נאָר אַ גרויסער טייל פונ׳ם אוצר וועט אַריינפאַלען טאַקי דאָ גופא, צו די וואָראָנ־קאָווער אידען. משה דעם שוחט׳ס ווייב, די אַלמנה נעכאַך — איהר דאַרף מען געבען אַזוי פיעל, אַז זי זאָל ניט רעדען פון חתונה האָבען נאָך אַ מאָל און זאָל פאַרשפּאָרען זיך שלעפּען קיין חוואַסטעוו צו איהרע אָרעמע קרובים, וואָס האָבען אַליין קוים אַ טאָג איבער־צוקומען. די צוויי נבאי׳טעס, „פרומע די מויד״ און „פייגעלע־אשמדאי״, האָטש זיי האָבען דאָס נישט פאַרדיענט, וועלען אויך פון דעסטוועגען באַקומען אַזוי פיעל, וואָס זייערע מאַנען האָבען

עס אפילו אין חלום נים געזעהען. די אלטע רודע־בתיה, וואס באקט בייגעל, בלינעס און קארזשעס און האלט־אוים מיט איהרע געשוואלענע הענט א גאנצע משפחה, וואלט שוין געמענט אויף דער עלטער, נישקשה, זיך א ביסעל אפרוהען. און מלך דער שמש, און גדליה דער שכור — פאר וואס זאל מען זיי דורכלאזען? ציי, אשטייגער, שמואל־אלי דער חזן קלאגט זיך, אז ס'איז איהם דא ענג, ער האט א קול און וואלט געקאנט זינגען א סך בעסער פון די גרעסטע חזנים אין דער וועלט, ווען ער זאל האבען נאטען — באדארף מען זעהען, אז ער זאל האבען נאטען. בלייבט־איבער איצטער נאר איין גערגעלע־גנב. וואס טהוט מען מיט דעם יונג, אז ער זאל ווערען אוים גנב? קודם דארף מען זעהען, אז זיין מאמע זאל ווערען אוים קעכין, און זיין שטיפטאטען דעם העקער באדארף מען קויפען א שטוב איין אייגענע, און געלט באדארף מען איהם אנשיטען פולע קעשענעס, און זאגען איהם בפירוש, אז דאס איז נים צוליעב איהם, נאר צוליעב זיין שטיפזוהן גערגעלע — ער זאל איהם אויפהערען צו שלאגען און צו רופען גנב...

ביי די גערדאנקען וואכסט־אוים גערגעלע־גנב! א בארוויסער, ווי אלע מאל, און איין אפגעריסענער.

— ווי קומסט דו אהער?

— און דו?...

זיי צערעדען זיך און לאזען זיך געהן. שלום איז איהם מודיע, אז ער פאהרט־אוועק. גערגעלע ווייסט עס. ער האט שוין גע־הערט און געזעהען אפילו די בויד מיט די דריי פערד.

— געזעהען? וואס זאגסט דו אויף זיי?

— אויף וועמען?

— אויף די פערד.

— וואס זאל איך זאגען? פערד...

— און די בויד ווי געפעלט דיר?

— א בויד...

נערגעלע איז נישט אויפגעלעגט, נישט גוט געלוינט. זיין חבר וויל איהם מאכען פריילליכער.

— דו ווייסט? איך האב נאר־וואס פון דיר געטראכט, ביזט דו אנגעקומען אקוראט אין מיטען...

— טאקי? וואס האסט דו געטראכט, אשטיינער?

— איך האב געטראכט... איך האב דיך אין זינען געהאט ביי'ם אוצר...

— ביי וואסער אוצר?

שלום'ען ווערט שלעכט: זאל ער איהם זאגען, צי זאל ער איהם ניט זאגען? נערגעלע פרעגט נאך א מאל: „וואסער אוצר?" עס העלפט נישט — מע מוז איהם זאגען. און ער דערצעהלט־אויס וועגען אוצר. נערגעלע ווערט נייגיעריג: „וואו זשע געפינט ער זיך, דער אוצר?" זיין חבר ווערט נאך ערגער: זאל ער איהם זאגען, צי זאל ער איהם ניט זאגען? אין נערגעלע'ס אויגען צינדט זיך אן א פייערעל: „וואס האסט דו מורא זאגען — איך וועל איהם אויסחאפען?"... שלום האט שוין חרטה, וואס ער האט נאר אנגעהויבען, און ער רעדט צו איהם מיט דעם אייגענעם טאן, ווי פינעלע שימעלע'ס האט אמאל מיט איהם גערעדט — פון אויבען אראפ.

— נארעלע, און אז איך וועל דיר אפילו זאגען וואו, וועסט דו אויך אהין נישט קאנען צוקומען, ווארום מע דארף דערצו קאנען קבלה — איז איינס; און צווייטענס, באדארף מען פאסטען פערציג תעניתים און אויפ'ן איין־און־פערציגסטען טאג...

— און אויפ'ן איין־און־פערציגסטען טאג ביזט דו א שוטה! — שלאגט איהם איבער נערגעלע און חאפט א קוק אראפ אויף זיין חבר'ס שטיוועלעך. אפנים, זיי זענען איהם געפעלען.

— נייע?

זיין חבר ווערט ווי פארשעמט: שפאגעל־נייע שטיוועלעך אין דער צייט, ווען נערגעלע איז א באָרוועסער! און ער רופט זיך אן צו נערגעלען:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צום פעטער ניסלען, וועל איך דיר עפּיס שענקען...

— עפּיס שענקען? פאַר וואָס ניט?... — גערגעלע איז גאַנץ צופריעדען, און ביידע מאַכען זיי גיכע טריט. געקומען אַהיים צום פעטער ניסלען, טרעפען זיי דאָרט אַ גאַנצע חאַליאַסטרע פריינט און גוטע פריינט, וואָס האָבען דערהערט, אַז אַ פוהר איז געקומען צו פאָהרען נאָך נחום וועוויק'ס קינדער, זענען זיי דאָס געקומען זיך געזעגענען און לאָזען גריסען זייערע טאַטע־מאַמע גאָר פריינטליך...

צווישען דער חאַליאַסטרע האָבען זיך געפונען אויך די צוויי גבאַי'טעס, „פרומע די מויד" און „פייגעלע־אַשמדאַי", דערווייליע אליין, אָהן זייערע מאַנען. שפּעטער אַ ביסעל וועלען קומען די מאַנען אויך זיך צו געזעגענען און צו לאָזען גריסען. אַלע קוקען אויף די קינדער מיט רעספּעקט — מענטשען פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט, קיין פּערעיאַסלאַוו! מע רעדט שוין צו זיי גאָר מיט איין אַנדער לשון. מע גיט זיי עצות, ווי אַזוי זיי זאָלען פאָהרען און וואו זיי זאָלען זיך אָפּשטעלען אין באַרישפּאָלי. דער פעטער ניסעל שענקט זיי צו שנעל, ווי זיין שטייגער איז, און פרעגט די שקצים, אויב זיי וועלען אַמאָל צושרייבען אַ בריוועל? — אַ שאלה אַ ביסעל! זיי וועלען שרייבען אַלע וואָך, צוויי מאָל אַ וואָך, אַלע טאָג!... שמואל־אלי דער חזן בעט, זיי זאָלען איבערגעבען פון איהם גאָר אַ באַזונדערען גרוס דעם טאַטען און זאָגען, אַז זינט יענער איז אַרויסגעפאָהרען פון דאַנען, האָט ער, שמואל־אלי, נאָך איין שאָך אפילו ניט געשפּיעלט, וואָרום וואָראָנקאָ איז אַ פּוסטקע! די מוהמע האָדעל איז מיט אַ מאָל געוואָרען גוט, חאַטש לעג זי צו צו אַ מכה. זי האָט געזאָגט, אַז זי פאַרשטעהט ניט, ווי אַזוי שיקט מען דאָס אַרויס קינדער הונגעריגע? און וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּייז אין וועג אויף צוויי מעת־לעת קיכלעך, האַרטע אייער און בארען? די קינדער וועלען דאָך אויסגעהן פון הונגער! און

זי האָט גענומען פּאַקען זיי אין וועג אַריין וואָס זי האָט געקאָנט: שמאַלץ אין אַ קליין טעפּעלע, אַ סלאָיעקעל פאַרצוקערטען איינגעמאַכטס, אפּנים, פון פאַר־אַ־יאָהרען זומער, און פּאָווידלע, נאָר אַזאַ זויערע, וואָס מע קאָן דערזעהען קראָקע מיט לעמבעריג!

אין דער צייט, וואָס די מוהמע האָדעל האָט געפּאַקט אין וועג אַריין און די קינדער זענען געווען פאַרנומען מיט'ן געזעגענען זיך, האָט זיך דערוויייל אָפּגעשפּיעלט אַ קליינע טראַגעדיע צווישען „פרומע די מויד" און גערגעלע־גנב. פרומע האָט דערזעהען גערגעלען, האָט זי אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט'ן בלינדען אויגעל און אַ פרעג געטהאָן ביי פייגעלע־אַשמדאי: „וואָס טהוט דאָ דער גנב?"... האָט גערגעלע ניט געוואָרט, ביז יענע וועט ענטפערען, און האָט פון זיין זייט אַ פרעג געגעבען: „וואָס טהוט דאָ די בלינדע?"... עס וואָלט געקאָנט אַרויס דערפון אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל, ווען שלום נעמט נישט זיין חבר גערגעלע פאַר אַ האַנט און פיהרט איהם ניט אַרויס אין הויף אַריין (אין אַזאַ טאָג מעג מען אַלסדינגג, אפילו חבר'ען זיך מיט גערגעלע־גנב).

— איך האָב געזאָגט, איכ'ל דיר עפּים שענקען אַ זאַך? נאַ!...

און שלום נחום וועוויק'ס, צופריעדען פון זיין פילאַנטראָפּיע, שטרעקט־אויס זיין חבר גערגעלע־גנב זיינע אַלטע שטיוועלעך, אַרויסגענומען פון אונטער דער פּאָלע. גערגעלע, אַפּנים, האָט זיך גערעכנט אויף איין אַנדער מין מתנה, נים אויף אַ פּאָר אַלטע שטיוועלעך. און דערצו איז ער געווען צעקאָכט פונ'ם אינצידענט מיט דער בלינדער פרומע און נישט צופריעדען מיט דעם, וואָס זיין חבר האָט פון איהם פאַרלייקענט דעם אָרט פונ'ם אוצר, און גלאַט נישט אויפגעלעגט דעם טאָג, האָט ער די שטיוועלעך ביי זיין חבר צוגענומען, נאָר ער האָט זיי באַלד געגעבען אַ שמייסאוועק פון זיך מיט כעס, און ער איז אַ באָרוויסער אוועק פון הויף, זיך געלאָזט לויפען — און איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

. . . .

א נאַרישער אינצידענט — נאָר וויפיעל געזונט האָט ער געקאָסט! גערגעלע'ס אַנטרונען־ווערען האָט פאַרביטערט זיין חבר'ס געזעגענען זיך מיט'ן שטעדטעלע און אָפּגע'סמ'ט איהם די גאַנצע זיסקייט פון דער ערשטער גרויסער שענער ווייטער נסיעה. וויפיעל ער האָט נישט געוואָלט נאָכדעם אָפּטרייבען פון זיך דאָס טרויעריגע בילד פון זיין באַלעדיגטען חבר, איז עס דוקא געקראָכען איהם אין פּנים אריין, געשטאַנען פאַר די אויגען און גענאָגט דאָס הארץ: „האָסט באַלעדיגט, באַלעדיגט איין אָרעמען חבר!"...

ארויסגעפאָהרען פון מארק, גע'פטר'ט די קלייטען, די הייזלעך, דעם בית־עולם און, להבדיל, דעם גויישען „צווינטער", און אריבער־געפאָהרען דאָס בריקעל און געלאָזט הינטער זיך שוין די לעוואדע אויך — אוים וואַראַנקאַ! דעמאָלט האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע מיט א מאָל דערפיהלט עפּים א מאָדנע ענג־שאַפט אין האַלז, און א ווארעם געפיהל פון רחמנות צום קליינעם שטעדטעלע האָט איהם דורכגענומען דורך און דורך, גלייך ווי דאָס שטעדטעלע וואָלט געבליבען א יתום... דאָס דאָזיגע געפיהל איז־איינעם מיט'ן פארדראָס פון גערגעלע'ס אַנטרונען־ווערען האָבען וויי געמאַכט זיין הארץ און באַנעצט זיינע אויגען. אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ אויף א זייט, בכדי זיינע ברידער זאָלען עס נישט באַ־מערקען, האָט ער אָפּגעווישט א טרער און האָט שטילערהייט זיך אָפּגעזעגענט דאָס לעצטע מאָל מיט'ן שטעדטעלע: „זיי געזונט, וואַראַנקאַ, זיי געזונט!"...

24

די נסיעה

די רייזע ביי מאיר־וועלוועל בעל־עגלה אין בויד. — פילאזאפישע געדאנקען. — די ערשטע סטאנציע אין וועג — בארישפאלי. — „געזינגע" בעלי־בתים פון דער אכסניה. — א נאכטלעגער אויף דער ערד. — דער העלד געזעגנט זיך אויף שטענדיג מיט וואראנקא.

נאר דער, וואס איז אליין אויסגעוואקסען אין א קליין שטעדטעל און איז דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען ארויסגע־פאהרען פונ'ם קליינעם שטעדטעל אויף גאט'ס וועלט, יענער וועט פארשטעהן און וועט מיטפיהלען דעם גליק מיט דעם פארגעניגען מיט דעם רחבת־הנפש, וואס קליינוואַרג האט געפיהלט פון דער דאזיגער ערשטער אנגעלעגטער נסיעה. די ערשטע צייט האט מען זיך אין בויד גאר קיין ארט נים געקאנט געפינען. האט מען זיך אנגעלעהנט, ווי דער טאטע צום סדר אויף דעם היסב־בעט, אדער מע האט ארייננעלעגט די הענט אין די קעשענעס און אויסגעצויגען זיך אין דער לענג, אדער מע האט זיך נאר אויפגעשטעלט, אנגע־האלטען זיך מיט די הענט אין די רייפען פונ'םביידעל. דאס האט שוין מאיר־וועלוועל בעל־עגלה נים געוואלט ליידען. און חאטש ער האט געשלאגען מיט חברה בלאט און א גאנצען וועג דערצעהלט זיי בעל־עגלה־מעשיות, פון דעסטוועגען האט דאס איהם נים געשאדט מבטיח צו זיין, אז טאמער וועלען זיי איהם ארויס־רייסען א שטיקעל בויד, וועט ער זיי ארויסרייסען די קישקעס.

מאיר־וועלוועל האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַ שמיץ נעגעבען די „סוסים" און געפאָהרען ווייטער.

ווער עס געדענקט דעם טעם פון פאָהרען דעם ערשטען מאָל, דער ווייסט, ווי אזוי דער וועג לויפט, ווי אזוי די ערד ווערט פארשוואונדען אונטער די רעדער און אונטער די פיס פון די פערד, ווי אזוי אלץ שוועבט פאר די אויגען, ווי אזוי סע שמעקט אַ פאר־שפעטיגט גרעזעל, אָדער אַ פארטשעפעטע צווייג פון איין עלענטען בוים, ווי אזוי די פרישע לופט חאפט זיך אריין דורך דער נאָז און דורך דעם האלז אינוועניג אריין און גלעט, גלעט — אַ מחיה! און עס הויבט אייך, און עס זינגט זיך אייך — ס'איז אייך גוט אָהן איין עק און אָהן אַ שיעור! דורכגעלאָזט אלע הייזער מיט'ן בריקעל, מיט דער לעוואדע, מיט'ן בית־עולם, פליהט איהר ווייטער און ווייטער, און איהר דערזעהט הויכע „לעבעדיגע מתים", וואָס דרעהען מיט די הענט ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ, עס נעמט אזש אָן אַ פחד. צום סוף, אז מע קומט צו נאָהענט, זעהט מען, אז ס'איז נאָר ווינטמיהלען. נאָר אָט באלד ווערען זיי אויך פאר־שוואונדען, און איהר זעהט מעהר ניט נאָר הימעל און פעלד, פעלד און הימעל, און עס גלוסט זיך אייך אראָפּשפּרינגען פון וואָגען, אָדער בעסער ארויספליהען פון וואָגען און אריינשווימען אין דער דאָזיגער בלויקייט, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף. ניט ווילענדיג קומען געדאנקען, ווי קליין דער מענטש איז און ווי גרויס איז דער, וואָס האָט באשאפען אָט די דאָזיגע שענע גרויסע וועלט, און אַ פארוויעגטער פון די געדאנקען, הויבט זיך אייך אָן צו דרימלען. נאָר אָט שניידט זיך אויס פאר די אויגען עפּיס אַ גרויסע פוהר, מיט אַ פּאָר גרויסע אָכסען מיט גרויסע הערנער, און אַ גוי, אַ באָרוויסער, מיט אַ גרויס היטעל, געהט צו־פוס, און מאיר־וועלוועל גריסט זיך מיט'ן גוי האלב אויף גוייש און האלב אויף אידיש: „זדראָווע, טשאלאָוויטשע, הארצוועהטיג אין בויך נעחיי טובי בודע, און בויכוועהטיג אוהאָלעוואו"... דער גוי ווייסט ניט, וואָס דער איד זאָגט צו איהם, צי נוטס, צי שלעכטס,

שטעהט ער א ווײלע א פּאַרטומעלטער; דערנאָך טהוט ער א מאַך מיט׳ן קאָפּ און א מורקע אונטער דער נאָז א דאַנק און פֿאָהרט ווײטער דעם גאַנצען טאָג, דעם ערשטען טאָג פון דער דאָזיגער װעלוועל, וואָס האָט אפילו קיין שמייכעל ניט געטהאָן, דרעהט־אויס דעם קאָפּ צו זיינע יונגע פּאַרשוינדלעך: „וואָס פאַר א געלעכטער אויף אייך, ממזרים?" א שענע מעשה, נאָר א קורצע — ער פרעגט גאָר, וואָס פאַר א געלעכטער!... און אזוי געהט עס ווײטער דעם גאַנצען טאָג, דעם ערשטען טאָג פון דער דאָזיגער גליקליכער נסיעה אין סוף זומער.

די לעצטע טעג פון זומער — ווי שען זיי זענען! די פעלדער נאַקעט, ערטערווייז צעאַקערט, דאָס ברויט שוין לאַנג אָראָפּגע־נומען, נאָר וואָר־ניט־וואו וואַרפט זיך דורך א בלימעל, א זאַנג, א קווייטעל. אין די גויישע גערטנער ליגען נאָך די קאַוועגעס און אַרבוזעס, וואָס דאַרפען פאַרטיג ווערען, אויך לאַנגע טיקוועס, וואָס נעמען זיך אָן מיט זאַפט, און די הויכע סאָנישניקעס, וואָס האָבען זיך אויסגעצויגען מיט שטאָלץ, באַווייזען זייערע געלע רייכע קוטשמעס. און די גאַנצע וועלט איז נאָך פול מיט פליגעלעך און מורעשקעס, וואָס זשומען און הודען, מיט היישעריקלעך, וואָס שפּרינגען, מיט פערחלעך און פליטערלעך, וואָס טראָגען זיך און וויעגען זיך יום־טוב׳דיג אין דער לופטען. און דער ריח פון פעלד פאַרטראָגט אין נאָז אריין, און די וועלט ארום און ארום זעהט־אויס אזוי גרויס, און דער הימעל אויבען אזוי קיילעכיג, און צום צווייטען מאָל קומט אויף די געדאַנקען, אז די מענטשען זענען צו קליין, צו קליין פאַר אזא גרויסער וועלט, און אז נאָר גאָט, וואָס איז מלוא כל הארץ כבודו, — ער איז אָנגעמאָסטען פאַר אזא וועלט...

— קריכט אראָפּ, ממזרים, מיר זענען שוין אין באַרישפּאָלי. דאָ נעכטיגען מיר אונטער, און „מירטשעמאַרגען" פאָהרען מיר ווײטער.

באַרישפּאָלי — אַ נייע שטאָדט. בעסער וועט זיין, אַז מ׳ר וועלען זאָגען — אַ ניי דאָרף, אַ גרויס דאָרף. הייזלעך די זעלבע, וואָס אין וואָראָנקאָ, מענטשען אויך די אייגענע, נאָר נעזער אַנדערע. אַ צופאַל, אָדער ס׳איז טאַקי אַזוי, נאָר די חברה זענען געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, די בעל־הבית׳טע און זייערע פיער דערוואַכסענע טעכטער — אַלע זענען זיי געווען מיט לאַנגע נעז, און טאָמער איז קאַרג, האָט די דיענסט נאָך אַ לענגערע נאָז פון זיי אַלע. דערהערט פונ׳ם בעל־עגלה, ווער די פאַרשווינדלעך זענען, האָט דער לאַנגנאָזיגער בעל־הבית זיי אויפגענומען מיט כבוד, זיי אָפּגעגעבען שלום־עליכם, געהייסען דער לאַנגנאָזיגער דיענסט, זי זאָל שטעלען דעם סאַמאָ־וואַר, אַ וואונק געגעבען צו דער לאַנגנאָזיגער בעל־הבית׳טע, זי זאָל דערלאַנגען פאַרבייסען, און אַ קאָמאַנדעווע געגעבען צו די לאַנג־נאָזיגע טעכטער, זיי זאָלען אָנטהון די שיך — זיי זענען געגאַנגען באַרוויס.

מיט די דאָזיגע באָרוויסע מיידלעך זענען די יונגע רייזענדע געוואָרען אַ ביסעל שפּעטער גאַנץ היימיש. מיט גרויס נייגיעריג־קייט האָבען די מיידלעך זיך אויסגעפרעגט ביי די יונגלעך, פון וואַנען און וואוהין זיי פאָהרען, און ווי אַזוי זיי הייסען, און ווי געפעלט זיי באַרישפּאָלי — אַלסדינג האָבען זיי געוואָלט וויסען, אפילו וויפיעל יעדער איז אַלט. דערנאָך האָבען אַלע אינאיינעם, די יונגלעך מיט די מיידלעך, פאַרזוכט פון דער זויערער פּאָווידלע, וואָס די מוהמע האָדעל האָט מיטגעגעבען, און די געלעכטערען זענען געגאַנגען ביז׳ן הימעל אריין.

דערנאָך האָט מען גענומען שפּיעלען „קוציבאַבע” אָדער אין „זשמורקעס” — אַ שפּיעל, וואָס מע פאַרבינדט איינעם די אויגען און מע לאָזט איהם, ער זאָל חאַפּען וועמען ער וויל. די מיידלעך האָבען זיך שטאַרק צעהיצט, און אַז ס׳איז זיי געראָטען צו חאַפּען עמיצען פון די יונגלעך, האָבען זיי איהם אַזוי שטאַרק געקוועטשט צו דער ברוסט, אַז ס׳איז יענעם שיער די נשמה ניט אַרויס...

ביינאכט האָט מען די געסט באַלעגט אויף דער ערד, מיט היי אויסגעבעט, און בכדי זיי זאָלען זיך ניט געפינען באַלעדיגט, האָט זיי די לאַנגנאַזיגע בעל־הבית'טע באַוויזען, אַז אין'ם צווייטען ווינקעל פונ'ם זעלבען חדר ליגען איהרע טעכטער אויך אויף דער ערד, „און וואַכסען פון דעסטוועגען, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשה'־דיג", — האָט זי צוגעלעגט און אויסגעשנייצט די לאַנגע נאָז. חברה וואָלטען דעם דאָזיגען געלעגער אַנגענומען מיט פאַרגעניגען, ווען זיי זאָלען זיך ניט שעמען פאַר די מיידלעך אויסצוטהון. און די מיידלעך האָבען זיך דוקא ניט געשעמט און האָבען גאַנץ גרינג אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קאָפּטלעך; געבליבען באָרוויסע און אין איינע קליידלעך, מיט נאַקעטע העלזער, האָבען זיי צעלאָזט די האָר און מאָדנע איבערגעקוקט זיך, געוואָרפען אויף די יונגלעך מיט די אויגען און געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

— לאָז זיין שטיל! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט דער בעל־הבית און האָט אויסגעלאָשען דעם הענגלאָמפּ. עס האָט זיך אָבער אין דער פינסטער נאָך געהערט אַ פאַרשטיקטער געלעכטער פון ביידע צדדים און אַ שאָראָך פון היי. אָבער נישט לאַנג, וואָרום ס'איז געקומען דער געזונטער יונגער אומשולדיגער שלאָף און האָט צוגעשלאָסען די געזונטע יונגע אומשולדיגע אויגען.

די „ברכות" פון אינדערפריה, וואָס דער בעל־הבית האָט געזונגען מיט'ן געוויסען ניגון, האָבען אַנגעזאָגט די קינדער, אַז ס'איז שוין טאָג און אַז מע דאַרף פאָהרען קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָס לעצטע וואָרט האָט ווי אַ בריה געגעבען און אַנגעפילט דאָס הארץ מיט שמחה און מיט תענוג. מאיר־וועלוועל בעל־עגלה האָט צונויפגעלעגט דעם טלית־ותפילין און דאָס פנים האָט איהם געשיינט, ווי ביי אַ צדיק. דערנאָך איז ער אוועק שפּאַנען די „סוסים". דאָרט האָט ער זיך אויסגע'טענה'ט מיט „מאַודריקען", מיט „טענ־צערען" און מיט דער „יחסנ'טע" אויף זיין לשון, איינגעטיילט יעדען באַזונדער, נאָר דעם גרעסטען חלק האָט באַקומען „טענצער",

דערפאַר, ע ר ז אָ ל נ י ט ט אַ נ צ ע ן ד ע מ אָ ל ט, ו ו ע ן מ ע ש פּ י ע ל ט נ י ט...

די זון האָט אַראָפּגעשיינט, און דער גאַנצער הויף איז געווען ווי איינגעטונקען אין גין־גאָלד, און בריליאַנטען האָבען געפינקעלט און געשפּיעלט זיך אומעטום — בריליאַנטען, דימענטען! אפילו די קופּע מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט דורכ'ן גאַנצען זומער, און אפשר דורך צוויי זומערען, איז געווען מיט גאָלד באַדעקט. און ווער שמועסט, דער האָהן מיט די היהנער, וואָס האָבען זיך דאָ געפּאַרעט אויף דער קופּע, — די האָבען אויסגעזעהען ביז'ן לעצטען פעדערעל זהב טהור. זייער קוואָקען האָט געגלעט. זייער שאַרען מיט די פיסלעך האָט געהאַט דעם זיעבעטען חן. און אַז דער געלער האָהן איז אַרויף אויף דער קופּע און האָט צוגעמאַכט די אויגלעך און האָט אויסגעצויגען דעם לאַנגען, שענעם, כפול־שמונה'־דיגען קוקאַריקו אויף זיין חזנ'ישען שטייגער, האָט זיך דערפיהלט די שענקייט פון דער וועלט און ווידער אַ מאָל די גרויסקייט פון דעם, וואָס האָט באַשאַפען די וועלט. און עס האָט זיך געגלוסט איהם אָפּגעבען אַ שבח — נישט חלילה אַוועקשטעלען זיך דאַווענען, ווי דער בעל־הבית פון דער באַרישפּאָלער סטאַנציע, אָדער ווי מאיר־וועלוועל בעל־עגלה — ניין, דערויף האָבען חברה קיין חשק ניט געהאַט, דאָס האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסען; נאָר איני־וועניג ביי זיך אין האַרצען דאַנקען און לויבען גאָט — דאָס יאָ.

— קריכט אין וואָגען אַריין, ממזרים, מיר האָבען נאָך אַ טאָג צו פאָהרען! — האָט מאיר־וועלוועל זיי צוגעטריבען, באַצאָהלט פאַר היי און האָבער און געזעגענט זיך מיט די בעלי־בתים פון דער סטאַנציע. חברה האָבען זיך אויך גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט מיט דער לאַנגנעזוינער משפּחה, אַריין אין בויד אַריין, און אַ נייע פרישקייט, אַ נייע זיסקייט, אַ נייע רחבת האָט זיי אונטערגעהאַפּט און אַרומגענומען פון אַלע זייטען, באַלד נאָך דעם ווי דער וואָגען האָט טרייסלענדיג זיך אַרויסגעקאַטשעט פון באַרישפּאָלי און אַרויסגעפאָהרען ווידער אויף דער ברייטער וועלט פון פעלדער

און גערטנער, פון זאמד און פון וואלד און פון הימעל און ווייטער הימעל. עס האט שוין אָנגעהויבען ווערען א ביסעל צו־פיעל הימעל. עס האט שוין אָנגעהויבען א ביסעל צועסען זיך — ניט אזוי דער הימעל, ווי דאס פאָהרען, און ניט אזוי דאס פאָהרען, ווי דער בעל־עגלה מאיר־וועלוועל מיט זיינע מעשיות. און אגב האט אָנגעהויבען פויקען אין קאָפּ, שווינדלען אין די אויגען און שטעכען אין די זייטען פונ'ם טרייסלען, וואס ס'האט געטרייסעלט, און פונ'ם ווארפען, וואס ס'האט געוואָרפען. טער־טער־טער־טער! עס האט אויסגעוויזען, אז ס'וועט אייביג אזוי טערקען, עס וועט גאָר קיינמאָל ניט אויפהערען. און עס האט זיך אָנגעהויבען וועלען אראָפּקריכען, און עס האט זיך אָנגעהויבען בענקען נאָך דער ערד, בענקען אהיים, בענקען נאָכ'ן שטעדטעלע, נאָך וואָראָנקאָ. און דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע האט זיך פארשלאָגען אין א ווינקעלע ביי מאיר־וועלוועלען אין בויד, אָפּגעזיפצט פון דער גרינג און מיט הארץ געזעגענט זיך מיט דעם נאָך א מאָל און נאָך א מאָל און געשעפּטשעט שטילערהייט, זיינע ברידער זאָלען עס ניט הערען:

— זיי געזונט, וואָראָנקאָ! זיי געזונט, זיי געזונט!...

25

אין דער נייער היים

פערעיאסלאוו א כרך. — א קאלט באנעגעניש. — דאס זילבער איז פארזעצט, פרנסה געשלאגען. — דער טאטע איז פארזארגט.

נאך צוויי טעג טרייסלען זיך און העצקען זיך, ווארפען זיך און קאטשען זיך, און אנגעגעסען זיך מיט שטויב, און אנגעהערט זיך מיט בעל־עגלה־מעשיות, האבען די יונגע רייזענדע אויפ'ן צווייטען טאג פארנאכט דערפיהלט, אז זיי זענען שוין אט־אט אין דער היים. נאך א ביסעלע און עס האבען זיך אין דער פינסטערער נאכט אנגעהויבען באווייזען קליינע פייערלעך, — סימנים פון א שטאדט. דערנאך האבען די רעדער גענומען קלאפען איבער שטיינער, און די בויד האט געטראסקעט נאך ערגער ווי פריהער. דאס איז שוין געווען די אמת'ע שטאדט, די גרויסע שטאדט פערעיאסלאוו. מיט א רעש און מיט א הארמידער האט זיך מאיר־וועלוועל'ס בויד צוגעקאטשעט צו א פינסטערען הויף, וואו ס'איז געהאנגען איבער'ן טויער א פאררויכערטע לאנטערנע מיט א בעזעמעל פון היי — א סימן אויף איין איינפאהר־הויז.

אז זייערע עלטערנ'ס פרנסה איז איצט איין איינפאהר־הויז — דאס איז פאר די קינדער געווען א סורפריז און א באדויערונג. סטייטש, זייער טאטע נחום וועט אויפנעמען געסט? זייער מאמע חיה־אסתר וועט קאכען פאר זיי ווארעמעס? זייער באבע מינדי וועט זיי באדיענען? קיין שטארקערען אראפפאל,

קיין גרעסערע בזיון האָבען זיי זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען. און דער טרוימער שלום, וואָס האָט שטענדיג געחלום'ט פון בעסערע צייטען, וואָס האָט זיך ארומגעטראָגען מיט זיין אוצר, האָט דער־נאָך אין דער שטיל געטרויערט, געוויינט אין דער פאַרבאָרגעניש און שטארק נעבענקט צוריק צום ליעבען קליינעם וואָראָנקאָ. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס האָבען די גרויסע געהאַט געזאָגט: משנה מקום — משנה מזל? א שענער „משנה מקום — משנה מזל" — נישטאָ וואָס צו רעדען!...

— קריכט־ארוים, ממזרים, מיר זענען שוין געקומען! — אזוי האָט מאיר־וועלוועל אָנגעזאָגט די בשורה נאָכדעם ווי ער האָט מיט א לאַנגען „טפררררו" זיך אָפּגעשטעלט ביי'ם גאַניק פונ'ם איינ־פאָהר־הויז.

צעבראָכענע, צעלאָמעטע און הונגעריגע, האָבען חברה גענומען איינציגווייז ארויסקריכען פון בויד און אויסגלייכען זיך די ביינער. גיך האָט זיך געעפענט די שטוב־טיר און עס האָבען זיך אָנגעהויבען באַווייזען אויפ'ן פינסטערען גאַניק פיגורען, איינע נאָך דער אַנ־דערער, וואָס מע האָט זיי אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט געקאָנט דערקענען נאָר נאָכ'ן קול. די ערשטע פיגור איז געווען א הויכע און א ברייטע. דאָס איז געווען די באָבע מינדי. זי האָט אויסגעצויגען דעם אַלטען קאָפּ און א זאָג געגעבען: „אָ! גע־לויבט ביזט דו גאָט, זיי זענען שוין געקומען". די צווייטע פיגור איז געווען א קלייניטשקע, א זשוואווע. דאָס איז געווען די מאַמע חיה־אסתר. זי האָט ווי א פרעג געגעבען עמיצען א דריטען: „שוין געקומען?" — „שוין געקומען!" — האָט איהר אָפּגעענט־פערט מיט פרייד א דריטע פיגור, א לאַנגע און א דינע. דאָס איז געווען דער טאַטע, רב נחום וועוויק'ס, איצט שוין רב נחום ראַבינאָוויטש (אין דער גרויסער שטאָדט האָט מען דעם זיידען וועוויק געגעבען דימיסיע).

א באַגעגעניש איז דאָס געווען נישט אזא, ווי די קינדער האָבען געוואָרט. מע האָט זיך אפילו צעקושט, נאָר קאַלטליך. דערנאָך

האָט מען זיי אַ פרעג געגעבען: „ס'מאַכט איהר?״ וואָס קאָן מען ענטפערען דערויף? „גאָרנישט״... די ערשטע איז געווען די באָבע מינדי, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז די קינדער קאָנען וועלען עסען. „איהר זענט הונגעריג?״ נאָך אַ מין הונגעריג! „איהר'ט עפּיס עסען?״ נאָך אַ מין עסען! „מנחה־מעריב געדאַוונט?״ נאָך אַ מין דאַווענען!...

די מאַמע האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אין קיך מאַכען עפּיס עסען, און דער טאַטע האָט דערווייל פאַרהערט די קינדער, וואו זיי האַלטען אין לערנען. אַ, זיי האַלטען ווייט! נאָר וואָס דרעהט מען זיי אַ מח, אַז עס ווילט זיך נאָר באַטראַכטען די נייע היים, די נייע שטוב?

און זיי בויגען דעם קאָפּ אויף אַלע זייטען און קוקען זיך אַרום, וואו זיי זענען אין דער וועלט. זיי דערזעהען פאַר זיך אַ גרויסע, נאָר אַ סומנע, אַ נאַרישעוואַטע שטוב מיט אַ סך חדרים'־לעך, איבערגעצוימט מיט דינע ברעטלעך. דאָס זענען חדרים פאַר אורחים, און אורחים — ניט איינער. אין מיטען שטוב איז אַ זאַל. אין זאַל האָבען חברה דערקענט דאָס גאַנצע וואָראָנקאָווער מעבעל: דעם קיילעכיגען רויטען טיש אויף דריי לאַפּעס, די אַלטע פאַנירטע רויטע קאַנאַפּע מיט'ן אויסגעטריפּעטען געזעס, דעם קיילעכיגען פאַנירטען רויטען שפּיגעל מיט די צוויי אויסגעשניצטע הענט פון אויבען, ווי ביי כהנים צום דוכנ'ען, און די גלעזערנע שאַפע, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעקוקט נאָך די פּסח'יגע פּיעלפאַרביגע טעלער, דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפּעל מיט'ן אַלטען זילבערנעם הדס־בעכער, וואָס איז געמאַכט געוואָרען ווי איין עפּעל אויף אַ גרויסער צווייג מיט בלעטלעך. די אַלע איבעריגע זילבערנע־גע־גילטע כוסות, בעכער, בעכערלעך, גאָפּלען, מעסערס און לעפעל און דאָס גאַנצע זילבער — איז נישט געווען שוין מעהר. וואו איז דאָס אַהינגעקומען? ערשט העט־שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, זענען זיי געוואוירע געוואָרען, אַז טאַטע־מאַמע האָבען עס אײנ־איינעם מיט דער מאַמע'ס פּערעל און ציערונג פאַרזעצט ביי אַ

פערעיאסלאווער נגיד און נישט געקאנט שוין מעהר אויסקויפען קיינמאָל.

— געהט וואשט אייך! — זאָגט די באבע מינדי נאָך דעם, ווי די מאמע היה־אסתּר האָט געבראכט צו טראָגען פון קיך עפּיס נישט אזא געהויבענע וועטשערע: צוגעוואָרעמטע קאשע מיט פאסאָלים, און דאָס דארף מ׳ען עסען מיט ברויט, און דאָס ברויט איז אלטנעבאקען! די מאמע אליין שניידט דאָס מיט א מעסער און טיילט־אויס יעדען זיין חלק — דאָס איז ביי זיי קיינמאָל נישט געווען. א קבצנ׳ישער מנהג!... און דער טאטע זיצט ביי דער זייט און הערט נישט אויף צו עקזאמענירען, וואו האלט מען אין תּנ״ך. דער טאטע זעהט־אויס צופריעדען. די קינדער האלטען וויט. און ווער שמועסט, דער מיטעלסטער, שלום, דער איז קלאָר בעל־פּה, קאָן זאָגען גאנצע קאפּיטלעך ישעיה אויף אויסווענדיג, ווי א וואסער.

— נו, גענוג שוין, לאָזען זיי געהן שלאָפען! — זאָגט די מאמע און נעמט־צו דאָס איבערגעבליבענע ברויט פון טיש און פארשליסט דאָס אין שאפע. דאָס איז אויך נישט געווען ביי זיי דאָרטען אין וואָראנקאָ. דאָס איז גאָר א מיאוס׳ער מנהג!...

עס איז שווער צו זאָגען: צי ווייל דער וועג איז געווען א לאנגער, א שווערער און מע איז געווען צעבראָכען אויף שטיק־שטיקלעך, אָדער אפשר דערפאר, וואָס דאָס באגעגעניש איז געווען עפּיס נישט איבעריג פריינטליך און די אויפנאמע קבצניש׳דיג — נאָר די נייע היים, וואָס חברה האָבען וועגען איהר אזוי פיעל גע׳חלום׳ט, האָט נישט געפונען ביי זיי אין די אויגען יענעם חן, וואָס זיי האָבען געמיינט און געוואָלט. צו־פיעל האָבען זיי, אפנים, געוואָרט פון דעם — דעריבער האָבען זיי זיך געפיהלט ווי אָפּ־געשמיסענע און זענען געווען צופריעדען, אז מע האָט זיי געהייסען לייענען קריאת־שמע און געהן שלאָפען.

ליגענדיג דערנאָך אויף שטרויענע זעק, אויסגעבעטעט אויף דער ערד, אלע קינדער אינאיינעם, אין א גרויסען פינסטערען חדר אָהן

א שום מעבעל — א מין דורכגאנגס־חדר פון זאל אין קיך אריין, — האט דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע לאנג נישט געקאנט אנשלאפען ווערען. אין זיין קאפ האבען זיך געבאמבעלט אלערליי מחשבות און געדאנקען מיט קשיות, קשיות און קשיות: פאר וואס איז דא אזוי פינסטער און אומעטיג? פאר וואס זענען דא אלע אזוי פארזארגט? וואס איז דאס מיט דער מאמען, וואס זי איז געווארען אזוי קארג מיט ספּ... וואס איז דאס מיט׳ן טאטען, וואס ער איז געווארען אזוי איינגעבויגען, סוטולעוואטע און אזוי שטארק פארעלטערט, אז עס קלעהמט דאס הארץ קוקענדיג אויף זיין געל־געקנייטשט פנים? נים שוין זשע איז דאס אלסדינג נאר צוליעב דעם, וואס מע האט געזאגט אין וואראנקא, א ז ד י פ ר נ ס ה א י ז נ ע ש ל א נ ע ן? נים שוין זשע איז אט דאס דער „משנה מקום — משנה מזל״? וואס טהוט מען דערצו? דערצו איז — דער אוצר. אך! ווען ער ברענגט מיט זיך חאטש א קליינעם חלק פון יענעם אוצר, וואס ליגט באהאלטען אין וואראנקא!...

דערמאנט זיך אינ׳ם אוצר, קומט איהם אויפ׳ן זינען זיין חבר שמואליק דער יתום מיט זיינע וואונדערליכע מעשיות וועגען שענע אוצרות פון גאלד און זילבער, דימענטען און בריליאנטען, וואס געפינען זיך אין גן־עדן התחתון, און וועגען יענעם אוצר, וואס געפינט זיך אויף יענער זייט וואראנקאווער בית־מדרש נאך פון חמעלניצקי׳ס צייטען... און עס חלומ׳ען זיך איהם אוצרות, גאלד און זילבער, דימענטען און בריליאנטען. און זיין חבר שמואליק קומט איהם צו חלום, דער ליעבער שמואליק מיט זיין חנ׳עוודיגען פנים, מיט זיינע גלאנצענדיגע, מיט פעטען אנגעשמירטע האר. און עס מאהלט זיך איהם אוים, אז ער הערט זיין ווייך־הייזעריג קול, ווי ער רעדט צו איהם זים־פריינטליך, ווי איין אלטער, און ווי ער טרייסט איהם מיט גוטע ווערטער: „זארג נים, שלומ׳אני טייערער, אט האסט דו פון מיר א מתנה — א שטיין פון יענע צוויי שטיינער; קלויב דיר אוים וועלכען דו ווילסט — דעם

שטיין, וואָס הייסט „ישפה", אָדער דעם שטיין, וואָס הייסט „כדכד"... שלום איז אין פארלעגענהייט. ער ווייסט ניט, ער האָט פארגעסען, וועלכער שטיין איז בעסער — דער שטיין, וואָס הייסט „ישפה", אָדער דער שטיין, וואָס הייסט „כדכד"? און אזוי ווי ער טראַכט דאָ אזוי, שפּרינגט־אונטער גערנעלע־גנב, חאַפּט־אויס ביידע שטיינער און ווערט מיט זיי פארשוואונדען. און פינעלע שימעלע'ס — פון וואנען האָט דער זיך גענומען אהער? — האלט די הענט אין די קעשענעס און קאַטשעט זיך פאר געלעכטער. „פינעלע, וואָס לאכסט דו?" „פון דיין מוהמע האָדעל מיט איהר פּאָווידלע — חאַ־חאַ־חאַ!"...

— שטעהט־אויף, חברה פּלעצעל! זעה נאָר, ס'איז זיי גאָר־ניט צו דערוועקען! מע דאַרף אַרויסטראָגען דעם הקדש! מע דאַרף קאָכען ווארעמעס! און זיי שלאָפען — א זיסער שלאָף אויף זיי! — קלאָגט זיך די מאַמע חיה־אסתר, א קליינינקע, א זשוואווע, א פּאַרפּאָרעטע, א פארטאַרעראַמטע פון דער ארבייט אין שטוב און אין קיך — איין מענטש אליין.

— אי־אָ־נו, דאַוונען! — העלפט איהר אונטער די באָבע מינדי, האלט א קרבן־מנחה אין האנט און מישט א בלעטעל נאָך א בלעטעל און זאָגט מיט כוונה, טאָר ניט מפסיק זיין.

— נאָכ'ן דאַוונען וועט איהר זיך דורכגעהן צו דער משפּחה אָפּגעבען אלעמען שלום־עליכם, און אין חדר וועט איהר שוין אָנ־הויבען געהן, אם ירצה השם, נאָך יום־טוב.

אזוי לענט־צו דער טאַטע ווייכער פון אלע. ער נעהט אָנ־געטהאָן אין עפּיס א מאָדנע חאַלאַטעל, אויף קעז אונטערגעשלאָגען, חאָטש ס'איז נאָך ווארעם אין דרויסען, און איין אייננעהויקערטער, א פארזאָרגטער, פארציהט ער זיך מיט א שטאַרקען פּאַפּיראָס און זיפצט אזוי טיעף, אז עס רייסט־אויס א שטיק הארץ. עפּיס דאכט זיך אויס, אז ער איז נאָר קלענער געוואָרען. עלטער און קלענער... און עס ווילט זיך לויפען פון שטוב ארויס וואָס גיכער, לויפען אין דרויסען ארויס, אָנקוקען די שטאָדט, זיך באַקענען מיט דער משפּחה.

26

די גרויסע שטאָדט

מע נעהמט באַקענען זיך מיט דער משפחה. — די מוהמע חנה מיט איהרע קינדער. — אלי און אברהמעל פאַרהערען דעם העלד, וואו ער האַלט אין תנ"ך. — ביי'ם פעטער פיני פאַרהערט מען איהם אין שרייבען.

אויף וויפיעל די שטאָדט האָט ביינאַכט אויסגעוויזען וויסט און פינסטער, אויף אַזוי פיעל האָט זי אין דער פריה געשיינט און געבלישטשעט און געפונען חן און לייטזעליגקייט אין די אויגען פון די וואַראָנקאָווער יונגלעך, די קליינשטעדטעלדיגע קינדער, וואָס האָבען געהאַפּט התפעלות פון איטליכס ברעקעל באַזונדער. זיי האָבען נאָך קיינמאָל אויף זייער לעבען נישט געזעהען, אַז גאַסען זאָלען זיין אַזוי ברייט און לאַנג און האָבען פון ביידע זייטען הילצערנע „פּעשעחאָדען" (טראָטואַרען); אַז שטיבער זאָלען זיין געדעקט מיט בלעך; אַז פענסטער זאָלען זיין פון דרויסען מיט געפאַרבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדען; אַז קלייטען זאָלען זיין געמויערטע פון ציגעל און האָבען אייזערנע טירען. היינט דער מאַרק, די קלויסטערס און, להבדיל, די בתי־מדרשים מיט די שוהלען, און אפילו די מענטשען — אַלע און אַלץ איז אַזוי גרויס און אַזוי שען און אַזוי ריין און אַזוי יום־טוב'דיג־פריילין! ניין, פינעלע שימעלע'ס האָט ניט מגזם געווען, אַז ער האָט דער־צעהלט „וואונדירים" פון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט. אַזוי ווי

אויף רעדלעך האָבען זיך געגליטשט זייערע פּיס איבער די הילצערנע „פּעשעטהאָרען", געהענדיג מיט'ן טאַטען צו דער משפּחה, זיך באַ־קענען און אָפּגעבען שלום. און נאָר ווייל דאָ איז געווען דער טאַטע, האָבען זיי פּאַר דרך־ארץ נישט געקאָנט זיך אָפּשטעלען אויף יעדען טריט און באַוואונדערען די חידושים ונפלאות, וואָס זייערע אויגען האָבען דערזעהען. ווי דער שטייגער איז, איז אויף צו־פריהער געגאַנגען דער טאַטע, און די קינדער האָבען זיך נאָכ־געשלעפּט נאָך איהם, פון הינטען.

אריינגעטראָטען אין אַ גרויסען הויף און דורכגעשפּאַנט דורך אַ גרויסען גלעזערנעם ליכטיגען קאָרידאָר, איז מען אריינגעקומען אין אַ רייכער פּריצ'ישער שטוב מיט געוועקסעלטע פּאָרלאַנעס, ווייכע קאַנאַפּעס און שטוהלען, הויכע ביז דער סטעלי שפּיעגלען, געשניצטע שאַפּעס, גלעזערנע קאַנדעליאַברעס אויף דער סטעלי, מעשענע העסעם אויף די ווענט — איין אמת'ער „פּאַלאַץ", אַ „דירה־מלוכה" !

דאָס איז געווען דער מוהמע חנה'ס שטוב — אַ מאָדנע שטוב. אַ שטוב אָהן אַ טאַטען (די מוהמע חנה איז איין אַלמנה). די קינדער האָבען נישט געהערט זייער מאַמע, נישט זייער רבין, נישט קיינעם. אַ קליינע אַנארכיע. איטליכער האָט זיך געטהאָן וואָס ער האָט געוואָלט. און אַלע צווישען זיך האָבען געהאַלטען אין איין קריעגען זיך, געגעבען זיך איינס דאָס אַנדערע צונעמעניש׳ען, און געלאַכט האָט מען הילכיג, און גערעדט האָבען אַלע אינ־איינעם, און געטומעלט אַזוי שטאַרק, אַז דער קאָפּ האָט זיך אייך געדרעהט.

די מוהמע חנה אַליין — אַ אידינע אַ הויכע, אַ גרויסאַרטיגע. עס וואָלט איהר אָנגעשטאַנען זיין אַ גראַנד־דאַמע, פון די, וואָס שמעקען טאַבעקע פון אַ גאָלדען פּושקעלע, אויף וועלכען סע שטעהט אויסגעמאָהלט אַ פּרינץ פון די אַמאָליגע פּרינצען, מיט אַ גרוי צעפּעל און מיט זיידענע זאָקען. די מוהמע חנה איז געווען, ווייזט אויס, אַמאָל אַ יפת־תואר. דאָס איז צו זעהען נאָך די טעכטער:

זעלטענע־זעלטענע שענהייטען. ווי נאָר קליינוואַרג זענען אריינ־
געקומען, אזוי איז געוואָרען א טומעל, א געשריי און א געפילדער:

— אט דאָס זענען זיי? אט דאָס איז ער, דער בעל־תנ"ך?
אנו, קום נאָר אהער, שעם זיך ניט! זעהט נאָר, ווי ער שעמט
זיך עס א ביסעל, חא־חא־חא!

דער טאטע האָט זיך, אפנים, נישט געקאָנט איינהאַלטען פון
צו געבען זיך א באַריהם מיט זיין זוהן, אז ער איז א גוטער בעל־
תנ"ך, האָט מען איהם געקרוינט דאָ טאקי באַלד אויפ'ן אָרט מיט'ן
נאָמען: „בעל־תנ"ך".

— ניס־אָן דעם בעל־תנ"ך א גלעזעל טיי און גיב איהם איין
עפעל מיט א באַר, לאָז ער פארזוכען, דער בעל־תנ"ך, אונזערע
פערעיאַסלאַווער אויבסטען.

— שאַט, ווייסט איהר וואָס? לאָז מען אריינרופען אהערצו
אלין מיט אברהמלען, וועלען זיי איהם פארהערען.

און מע האָט אריינגערופען אלין מיט אברהמלען.

אלי און אברהמעל זענען שוין היבשע בחורים מיט פיינע
בערדלעך און קעהרען זיך אָן צו דער מוהמע חנה'ס משפחה פון
איהר מאַנ'ס צד. זיצען א הויף קעגען א הויף. זייער פאָטער,
יצחק־יענקעל, איז איין אָפּגעקומענער נגיד, לאָדט זיך כל ימיו
מיט „קאַזנאַ", טראָגט איין אויהערינגעל אין לינקען אויהער, א
שענע קיילעכיגע באָרד, קוקט ניט אויף קיינעם, רעדט ניט מיט
קיינעם, און שטענדיג שמייכעלט ער מיט אזא מינע, ווי איינער
רעדט: „וואָס האָב איך מיט אייך צו שמועסען, אז איהר זענט
אלע בהמות?"

די אריינגעקומענע בחורים האָבען גלייך, אָהן צערעמאָניעס,
א נעם נעגעבען דאָס וואָראָנקאָווער בחור'על צום עקזאַמען, איהם
פארהערט אין תנ"ך אויף אויסוועניג פון איין עק ביז'ן אנדערען.
און מע דאַרף מודה זיין, אז דאָס וואָראָנקאָווער בחור'על האָט
דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטען גאָר־גאָר גלענצענדיג. ער האָט ניט
נאָר געטראָפען איטליכס וואָרט וואו עס שטעהט, אין וואָסער א

קאפיטעל, אין וואָסער פסוק, נאָר אפילו נעזאָגט, וואו סע געפינען זיך אַלע איבעריגע ווערטער פונ׳ם זעלבען שורש. דער טאַטע האָט געקוואָלען, געקלויבען תענוג, ממש געוואָרען ברייטער ווי לענגער. דאָס פנים זיינס האָט איהם געשיינט. די קנייטשען, וואָס אויפ׳ן שטערן, האָבען זיך אויסגעגלייכט, און אליין האָט ער זיך עפּיס ווי אויסגעגלייכט, געוואָרען גאָר איין אנדער מענטש.

— אז ס׳איז יאָ אזוי, לאָז מען געבען דעם בעל־תנ״ך נאָך איין עפּעל און נאָך א באר און נאָך ניס, און קאָנפּעקטען, קאָנ־פעקטען! — האָבען דער מוהמע חנה׳ס טעכטער די יפת־תוארס געקאָמאַנדעוועט, און דער נאָמען „בעל־תנ״ך" איז איהם פארבליבען אויף א לאנגע צייט ניט נאָר אין דער משפחה — מע האָט איהם שוין דערנאָך אין בית־מדרש, צווישען יונגלעך קונדסים, אנדערש ניט גערופען, ווי „דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ״ך". אויך די גרויסע, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין הארצען, דער האָט איהם גע־חאפּט פאר איין אויהער: „זאָג נאָר, דו קליינער בעל־תנ״ך, וואו שטעהט ערגיץ אָט דער און דער פסוק?"

דעם בעל־תנ״ך איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דער מוהמע חנה׳ס שטוב מיט דער מוהמע חנה׳ס קינדער, פּיני מיט מאָכען, צוויי יונגלעך־שקצים, מיט וועלכע ער איז גיך געוואָרען חבר. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז קיין שענערע און קיין רייכערע שטוב, ווי דער מוהמע חנה׳ס, איז ניטאָ ניט נאָר אין פּערעיאַסלאַוו, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט. וואָרום וואו האָט איהר געזעהען, אז עפּעל זאָל מען שלעפּען פון א פאַס, ניסלעך פון א זאַק און קאָנפּעקטען פון א טאָרבע?...

גאַנץ אנדערש האָט אויסגעזעהען דעם פעטער פּיני׳ס שטוב. א שטוב א אידישע, מיט א סוכה, מיט א סך ספרים, גאַנץ ש״ס, א זילבערן חנוכה־לעמפּעל, א לאַנגע וואַכסענע הבדלה. נאָר ווי קומט עס צו דער מוהמע חנה? א פרומע שטוב. אַלע זענען דאָרטען פרום. אזוי ווי דער פעטער פּיני, אזוי זיינע קינדער. די זיהן אין לאַנגע קאַפּאָטעלעך ביז צו דער ערד, מיט ארבע־כנפות׳ען

לאנגע ביז די קניהעס. די טעכטער — צניעות'דיג אנגערוקט די פעטשיילעס איבער'ן פנים, קוקען ניט קיין פרעמדען גלייך אין די אויגען אריין, נאר אז מע דערזעהט א פרעמדען, ווערט מען רויט, ווי א צוויק, און מע לאכט אויף קרעדיט. די מוהמע טעמע, א אידינע א פרומע מיט ווייסע ברעמען, און ביי דער זייט איהר מאמע — צוויי טראפענס וואסער די מוהמע טעמע, נארניט צו דערקענען, ווער ס'א מאמע, ווער ס'א טאכטער, ווען די מאמע זאל ניט טרייסלען מיט'ן קאפ: ניין־ניין.

דא, ביי'ם פעטער פינין, האט דער טאטע נחום שוין נישט באריהמט זיך מיט זיין „בעל־תנ"ך". אין דער דאזינער שטוב האלט מען נישט פונ'ם תנ"ך. ווער לערענט תנ"ך? תנ"ך לערנען אפיקורסים. דערפאר האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטען פון באריהמען זיך מיט זיינע קינדער'ס כתב. זיינע קינדער, האט ער געזאגט, שרייבען, אז עס לאזט זיך אויס די וועלט.

— אט דער קליינער — האט ער א וויז געגעבען אויפ'ן בעל־תנ"ך — האט א הענטעל, א כתבא רבה!

— אנו, וויזט נאר אהער א טינט און פען! — האט דער פעטער פיני א שאף געגעבען און האט פארקאטשעט די ארבעל פוןביידע הענט, גלייך ווי ער אליין באדארף עפּיס טהון איין ארבייט. — א טינט און פען זאל מיר באשאפען ווערען, וועלען מיר איהם פארהערען שרייבען, אט דעם „כתבא רבה". אבער גיך! און באלד!

דעם פעטער פיני'ס באפויל איז געווען א באפויל פון א שטרענגען גענעראל, און אלע קינדער, די יונגלעך מיט די מיידלעך, האבען זיך א ווארף געגעבען אין אלע ווינקעלעך נאך א טינט און פען.

— א שטיקעל באפיער! — האט אויסגעקאמאנדעוועט וויע־דער דער גענעראל. ס'איז אבער נישט געווען אין ערגיץ קיין איבעריג שטיקעל באפיער.

— שאט! ווייסט איהר וואס? לאז ער אנשרייבען אט דא אויף מיין סידור'על.

אויף דער דאזיגער המצאה איז געפאלען דעם פעטער פיני'ס יונגערער זוהן, איצעל, א טשיקאווע בחור'על מיט א שפיציגע קעפעל און מיט א לאנג נעזעל.

— נעם שרייב! — האט דער טאטע באפוילען צו זיין „בעל־תנ"ך".

— וואס זאל איך שרייבען?

— שרייב וואס דו ווילסט.

איינגעטונקען די פען, האט דער בעל־תנ"ך, אדער דער „כתבא רבה", א ביסעל א טראכט געגעבען, נישט געהאט וואס צו שרייבען, חאטש טהו זיך אן א מעשה! דעם פעטער פיני'ס הויזגעזינד האט שוין מסתמא איבערגעטראכט, אז דער „כתבא רבה" קאן שרייבען נאר דעמאלט, ווען מע זעהט ניט. נאר דא איז איהם געקומען אויפ'ן זכרון דאס, וואס כמעט אויף יעדען אידישען ספר פלעגט יענע יאהרען שטעהן געשריבען, און שלום האט פארקאטשעט דעם ארבעל, גענעבען א דרעה מיט דער האנט, איינגעטונקען נאך א מאל די פען און אין עטליכע מינוט ארום איז געווען אנגעשריבען אט ווי אזוי:

„אעפ"י שאסרו חכמים לכתוב על הספר, אלא משום סימן בעלמא מותר". אויף אידיש וועט דאס הייסען אזוי גוט ווי:

חאטש אפילו אויף א ספר שרייבען טאר מען ניט, נאר צוליעב א סימן מעג מען.

דאס איז געווען א מין הקדמה, נאך וועלכער עס קומט די דאזיגע באקאנטע אויפשריפט:

„זה הסדור שייך. למי שייך? למי ששייך שייך. פארט למי שייך? למי שקנה. מי קנה? מי שקנה קנה. פארט מי קנה? מי שנתן מעות. מי נתן מעות? מי שנתן נתן. פארט מי נתן? מי שהוא נגיד. מי נגיד? מי שהוא נגיד נגיד. פארט

מי נגיד? הנגיד ה"ה הבחור המפורסם מוהר"ר יצחק בהרב הנגיד המפורסם מוהר"ר פינחס ראַבינאָוויטש בק"ק פּערעיאַסלאַוו".

איבערזעצט אויף אידיש וועט דאָס אויסקומען אזוי:

„דאָס דאָזיגע סידור'על געהערט. צו וועמען געהערט דאָס סידור'על? צו וועמען עס געהערט געהערט עס. פּאָרט צו וועמען? צו דעם, וואָס האָט געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געקויפט האָט דאָס געקויפט. פּאָרט ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געגעבן געלט. ווער האָט געגעבן געלט? ווער עס האָט געגעבן האָט געגעבן. פּאָרט ווער האָט געגעבן? ווער ס'איז אַ נגיד. ווער איז אַ נגיד? ווער ס'איז אַ נגיד איז אַ נגיד. פּאָרט ווער איז אַ נגיד? אַ נגיד איז דער באַריהמטער בחור יצחק דער זוהן פונ'ם באַריהמטען נגיד פּינחס ראַבינאָוויטש אין דער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו".

עס איז שווער צו באַשרייבען, וואָס פאַר אַ פּוראַר דאָס האָט געמאַכט, הן מצד הלשון והן מצד הכתב! און דער עיקר — דאָס כתב! דער „כתבא רבה" האָט זיך שוין גוט געפלייסט, אַז דער כ'אַטע זיינער זאָל חלילה ניט פאַרשעמט ווערען. ער האָט אָנגע־שטרענגט אַלע כוחות. ער האָט געשוויצט, ווי אַ ביבער. ער האָט אויסגעקלויבען דאָס סאַמע שענסטע און סאַמע קלענסטע פּערעל־כתב, וואָס מע דאַרף אָנטהון דערצו אַ שפּאַקטיוו, מע זאָל דערזעהען די אותיות'לעך. ער האָט אָנגעווענדט דערצו דעם גאַנצען כח פון קאַליגראַפיע, וואָס ער האָט אַרויסגעפיהרט בירושה פון זיין וואָראָנקאָווער רבין רב זרח'על, וועלכער האָט באַשאַפען אין יענעם שטעדטעלע, קאָן מען זאָגען, אַ גאַנצען דור פון קאַליגראַפען, וואָס האָבען זיך צעקראָכען איבער דער וועלט און וואָס צייכענען זיך אוים כמעט אַלע מיט זייער שען־שרייבען עד היום הזה.

27

בין־הזמנים

ארנאלד פון די פידווארקעס. — נייע חברים. — נרמיזא דער מלמד א בעל־קורא. — די ווארנקאווער ווייסע־חברה׳ניקעס באווייזען וואס זיי קענען.

בין־הזמנים — ווער ווייס דאס פארשטעהן? וואקאציע, וואקיישאן, פעריען, קאניקולעס — דאס זענען אלץ ווערטער פון׳ם זעלבען באגריף. זיי זאגען אבער נישט דאס, וואס דאס ווארט „בין־הזמנים" זאגט דעם אידישען יונגעל.

דאס קינד, וואס קומט פון דער שול, אדער פון גימנאזיע, אויף וואקאציע אהיים, האט זיך גענוג אנגעשפּיעלט דארטען, וואו מע לערענט, גענוג אנגעטאנצט און אנגעהוליעט, גענוג אנגעלאפען זיך און גענוג אנגעשטיפט זיך מיט די חברים דורכ׳ן יאהר — עס קאן זיין מעהר געשטיפט, ווי געלערענט. דאס אידישע חדר־יונגעל — דער האט נעבאך דאס גאנצע יאהר געהארעוועט, גע־זעסען ביז שפּעט אין דער נאכט און געלערענט — געלערענט, געלערענט און געלערענט. און מיט א מאל — בין־הזמנים! אנדערהאלבען חדשים דורכאיינאנד, פון חצי אלול ביז סוף תשרי, וועט מען נישט געהן אין חדר — וואס קאן זיין א גרעסערער יום־טוב? און דערצו געהען נאך די יום־טובים אויך: ימים נוראים! סוכות! שמחת־תורה! און דאס אלסדינג אינאיינעם גענומען — אויף א נייע ארט, אין דער גרויסער שטאדט, אין פּערעיאסלאוו!

קודם כל באדארף מען אנקוקען די שטאָרט. חברה האָבען זי נאָך כמעט גאָרניט גענוצען: אחוץ ווי ביי דער מוהמע חנה'ן און ביי'ם פעטער פינין און אחוץ ווי אין גרויסען בית־מדרש, אין אלטען בית־מדרש און אין דער קאלטער שוהל, דאָרט וואו צאלי דער חזן דאווענט, זענען די וואָראָנקאָווער קינדער כמעט אין ערגיץ נישט געווען. נאָך פארהאן גענוג גאסען און גענוג ערטער. פארהאן די „אלטיצע", און פארהאן די „טרובייזלא" (טייכען אזעלכע), און פארהאן די לאנגע בריק. און וואו זענען די „פידוואָרקעס", וואס אויף יענער זייט בריק? די „פידוואָרקעס" — דאס איז א באזונדערער מין שטאָרט, וואס געהערט פון דעסטוועגען צו פערע־יאסלאוו. „ארנאָלד פון די פידוואָרקעס" שטאמט פון דאָרט. ארנאָלד קומט אָפט אריין צו נחום ראבינאָוויטשען א ביסעל פאר־ברענגען, רעדען פונ'ם רמב"ם און פונ'ם כוזרי און פון ברוך שפינאָזא און פון משה מענדעלסאָן און פון נאָך אזעלכע גרויסע מענטשען, וועלכע שלום האָט ניט געקאָנט זיך אָנגעדענקען, חוץ איינעם מיט'ן נאָמען דרעפער — דער האָט זיך איינגעפונדעוועט ביי איהם אין זכרון: דרע־פער... „ארנאָלד איז שטארק געלערענט. — זאָגט אויף איהם דער טאטע נחום, וואס האלט פון איהם איין עולם ומלואו. — ארנאָלד זאָל ניט זיין קיין איד, וואָלט ער געקאָנט זיין א פראָקוראָר". פאר וואס עפּיס א פראָקוראָר? און פאר וואס זאָל א איד ניט קאָנען זיין? — דאס האָט נאָך שלום נישט געקאָנט פארשטעהן. פון אנטיסעמיטיזם האָט ער געוואוסט נאָר איין זאך: הינט. דורך זיין אייגענעם ערפאהרען. אין וואָראָנקאָ האָבען שקצים'לעך אָנגערייצט אויף איהם הינט, וואס האָבען איהם אוועק־געלעגט און צעביסען, איבערגעלאָזט א סימן ביז צו היינטיגען טאָג.

אָט דעם „ארנאָלד פון די פידוואָרקעס" האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע א סך צו פארדאנקען אין זיין שפעטער־דיגען שטודירען, און מיר וועלען זיך דעריבער מיט איהם נאָך באגעגענען. דערווייל איז בין־הזמנים און ערב יום־טוב. צייט צו שליסען באקאנטשאפט מיט נייע חברים און גלאט יונגלעך.

פון די חשוב'ע בעל־הבתּישע יונגלעך פאַרנעמען דעם אויבנאָן משה'ל יצחק־בינדור'ס, אַ בחור'על אַ געלם, איין אויסגעצוואָגענס, מיט איין אַלפּאַגאָווע קאַפּאָטקעלע, און אַ גדלן אַ יונג, וואָס עס שטעהט איהם ניט אָן מיט זיך אַליין צו רעדען — און איז נערעכט. ערשטענס, האָט זיין טאַטע יצחק־בינדור איין אייגענע שטוב מיט אַ ווייסען גאַניק. הייגט איז דאָ ביי דעם יצחק־בינדור'ען זיינערס אין שטוב מיט זייגערלעך אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ שיעור. אַז עס קומט זייגער צוועלף און די זייגערס הויבען־אָן שלאָגען, קאָן מען פאַרטויבט ווערען. אַליין איז דער יצחק־בינדור אַ איד, וואָס לאָדט זיך מיט דער גאַנצער וועלט און האָט אויגען פון אַ גזלן. אַלע יונגלעך פון בית־המדרש ציטערען פאַר זיין קוש.

דער צווייטער נאָך משה'לען נעהט זיאַמע קאָרעצקי — אַ יונגעל פון די גאָר גרויסע שקצים, אַ ביסעל אַ סאַמולעוואַטער, נישט מיט יעדען איז ער אַ מחותּן און נישט יעדער איז מיט איהם אַ מחותּן, וואָרום זיין טאַטע איז אַ „גלות" מיט איין אונטער־געשאָרענער באָרד, איין אדוואָקאַט אין פעטערבורג, און טראָגט מאָדנע ברילען אויף דער נאָז, וואָס מע רופט זיי „פענצנע". אָט דער זיאַמע האָט אויסגעלעהרענט די גאַנצע שטאָדט קינדער שווימען, באָדען זיך, גליטשען זיך אויפ'ן אייז און נאָך אַ סך זאַכען, וואָס ניט אַלע אידישע קינדער קענען עס.

נאָך זיאַמען געהט ישראלי בענדיצקי'ס זוהנדעל, אַ בלייכער און אַ ציטעריגער, חייטעל רודערמאַן — אַ מלמד'ס אַ יונגעל מיט גראָבע פּיסקעס, אברהמעל זאַלאָטושקין — אַ שוואַרצער, ווי איין אראַפּ, די מערפערטס און די ליפּסקים — אָפּגעפּוצטע בנים'לעך מיט אויסגעוועבסעלטע שטיוועלעך. מיט די האָט מען באַדאַרפט האָבען אַ זכיה צו רעדען, וואָרום ווער פאַרמאָגט אַזעלכע אויס־געוועכסעלטע שטיוועלעך אין דערוואַכען? נאָך זיי געהען די קאַנאַווערלעך — קינדער מזיקים, וואָס האָבען צו טהון מיט הינט, מוטשען קעץ. מיט די אַלע וויל שלום זיך ניט חבר'ען. ער האָט

בעסער ליעב זיך חבר'ען מיט אזעלכע יונגלעך, ווי מאָטעל סריבנע, א בחור'על מיט לאַנגע פאה'לעך, וואָס שפּילט אויפ'ן פידעל, אָדער אלי דאָדי'ס — א יונגעל א ברען, וואָס האַלט אין איין לאַכען, און נאָך אזעלכע. מיט זיי דאַווענט ער אין איין בית־המדרש, קוקט מען אין איין מחזור אריין, מאַכט מען אינאיינעם „שטוקעס": מע קרימט־איבער רפאל דעם שמש, ווי ער קוקט מיט'ן אוינעל און זינגט: „אכצעהן גילדוין אום כהן!" וואָווע קאָרעצקין, ווי ער פּייפט מיט דער נאָז. בעני קאַנאַוועט, ווי ער עסט טאַבעקע. יצחק־ביגדור, ווי ער מאַכט מיט די פּלייצעס. שלום ווילענסקי, ווי ער גלעט זיך דאָס בערדעל און קאַכיקעט מיט דער נאָז. ס'איז דאָ, ברוך השם, וועמען נאָכצומאַכען. ס'איז געגנוג גרמיזא דער מלמד, ווי אזוי ער לייענט אין דער תורה. איהם האָט שלום נחום ראַבינאָוויטש'עס געשטודירט צוויי שבתים כסדר, ווי אזוי גרמיזא דער מלמד צעשאָקעלט זיך אויף איין פּוס, דער־נאָך פאַרקרימט ער דאָס געשטופּעלטע פּנים, שטעלט־ארויס די געלע צייהן, ציהט־אויס דעם לאַנגען האַלז, טהוט א פּיהר מיט דער שפּיצעכינער נאָז אין דער לופטען ארויף און אראָפּ און לאָזט־ארויס מיט א משונה־מאָדנע גאָרגעל־שטימע: „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע..." מע קאָן שטאַרבען פאַר געלעכטער! אלע די, וואָס האָבען געהערט שלום'ען נאָכמאַכען גרמיזא'ן, ווי ער לייענט, האָבען געשוואָרען, אז ס'איז גרמיזא מיט די ביינער! נאָר גרמיזא אליין, אז ער איז געוואָוירע געוואָרען, אז ער מאַכט איהם נאָך, איז ער געווען ניט צופריעדען. ער האָט זיך ניט גע־פוילט און איז אוועק צו נחום ראַבינאָוויטשען אהיים און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, אז ער, גרמיזא, האָט געהערט זאָגען, אז ביי רב נחום'ען איז דאָ א יונגעל, וואָס מאַכט איהם נאָך, ווי אזוי ער לייענט אין דער תורה. דאָס האָט אָנגעמאַכט א שטיקעל האַרמידער. נחום האָט איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט מאַכען א „ספּראַווקע". לאָזען נאָר די קינדער קומען אהיים. די

קינדער זענען געקומען אהיים, און מע האט זיך צו זיי א נעם געגעבען. דער טאטע האט געטראפען, אז דאס דארף זיין שלומ׳ס ארבייט.

— קום נאר אהער, שלום. זאג נאר, ווי אזוי מאכסט דו דאס נאך גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תורה?

— ווי אזוי איך מאך איהם נאך? אט ווי אזוי.

און שלום האט זיך נישט געפוילט און האט זיך צעשאקעלט אויף איין פוס, פארקרימט דאס פנים, ווי גרמיזא, ארויסגעשטעלט די צייהן, אויסגעצויגען דעם האלז, א פיהר געגעבען מיט דער נאז אין דער לופטען ארויף און ארפ און אנגעהויבען אויף א משונה־מאדנע גארגעל־שטימע: „ראה נתתי לפניך היום את החיים...״

שלום האט נאך קיינמאל נישט געזעהען דעם טאטען אזוי לאכען, ווי ער האט געלאכט יענעם טאג. ער האט גארנים געקאנט קומען צו זיך. און אז ער האט זיך אויסגעלאכט און אויסגעהוסט און אויסגעווישט די אויגען, האט ער זיך אנגערופען צו אלע קינדער:

— זעהט איהר, וואס בין־הזמנים מאכט? מע געהט ארום פוסטעפאס, עס ליגט אין זינען דער רוח ווייסט וואס, נאכמאכען גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תורה (דא האט דער טאטע נישט געקאנט איינהאלטען זיך און האט באהאלטען דאס לאכענדיגע פנים אין דער פעטשיילע). אם ירצה השם, באלד נאך סוכות נעם איך צו צו אייך א רבין, און איהר׳ט אנהויבען געהן אין חדר אריין. אוים בין־הזמנים!

וויבאלד אז יא אוים בין־הזמנים, באדארף מען דאך טאקי נעבען א לעב־אונטער, ווי עס געהער צו זיין!

און חברה האבען גענומען אויסנוצען זייער פרייהייט אויפ׳ן סאמע ברייטסטען אופן, זיך באקאנט מיט וואו ערגיץ א זלידני א יונגעל, נישט איבערגעקלויבען, מיט יעדען געשלאסען חבר׳שאפט, געהוליעט ווי די רעקרוטען, איידער מע נימט זיי אפ אין דער

דיענסט. די וואָראָנקאָווער יונגלעך האָבען באַוויזען די פּערע־יאַסלאָווער יונגלעך, אַז חאָטש זיי זענען פון אַ קליין שטעדטעל, פון דעסטוועגען ווייסען זיי אַ סך זאַכען אַזעלכע, וואָס די פּערע־יאַסלאָווער יונגלעך ווייסען זיי ניט. למשל, זיי ווייסען ניט, אַז צו יעדען נאָמען קאָן מען צוזעצען אַ גראַם, נעמט וואָס פּאַר אַ נאָמען איהר ווילט. אַשטייגער: „מאָטעל" — מאָטעל קאַפּאָטעל, דרומען דראָטעל, יוסף סאָטעל, ארץ כנאָטעל. „לייבעל" — לייבעל קאַפּייבעל, דרומען דרייבעל, יוסף סייבעל, ארץ כנייבעל. „יאַנ־קעל" — יאַנקעל קאַפּאַנקעל, דרומען דראַנקעל, יוסף סאַנקעל, ארץ כנאַנקעל. און אַזוי איטליכען, אויף וואָס פּאַר אַ נאָמען איהר ווילט.

היינט ווייסען ניט די שטאָדטישע קינדער פון תשרק־לשון, דאָס הייסט, פון רעדען פאַרקעהרט. צום ביישפּיעל: „מאָ דוטס־פּאַח אַ שטאָפּ" — הייסט דאָס: „אָט חאַפּסט דו אַ פּאַטש". „אַן דיד אַ גייף" — „נאָ דיר אַ פייג". מיט צוגעמאַכטע אויגען האָט שלום געקאָנט אָוועקרעדען אויף דעם לשון אַ שעה כסדר. ס'איז דאָך אַ מחיה נפשות — מע קאָן אַזוי אָוועקרעדען פון וועמען איהר ווילט, יענעם אין די אויגען, און יענער זאָל ניט ווייסען, ווער ס'האָט איהם געשלייערט. היינט וואָס זענען דאָס פאַר יונגלעך, די פּערעיאַסלאָווער, אַז זיי לאָזען־דורך אַ גלח פאַרבייגעהן, גלייך ווי אַ גלייכען מענטשען, און זאָגען איהם קיין וואָרט אפילו? ניין, די וואָראָנקאָווער יונגלעך זענען ניט אַזעלכע נאַראָנים. זיי וועלען ניט דורכלאָזען קיין גלח גלאַט אַזוי. אַלע יונגלעך, וויפיעל זיי זאָלען ניט זיין, וועלען זיי זיך אויסשטעלען דעם גלח פון הינטען און וועלען זינגען אויף אַ קול מיט אַ ניגון: „גלח־צאָפּ, אַ רוח אין דיין קאָפּ! מיר אַ ברויט, דיר אַ טוידט! מיר אַ וואָגען, דיך באַגראָבען! מיר אַ שליטען, דיך באַשיטען!" די פּערעיאַסלאָווער יונגלעך זאָגען, אַז דאָ, אין פּערעיאַסלאָוו, טאָר מען פאַר אַ גלח אַזעלכעס ניט זינגען, וואָרום מע קאָן חאַפּען אַ מיאוס'ען פּסק. נאָט אייך נאָך אַ נייעס! גאָר מורא האָבען פאַר אַ גלח! ס'איז

ניט גוט, אז א גלח געהט־איבער דעם וועג — דאָס יאָ. אָבער מורא האָבען? — פערעיאַסלאַוו איז טאַקי אַ גרויסע שטאָדט און אַ שענע — וואָס איז דאָ צו רעדען? — דאָרט, אין וואָראָנקאָ, איז אָבער געווען פרייליכער, אַז ס׳איז געקומען בין־הזמנים. אזוי האָבען זיך געטראַכט די וואָראָנקאָווער קינדער און האָבען געוואָלט פון דעסטוועגען, אַז אָט די טעג פון בין־הזמנים דאָ אין פערע־יאַסלאַוו זאָלען זיך נאָך ציהען און ציהען.

28

מלמדים און לעהרערס

רב אהרן חאדראַווער — אַ מלמד אַ בעל־מגזם. — אַ גאַנצע סעריע פון מלמדים. — מאַניש דער מלמד מיט'ן „ביינדעל". — די תּלמידים חאַפּן אַ קערטעל אין חדר.

די טעג פון בין־הזמנים זענען נאָך ניט אַוועקגעגאַנגען, די ימים־טובים זענען נאָך געווען פאַראויס, און נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין געפיהרט אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ מלמד פאַר די קינדער. מלמדים זענען געווען עטליכע. ערשטענס, טאַקי דער אויבענדערמאַנטער גרמיזא, וואָס לייענט אַזוי שען אין דער תּורה. נאָך איהם איז געגאַנגען רב אהרן חאָדראָווער, זעהר אַ וואוילער מלמד, נאָר אַ מאָדנער בעל־מגזם. ער האָט ליעב צו דערצעהלען מעשיות פאַר זיינע תּלמידים, משונה־ווילדע מעשיות פון פאַר־צייטען. למשל, אַ מעשה פון זיין זיידען, וואָס איז געווען אַ גבור און האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיינעם. איינמאָל איז דער זיידע זיינער געפאָהרען ווינטער ביינאַכט פאַרביי אַ וואַלד, זענען אַרויס־געלאָפען פון וואַלד צוועלף הונגעריגע וועלף — און דאַוואַי לויפען נאָכ'ן שליטען. אַז זיין זיידע האָט זיך ניט אַראָפּ, נעמט די וועלף, שטעקט זיי אַריין די האַנט אין מויל אַריין און קעהרט זיי איבער אַלע צוועלף אויף דער לינקער זייט!

און נאָך אַ מעשה פון זיין זיידען, ווי אַזוי ער האָט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע שטאָדט פון איין אומגליק. גוים האָבען

זיך צונויפגעקליבען איינמאָל אין אַ זונטאָג אויף אַ יאריד, האָבען זיך גוט אָנגע׳שיכּור׳ט און דאַוואַי שלאָגען אידען. איז זיך מיישב זיין זיידע, ער האָט געהאַלטען סאַמע אין מיטען דאַוונען, וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם טלית ותפלין, קלויבט־אויס דעם גרעסטען פון אַלע גויים, איוואַן פּאַפּערילע האָט מען איהם גערופען, און נעמט איהם אָן מיט ביידע הענט פאַר די פיס, און דאַוואַי שלאָגען מיט איוואַנען איבער גויישע קעפּ. האָבען די גויים אָנגעהויבען פאַלען, זענען זיי געפאַלען אַזוי ווי פליעגען. און אַז ער האָט אויסגעלעגט אַלע גויים ביז איינעם, האָט ער איוואַנען אַפּגעלאָזט און געזאָגט צו איהם: „אצינד קאָנסט דו געהן אהיים, און איך וועל געהן דאַוונען"...

אַ חוץ וואָס זיין זיידע איז געווען אַ גבר, איז ער נאָך געווען אַ צעטראָגענע בריאה, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ער, אַז ער פלעגט זיך פאַרטראַכטען — אַזוי דערצעהלט רב אהרן חאָדאָראָווער אויף זיין זיידען — איז געווען מיט סכנת־נפשות! איינמאָל איז ער אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטוב אַ פאַרטראַכטער, אַרומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען און אַרומגעגאַנגען. ער טהוט אַ קוק — ער שטעהט אויפ׳ן טיש!...

אָט אַזאַ מין מלמד איז דאָס געווען רב אהרן חאָדאָראָווער. נאָך איהם זענען געגאַנגען אַ גאַנצע סעריע מלמדים, ווי רב יהושע דער מלמד, מאיר־הערש דער מלמד, יקיר־שמחה דער מלמד, און דער קאָידענאָווער מלמד, און מענדעל דער גראָבער. האָט אָבער יעדער פון זיי געהאַט זיין חסרון: האָט ער געקענט לערנען — איז ער נישט געווען קיין בעל־תּנ"ך; איז ער געווען אַ בעל־תּנ"ך — האָט ער נישט געקענט לערנען. פון אַלע מלמדים וואָלט מענדעל דער גראָבער געווען דער בעסטער מלמד, ער זאָל נים האָבען דעם חסרון, וואָס ער שלאָגט זיך. קינדער, אַז מע דערמאַנט זיי דעם נאָמען „מענדעל דער גראָבער", ציטערען זיי. מאָהלט אייך, מאָניש דער מלמד שלאָגט זיך אויך, נאָר מיט אַ גאַנג. יענער, מענדעל דער גראָבער, קאָן הרג׳ענען אויף טויטט. דערפאַר אָבער ווי אַזוי

לערענט ער! איינעם פון די צוויי, האָט נחום צוגעזאָגט די קינדער, אַז ער וועט, אם ירצה השם, דינגען.

זענען זיי שוין באוואָהרענט, הייסט עס, מיט אַ מלמד. איצט בלייבט־איבער שרייבען. וואו וועלען די קינדער לערנען שרייבען? וואָס אָנבאַלאַנגט אידיש, האָבען זיי ביי'ם וואָראָנקאָווער רב זרח'־לען שוין אויסגעלערענט זיך שרייבען. וואָס טהוט מען אָבער מיט רוסיש? האָט אפילו אַ גוטער פריינט, ארנאָלד פון די פידוואָרקעס, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרען אויבען, געגעבען איין עצה, מע זאָל די קינדער אוועקפיהרען גלייך אין דער „יעווריייסקע אוטשי־לישטשע", וועט קאָסטען וואָלוועל און ס'וועט זיין גוט. האָט דערהערט די באָבע מינדי און האָט געשוואוירען, אַז כּל זמן זי לעבט, וועלען איהרע אייניקלעך זיין אידען — און עס האָט נישט געהאָלפען קיין שמע־ישראל. איז געוואָרען אַ רעד וועגען לעהרערס. נח בוסעל איז אַ גוטער לעהרער, איז ער אַ בעל־עגלה'ס איין איידעם. איצי דער שרייבער, וואָס לערענט בריעפענשטעלער, האָט אַ שענע האַנט, איז ער שוואַך אין „לשון". אברהם דער שרייבער, טאַסי איצי'ס אַ ברודער, איז שוואַך איןביידע זאַכען. וואָס טהוט מען? איז געבליבען מאַניש דער מלמד. דאָס איז אַ איד מיט אַלע מעלות: ער איז אַ בעל־תנ"ך, קען דקדוק, פאַר־שטעהט אַ בלאַט גמרא און שרייבט רוסיש, אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט! אמת, ער ווייסט נים וואָס ער שרייבט, און אַז ער שרייבט, איז דאָס נישט על־פּי גראַמאַטיקע — מאַכט נישט אויס. די קינדער זענען נאָך צו יונג, זיי זאָלען קענען גראַמאַטיקע. לאָזען זיי פריהער קענען דקדוק — דאָס איז בילכער. אַי וואָס מאַניש דער מלמד שלאָגט זיך? לאָזען די קינדער נאָר וועלען לערנען, וועט מען זיי נים שלאָגען. שלאָגט דען אַ רבי אומזיסט? והראיה: די קינדער האָבען דאָס ארויסגעזעהען דערנאָכדעם בחוש. מאַניש האָט פיינט געהאַט, ווי אַנדערע מלמדים, שלאָגען אָדער שמייסען. ער האָט געהאַט אינ'ם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנט אַ ביינדעל. מיט'ן דאָזיגען ביינדעל, אַז ער האָט אייך

דערלאַנגט אין זייט אריין, אָדער הינטען אין דער פּלייצע, אָדער אריינגעקוועטשט אייך אין שלייף אריין, האָט איהר געקאָנט דער־זעהען דעם עלטער־זיידען פון יענער וועלט. אָט אזא ביינדעל איז דאָס געוועזן! שלום האָט זיך געפּלייסט, ווי ווייט מעגליך, ער זאָל דאָס דאָזיגע „ביינדעל" אויסמיידען. און עס וואָלט איהם אפשר געראָטען, ווייל ער איז געווען פון די, וואָס האָבען דאָנערשטאָג די גמרא גיעוואוסט, אָדער געמאַכט זיך, אז זיי ווייסען. פון תנ"ך איז דאָך אָפּגערעדט. ביי'ם שרייבען איז ער אויך געווען נישקשה'־דיג. דערפאַר אָבער, אז ס'איז געקומען צו שקאַצעריי — דאָ האָט ער שוין געמוזט פאַרזוכען דעם טעם פונ'ם „ביינדעל", וואָס ליגט איהם נאָך עד היום אין זכרון. נאָר נישט דאָס איז געווען דער חסרון, וואָס נחום ראַבינאָוויטש איז ניט געווען צופריעדען מיט'ן מלמד מאַניש. דער חסרון איז געווען, וואָס ס'האָט זיך ארויס־באוויזען, אז מאַניש הויבט ניט אָן צו וויסען, וואָס דקדוק איז. אז מע האָט איהם א פרעג געגעבען: „רב מאַניש, פאַר וואָס לערענט איהר ניט מיט די קינדער קיין דקדוק?" האָט ער גע־ענטפערט: „וויים איך וואָס, דקדוק, רקדוק, שמינדרעק בלע"ז!" — און האָט זיך נאָך אויסגעלאַכט אויך. דאָס האָט נחום'ען שרעקליך פאַרדראָסען, און אז ס'איז געקומען צום צווייטען זמן, האָט ער די קינדער פון מאַנישען אָפּגענומען און אוועקגעגעבען צו איין אנדער מלמד.

יענער איז שוין געווען א „מדקדק", געוואוסט דעם „מסלול" אויף אויסווענינ. האָט ער אָבער געהאַט איין אנדער חסרון — ער האָט ליעב געהאַט זיך קהל'ען. אַלע טאָג האָט ער געהאַט וואָס צו טהון: איז ניט קיין חתונה איז א ברית, איז ניט קיין ברית איז א פדיון־הבן, א בר־מצוה, א גט, אָדער גלאַט א פאַר־לאָזעניש, א בוררות, איין אויסגלייכעניש. נאָר פאַר ווענמען ס'איז א חסרון און פאַר וועמען א מעלה. פאַר די קינדער איז דער רבי געווען א מלאך פון גאָט און דער חדר — א גן־עדן. מע האָט געקאָנט שפּיעלען אין וואָס פאַר א שפּיעל איהר ווילט, אפילו אין

קאָרטען, — ניט אין די וואָראָנקאָווער ל"א־קאָרטען! פע! נאָר טאַקי אין אמת'ע קאָרטען. און געשפּיעלט האָט מען אין „טרי־ליסטיק", אָדער אין „סטאַרשי קאָזיר" — א שפּיעל, וואָס די אַרעסטאַנטען שפּיעלען אין די טורמעס. די קאָרטען אַליין זענען אויך געווען „אַרעסטאַנטסקי" קאָרטען — שוואַרצע, פעטע, אָנגעשוואָלענע. פון דעסטוועגען האָט מען פאַרשפּיעלט אַלע אָנביסענס מיט אַלע מיטאָגס, און וואו ס'איז געווען ערגיץ א פּאָר גראָשענס זענען זיי אריין אין די קאָרטען.

דאָס גאַנצע געלט האָבען אָפּגעוואונען די עלטערע בחורים, אזעלכע, ווי, למשל, זיאמע קאָרעצקי, א טשיקאַווע בחור'על, וואָס איז דערמאַנט אויבען. ער האָט אַרויפגעפיהרט זיינע יונגע חברים אויף אַלע גוטע זאַכען. זיין פּרינציפּ איז באַשטאַנען אין דריי כללים: 1) טאַטע־מאַמע ניט פאָלגען; 2) דעם רבין פיינט האָבען; 3) פאַר גאָט קיין מורא ניט האָבען.

א מעלה האָבען געהאַט די גרויסע בחורים'לעך, אז זיי האָבען אָפּגעוואונען דאָס געלט ביי די קליינע, האָבען זיי זיך נאָך געררייצט און געמאַכט חוזק. אמת'ע קאָרטענשפּיעלער טהוען דאָס נישט... פון דעסטוועגען דאַרף מען נישט מיינען, אז זיי איז דאָס גרינג אָנגעקומען. זיי אַליין זענען אויך אויסגעשטאַנען גענוג צרות. ערשטענס, האָט מען געמוזט אונטערקויפען די רביצין, זי זאָל ניט דערצעהלען דעם רבין, אז מע שפּיעלט אין קאָרטען. און צווייטענס, האָט דער רבי געהאַט א זוהן, פּייוועל, נאָר גערופען האָט מען איהם „ליפּ", מחמת ער האָט געהאַט א גראָבע ליפּ. האָט מען באַדאַרפט אָט די „ליפּ" קיכלען און חנפה'נען און אונטערשמירען אמאָל מיט איין אָנבייסען, אמאָל מיט א נאַשעריי, און מעהרסטענטייל מיט ניסלעך. די „ליפּ" האָט ליעב געהאַט קנאַקען ניסלעך. אָנקוקען, ווי די „ליפּ" קנאַקט ניסלעך, האָט געשלאָגען צו דער גאַל. ובפרט נאָך פאַר פרעמד געלט. נאָר וואָס זאָל מען טהון? אז די „ליפּ" וועט דערצעהלען דעם רבין, אז די קינדער שפּיעלען אין קאָרטען, וועט זיין בעסער?

פון די אלע מלמדים און לעהרערס און פון די אלע לערנעכטסען האט נחום ראבינאוויטש געהאט ווינציג נחת. אלע שבת האט ער די קינדער פארהערט און זיפצענדיג געשאקעלט מיט'ן קאפ. מעהר פון אלע קינדער האט ער געטראגען אויפ'ן קאפ דעם מיטעלסטען, דעם „בעל־תנ"ך". ער האט, אפנים, געוואוסט פון איהם א סך מעהר. „וואס וועט זיין? — האט ער געפרעגט. — וואס וועט זיין דער תכלית? אט־אט, אקערשט ווי מע זעהט ניט, ווערסט דו בר־מצוה, און דו וועסט אפילו קיין צוויי ווערטער ניט קאנען זאגען!"... און ער האט גענומען זוכען א רעכטען גמרא־מלמד, און ער האט איהם געפאקט.

29

דער גמרא־מלמד

משה־דוד רודערמאַן — אַ גמרא־מלמד. — זיין זוהן שמעון האַלט ביי שמד׳ען זיך. — די שטאַדט ראַטעוועט איהם אַרויס פון מאַנאַסטיר. — דער פעטער פיני קאַכט זיך.

דאָס איז געווען אַ רבי אַ ליטוואַק, מיט׳ן נאָמען משה־דוד רודערמאַן, אַ איד אַ יאַדישלעווער, איין איינגעהויקערטער, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען, אַ גרויסער למדן, אַ שענער בעל־תנ״ך און אַ מדקדק — מיט אַלע מעלות. און דערצו נאָך אַ פרומער, איין אמת׳ער ירא־שמים. געהט ריכט זיך, אַז אויף דעם אידען וועט אויך זיין אַ פּגם, און נאָך וואָסער אַ פּגם! דער פּגם איז געווען דער, וואָס דעם דאָזיגען מלמד׳ס זוהן לערענט אין דער „אויעזדנע״. אין דער גאַנצער שטאָדט זענען דעמאָלט געווען מעהר ניט ווי צוויי בחורים, וואָס האָבען געלערענט אין דער „אויעזדנע״: משה־דוד רודערמאַנ׳ס זוהן, שמעון רודערמאַן, אַ בחור, וואָס סע האָט זיך פריה אָנגעהויבען אויסשיטען ביי איהם אַ שוואַרץ בערדעל, און טאַמאַרקין, דעם אַדוואָקאַט׳ס זוהנדעל, חיים טאַמאַרקין, אַ בחור׳על אַ קורצער און אַ גראָבער, מיט קליינע אויגלעך און מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, געטראָגען דאָס העמדעל איבער די הויזען, ווי אַ שייגעצעל, געשפּיעלט מיט די גוישע שקצים׳לעך אין „מיאַטש״, קיינמאָל נישט געגאַנגען אין שוהל אַריין, אַחוץ יום־כּפּור, און שטילערהייט געראָוכערט גראָבע „ציגייערען״.

דאָס זענען געווען די פּיאָניערען, אַזוי צו זאָגען, די ערשטע שוועלבעלעך פון דער השכלה אין דער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו, די איינציגע צוויי אידישע קינדער צווישען עטליכע הונדערט שקצים׳־לעך. די שקצים׳לעך האָבען תּחילת געקוקט אויף די צוויי „זשידע־ניאַטעס", ווי אויף חידושים, ווי אויף קינדער פון איין אַנדער וועלט. דערנאָך האָבען זיי אָוועקגעלעגט די „זשידעניאַטעס" אויף דער ערד אין מיטען הויף פון דער „אויעזדנע" און אָנגעשמירט זיי די ליפּען מיט חזיר. דערנאָך איז מען געוואָרען חבר, געשלאָסען ברודערשאַפט, גאָר נפש אחת. גוישע שקצים׳לעך זענען נאָך דעמאָלט — אוי וועה! — געווען ריין פון מענטשענהאַס, נישט געוואוסט פון קיין אידענהעצעס, און דער גיפט פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיי נאָך נישט אָנגעריהרט. קוים האָט מען דעם „זשידיאָנאָק" אַוועקגעלעגט, אָנגעשמירט די ליפּען מיט חזיר און דורכגעבראָכען די ביינער, איז האָטש ער איז אַ „הערשקאָ", פון דעסטוועגען איז ער אַ חברה־מאַן גלייך מיט אַלע...

דאָס אָפּגעבען נחום וועוויק׳ס קינדער צו משה־דוד רודערמאַן איז ניט אָפּגעלאָפען גלאַט. דער פעטער פּיני, אַז ער איז געוואוירע געוואָרען, אַז זיין ברודער נחום האָט אָפּגעגעבען די קינדער צו אַזאַ מלמד, וואָס האָט אַ זוהן אין דער „אויעזדנע", האָט ער גע־אַרבייט מעשים. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז פון דער „אויעזדנע" איז איין טריט צו שמד. פאַר וואָס?

— אָט אַזוי: אַז מיר׳ן לעבען, וועלען מיר זעהען...

און כּך הוה. עס איז, אַפּנים, באַשערט געווען, אַז דער פעטער פּיני זאָל איצטיגס מאָל זיין אַ נביא. און אַזוי איז געווען די מעשה:

איינמאָל אין אַ שבת איז אַרוים אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז די צוויי אידישע יונגלעך, וואָס לערנען זיך אין דער „אויעזדנע", שמעון רודערמאַן און חיים טאַמאַרקין, האַלטען ביי שמד׳ען זיך! פאַרשטעהט זיך, אַז קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבען: „וויים

איך — וואָס? ווער? ווען? וואָס א שטאָדט קאָן אויס־טראַכטען!" נאָר אַז מע קלינגט איז א חאָגע. שטעלט אייך פאָר, אַז ס'איז דעם זעלבען טאָג שבת פּלוצים געוואָרען א געלויף, ווי אויף א שרפה. די גאַנצע שטאָדט איז געלאָפען צום מאַנאַסטיר. וואָס איז די מעשה? „די מעשה איז א שענע מעשה, נאָר א קורצע: איהר ווילט זעהען א שענס? געהט, זייט מוחל, צום מאַנאַסטיר, וועט איהר אָנקוקען, ווי די צוויי חברה־לייט פון דער „אויעזדנע" האָבען זיך אַרויפגעקליבען גאַנץ הויך אויפ'ן שפּיץ קלויסטער, שטעהען דאָרטען אָהן היטלען און פרעסען ברויט, מיט חזיר באַשמירט, בפרהסיה, אַלע זאָלען זעהען!"...

די בהלה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז קיינעם ניט איינ־געפאַלען צו פרעגען: ווי איז דאָס מעגליך צו זעהען פון אונטען אַרויף, אויף אַזאַ הויכען מאַנאַסטיר, מיט וואָס דאָס ברויט איז באַשמירט: מיט חזיר? מיט פּוטער? אָדער מיט האָניג?... די גאַנצע שטאָדט איז געגאַנגען האָדאָראָם. די וועלט האָט זיך געוויעגט: „מילא, אויף טאַמאַרקינ'ס זוהנדעל איז חאָטש קיין חידוש ניט — זיין פאָטער, דער אַלטער טאַמאַרקין, איז אַליין א טריפניאַק, א איד א „זאַקאָניק", א שרייבער פון „פּראָשעניעס", און זיין זוהנדעל חיים איז געווען, זאָגט מען, א גוי נאָך ביי דער מאַמען אין בויך. אָבער משה־דוד רודערמאַן? א איד א ירא־שמים און א מלמד! דער בעסטער מלמד אין שטאָדט! ווי קאָן מען עס דערלאָזען אַזאַ זאַך?"

לאָזט זיך אויס, אַז ס'זענען דאָ אידען, וואָס האָבען געוואוסט פריהער, אַז ס'וועט אַזוי זיין. פון וואַנען האָבען זיי דאָס גע־וואוסט? זיי האָבען דאָס פאַרשטאַנען מיט'ן שכל, אַז מע טאָר ניט געהן מיט א קינד צופיעל מיט סטורדעס. „ממה נפשך — האָט איהר אוועקגעגעבען אייערע קינדער אין דער „אויעזדנע", דאָס הייסט, איהר זענט מסכים, זיי זאָלען זיין גויים, דאַרפט איהר ניט פאָדערען פון זיי, אַז זיי זאָלען טראָגען אַרבע־כנפות'ען; און אַז עס האָט זיך געמאַכט, זיי האָבען דורכגעלאָזט א מנחה, באַדאַרף

מען אָפּווישען די ליפּען און נישט צעבּרעכען אויף זיי קיין שטעקען און ניט שלאָגען, ווי מע שלאָגט אַ הונט"...

אַזוי האָבּען גע'טענה'ט בּכבוד'ע בּעלי־בּתּים. און מע האָט צונויפגענומען מענטשען, און מע האָט זיך איין עצה געהאַלטען, וואָס טהוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען אַרויס צוויי אידישע קינדער פון דער שמד? מע האָט איינגעלעגט די וועלט, געוועקט זכות־אָבות, אויפגערודערט „נאַטשאַלסטווא"... פאַרשטעהט זיך, אַז מעהר פון אַלע האָט געאַרבּייט דער פעטער פּיני. דער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבּעל, צעלאָזט די שענע בּאָרד, אַרומגעלאָפען דעם גאַנצען טאָג אַ פאַרשוויצטער, נישט געגעסען, נישט גע־טרונקען — בּיז, דאַנקען גאָט, ס'איז אָפּגעגאַלטען. מע האָט די צוויי חברה־לייט אַרויסגענומען פון מאָנאַסטיר.

דער שפּיץ איז געווען: איינער פון זיי, חיים טאַמאַרקין — דער האָט זיך טאַקי גע'שמד'ט שפּעטער מיט עטליכע יאָהר, און שמעון רודערמאַן האָט מען אָוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר, אַריינ־געגעבּען דעם פיינעם בּחור אין דער ראַבּינער־שול, אויף „קאַזיאָנע שטשאָט", און ער האָט מיט גאָט'ס הילף ניט נאָר געענדיגט אויף ראַבּינער, נאָר טאַקי געווען נאָכדעם ראַבּינער, און דוקא ניט ווייט פון פערעיאַסלאַוו — אין לובּען.

— נו? ווער איז געווען גערעכט? אַצינד וועסט דו שוין דיינע קינדער, צו גאָט אַ האָפענונג, אָפּנעמען פונ'ם דאָזיגען מלמד?

אַזוי האָט דער פעטער פּיני געזאָגט צו זיין בּרודער נחום, צופריעדען פון אַלע זייטען: ערשטענס, וואָס ס'איז איהם גע־ראָטען אַרויסצונעמען צוויי אידישע קינדער פון דער שמד; צווייטענס, וואָס זיין בּרודער'ס קינדער וועלען שוין ניט לערנען בּיי אַ מלמד, וואָס קען דקדוק און האָט אַ זוהן אין דער „אויעזדנע"; און דריטענס, וואָס זיינע ווערטער זענען מקוים געוואָרען, אַז אַ אידיש קינד לערנט אין די שקאָלעס, איז ער מוכן ומזומן צו דער שמד...

האָט אָבער דער פעטער פיני איצטיגס מאָל געהאַט אַ ביטערען טעות: זיין ברודער נחום האָט זיך פאַר׳עקשנ׳ט און בשום אופן ניט געוואָלט אָפּנעמען זיינע קינדער פון אַזאַ גוטען מלמד.

— וואָס האָב איך צו איהם? ניט גענוג יענער האָט געהאַט אַזוי פיעל עגמת־נפש מיט אַזאַ בזיון, זאָל מען לאָזען אַ אידען אַ מלמד אין מיטען זמן אָהן ברויט?

דער פעטער פיני האָט אויסגעהערט דעם ברודער מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „הלואי זאָל איך ליגען זאָגען, נאָר דו פיהרסט די קינדער אויף אַ גוטען דרך"... דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, געגעבען אַ קוש די מזוזה און איז אַוועק אַ ברוגז׳ער.

30

דער אַמאָליגער „חדר"

א בילד פונ'ם אמאָליגען „חדר". — די תּלמידים העלפען דעם רבין און דער רביצין ביי דער ארביים. — דער רבי מאַכט ברכה. — זיין מוסר זאָגען ברענגט צו גייע זינד.

ניין, מע האָט די קינדער פון דעם פאַרפלעקטען, נאָר גע־ראָטענעם מלמד רודערמאַן נ י ש ט אָפּגענומען. אדרבה, זיי זענען פאַרבליבען ביי איהם אויך אויפ'ן אַנדערען זמן און אויפ'ן דריטען זמן — און אַלע זענען געוועזען צופריעדען: דער רבי פון זיינע תּלמידים, די תּלמידים פון זייער רבין און דער טאַטע — פון די תּלמידים מיט'ן רבין.

מעהר פון אַלעמען זענען געוועזען צופריעדען די תּלמידים. נאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ רבין, וואָס שלאָגט זיך ניט, לגמרי ניט. ער ווייסט גאָרניט וואָס הייסט שלאָגען זיך. סיידען אַמאָל, אַז אַ יונגעל האָט שוין שטאַרק דעקוטשעט, אָדער ניט געוואָלט דאַווענען, אָדער ער האָט געהאַט אַזאַ פאַרשטאָפּטען קאָפּ, חאָטש „פלעקער טעסען", — דעמאָלט איז שוין דער רבי רודערמאַן ארויס פון די כּלים, אוועקגעלעגט דעם בחור אויפ'ן בענקעל, אראָפּגענומען די פּליסענע ווייבע יאַרמעלקע פונ'ם קאָפּ, פון דער גרינג אָפּגע־פּיצקעט — און גערה!

נאָך אַ מעלה האָט געהאַט רודערמאַן דער מלמד — ער האָט געהאַלטען אַ „זשאַרנע", אַזאַ מאַשין אויף צו „רייסען" גרויפּען.

די מאַשין האָט געהאַט אַ ראָד מיט אַ הענטעל, און פון אויבען איז געלעגען מיט'ן פּנים אַראָפּ אַ זאַק מיט רעטשקע. פונ'ם דרעהען די ראָד האָבען זיך די רעטשקע פּאַוואָלינקע געשאָטען אין יאַשטשיק אַריין, פונ'ם יאַשטשיק זענען זיי פּאַוואָלינקע געפאַלען אויפ'ן שטיין, דער שטיין האָט זיי פּאַוואָלינקע געריבען, אָפּגעשיילט די שאָלעכץ און געמאַכט פון די רעטשקע — גרויפּען. אָט דאָס האָט געהייסען אַ „זשאָרנע".

פאַרשטעהט זיך, אַז דער נאַנצער אַנטיק פון דער „זשאָרנע" איז געלעגען אינ'ם דרעהען. וואָס מעהר מע דרעהט, מעהר שיטען זיך גרויפּען. און בעלנים אויף דרעהען זענען געווען אַ סך, כּמעט אַלע תּלמידים. יעדער וויל קומען צו הילף דעם רבּין משה־דוד, וואָס קאָן נישט לעבען פון מלמדות אַליין און מוז נעבאַך אָנ־קומען צו זייטיגע פּרנסות: ער רייסט גרויפּען, זי באַקט לעקאַך. ביי'ם לעקאַך באַקען, מיינט איהר, איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו טהון? ס'איז אַ סך דאָ וואָס צו טהון! און דאָ קאָנען אויך די קינדער צוהעלפען. ניט אַזוי ביי'ם באַקען, ווי ביי'ם „אויספּאַטשען". קאָרענעם האָניג־לעקאַך באַדאַרף מען פּאַטשען, לאַנג פּאַטשען, מיט ביידע הענט, ביז ער ציהט זיך, ווי אַ האָניג־טייג קאָן זיך ציהען. און ווער נאָך קאָן אַזוי פּאַטשען, ווי אַ חדר־יונגעל? בעלנים פּאַטשערס צווישען די חדר־יונגלעך זענען דאָ אַזוי פיעל, אַז מע שלאָגט זיך אַזש פאַר'ן פּאַטשען. יעדער וויל פריהער.

דער לעזער באַדאַרף זיך נישט וואונדערען, וואָס איז דאָס פאַר איין עובדה — תּלמידים זאָלען „רייסען" גרויפּען, „פּאַטשען" לעקאַכער! למאי ביי די וואָראָנקאָווער מלמדים האָבען זיי נעטהאָן אַ סך גרעבערע אַרבּייט? למשל, ביי'ם רבּין רב זרח'על און ביי אַנדערע מלמדים האָבען נחום וועוויק'ס קינדער גאַנץ פיין געשמירט די ערד אויף שבּת, פאַרלעכווייז אַרויסגעטראָגען די פּאָמעניצע, איינציגווייז געבראַכט צו טראָגען וואַסער פונ'ם גוויישען ברונען, און על־פּי גורל געניאַנטשעט זיך מיט'ן קינד אויך. פון

נעהן מיט איין עוף צום שוחט שמועסט מען נים. עס איז געווען א כבוד פאר די קינדער העלפען דער רביצין אפפליקען דאס עוף. אבי איין ארבייט, אבי נים געלערענט. ערגער פון אלע ארבייט איז געווען דאס לערנען, דאס לערנען אין חדר. דא וועט, דאכט מיר, זיין דאס ארט אפצומאהלען דעם חדר, ווי ער האט אויס־געזעהען אין יענע צייטען, בכדי די קומענדיגע דורות, וואס וועלען זיך אינטערעסירען מיט'ן אמאליגען אידישען לעבען אין דער גליקליכער „משערטא", זאלען עס האבען פאר די אויגען.

א קליין גוייש שטיבעל אויף היהנערשע פיסלעך, מיט שטרוי געדעקט, אמאל א ביסעלע איינגעבויגען אויף א זיים, און אמאל אהן א דאך, ווי אהן א היטעל. איין פענסטערעל, און אז א סך — איז צוויי. די ארויסגעזעצטע טאפלי איז אדער פארקלעפט מיט א פאפיער, אדער פארשטעקט מיט א קאפענקישעלע. די ערד איז א „געוואלקעוועטע", באשמירט מיט לעהם, און אויף שבת און יום־טוב — באשאטען מיט זאמד. א גרויסען טייל פונ'ם חדר פארנעמט דער אויווען מיט'ן אויפ'ן־אויווען און מיט דער „לע־זשאנקע". אויף דער לעזשאנקע שלאפט דער רבי, און אויפ'ן אויווען — זיינע קינדער. ביי דער וואנט שטעהט א בעט — דער רביצינ'ס בעט — מיט א סך קישענס צוקאפענס און קלייניטשקע קישעלעך כמעט ביז דער סטעלי. דארט אויפ'ן בעט, אויף א ווייסען ליילעך, ליגט אמאל א בלאט לאקשען, אמאל קיכלעך און בייגעל (אויב די רביצין פארנעמט זיך מיט בעקעריי), און אמאל א קינד (אויב ס'איז געפעהרליך קראנק). אונטער'ן אויווען א „פארפיטשניק" (אין דער ליטא רופט מען עס „קאטוך"). דארט האדעוועט מען עופות, געוויינליך אויף פרנסה. ביי דער קרומער מעוברת'ער וואנט — א שאפע אויף האלטען ברוים, קריגלעך און טעפלעך. אויף דער שאפע — דאס אייזערנע געפעס, א זיפ, א דערקאטש, א ריבאייזען וכדומה אזעלכע כלים. פון פארענט, סאמע בייי'ם אריינגאנג, קאטשערעס מיט לאפעטעס, און א גרויסע פאמעניצע תמיד פול, און א צובער א הילצערנער, וואס רינט,

אויף וואַסער האַלטען, און אַ האַנטוך, וואָס איז תּמיד נאַס, אויף די הענט אָפּצוואַישען. און אין מיטען שטוב אַ לאַנגער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק. — דאָס איז, אייגענטליך, דער חדר, די שול, וואו דער רבי שטודירט מיט זיינע תּלמידים. אַלע, סאַי דער רבי, סאַי די תּלמידים, שרייען. דער רביצינ׳ס קינדער, וואָס שפּילען זיך אויפ׳ן אויווען, שרייען. די רביצין, וואָס פּאַרעט זיך בּיי דער „קיך", שרייט אויף איהרע קינדער, למאַי זיי שרייען. די עופות, וואָס אונטער׳ן פּאַרפּיטשניק, קוואַקען: דאָס האָט די קאַץ אַראָפּ־געשפּרונגען פון דער לעזשאַנקע, אַ שטילינקע, אַ רוהיגע, אַ גלאַ־טינקע, זיך אריינגעחאַפּט אונטער׳ן פּאַרפּיטשניק און ספּאַלאָשעט די עופות, ניט געדאַכט זאָל זי ווערען!

אָט אַזוי האָט אויסגעזעהען דער אַמאָליגער וואָראָנקאָווער חדר. ניט פיעל שענער האָט אויסגעזעהען דער חדר אין דער גרויסער שטאָדט, אין פּערעיאַסלאַוו. דער פּערעיאַסלאַווער רבי האָט, גלייך ווי דער וואָראָנקאָווער, געקנעלט מיט זיינע תּלמידים, זיצענדיג ווינטער אין אַ וואַטאָווען חאַלאַט מיט אַ פּלוסענער יאַרמעלקע, און זומער אין איין אַרבע־כּנפות, אין אַ העמד מיט ברייטע אַרבּעל. ווינטער נאָכ׳ן שלאָף האָט ער געטרונקען, אָנ־שטאָט טיי, „ליפּעווע צוויט", און זומער — קאַלט וואַסער פון אַ הילצערן קווערטעל, דורכגעזייט דורך איינעם פון די ברייטע אַרבּעל פונ׳ם העמד, געמאַכט דערויף פריהער מיט גרוים כּוונה אַ ברכה „שהכּל נהיה בדברו", און אַלע תּלמידים האָבען איהם געענטפערט אָמן. טאָמער האָט אַ יונגעל געבּראַכט עפּיס אַ פּרי, האָט דער רבי געמאַכט „בּורא פּרי העץ", און די תּלמידים האָבען געענטפערט אָמן. טאָמער האָט אַ יונגעל געבּראַכט אַ גרינע אוגערקע, האָט דער רבי אָפּגעשיילט די אוגערקע, געמאַכט אויף איהר „בּורא פּרי האדמה", און די תּלמידים האָבען געענטפערט אָמן.

ס׳איז אַלסדינג געווען כּדאי, אַבי ניט לערנען. צו שטאַרק האָט זיך צוגעגעסען דאָס לערנען. אַ גאַנצען טאָג געלערענט. ווינטער בּיינאַכט געלערענט. אויפגעשטאַנען פּאַרטאָג און גע־

לערענט. אפילו שבת בייטאָג אויך געלערענט. און טאָמער ניט געלערענט, איז האָטש אזוי געזעסען שבת בייטאָג אין חדר און אויסגעהערט דעם רבינ׳ס מוסר.

דעם רבינ׳ס מוסר — דאָס איז געווען א רייכע פאנטאזיע פון „טויזענט איין נאכט״. פונ׳ם רבינ׳ס מוסר האָט מען זיך געזעהען מיט „יענער וועלט״, געפיהלט דעם טעם פון „חבוט־הקבר״, זיך צוגעהערט, ווי דער מלאך־הדומה קומט־צו מיט שטילע טריט, עפענט אייך אויף דעם בויך, נעמט־ארויס די קישקעס און טהוט אייך א שמיץ מיט זיי איבער׳ן פנים: „רשע, מה שמך — שייגעץ, ווי אזוי רופט מען דיך?״... און דערנאָכדעם, ווי צוויי מלאכי־חבלה נעמען אייך און ווארפען אייך „בכף־הקלע״, ווי א מיאטש, פון איין עק וועלט ביז׳ן אנדערען. און טאָמער האָט איהר אמאָל געזאָגט א ליגען, הענגט מען אייך אויף פאר דער צונג אויף א פלעקעל, און איהר הענגט, ווי א יאטקע־פלייש. און טאָמער האָט איהר פארגעסען אמאָל אָפגיסען נעגעלוואסער, שטעלען זיך אוועק צוויי מחבלים און רייסען אייך מיט אָפצווייינגעס די נעגעל פון די פינגער. און טאָמער האָט איהר אמאָל פרייטאָג זיך געשניטען די נעגעל און אומגעהרן אראָפּגעלאָזט א נאָגעל אויף דער ערד, לאָזט מען אייך אראָפּ אויף דער וועלט און מע הייסט אייך געהן זוכען דעם נאָגעל.

דאָס איז פאר קליינע עבירה׳לעך. היינט ווי איז שוין פאר גרויסע עבירות? למשל, פאר היפּערען אין דאַווענען? פאר דורכלאָזען א מנחה? פאר ניט לייענען קריאת־שמע? פאר א שלעכטע מחשבה? פאר הרהורים און חלומות? — נישטאָ קיין רחמנות דאָרטען, נישטאָ! תשובה, תפלה און צדקה — דאָס איז נאָר דאָ, אויף דער וועלט. אויף יענער וועלט איז שוין שפּעט, פארפאלען! „דאָרט זענט איהר שוין מיט אלע רשעים גלייך. דאָרט געהט איהר שוין גלייך אין אייבּיגען פייער, אין זודיגען קעסעל אריין, אין גיהנם, שקצים, אין גיהנם!״...

אזוי לאָזט־אוים דער רבי זיין מוסר שבת בייטאָג, און די קינדער הערען־צו מיט קאָפּ און וויינען, האָבען חרטה, שלאָגען זיך על־חטא, געבען זיך דאָס וואָרט, שוין זיין גוט און פרום. נאָך קוים איז דער רבי אויפגעשטאַנען פון טיש און די קינדער נאָך איהם, אזוי איז פארגעסען געוואָרען דער גאַנצער מוסר; די יענע וועלט מיט׳ן גיהנם מיט אַלע מלאכי־חבלה זענען פארשוואונדען געוואָרען, ווי א שאָטען, וואָס געהט־איבער, ווי א חלום, וואָס פליהט אוועק, און חברה האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע זינד און צו זייערע שילד: געהיפּערט ביי׳ם דאַוונען, דורכגעלאָזט א מנחה׳לע, נישט געלייענט קיין קריאת־שמע. ווער מיר נענעל־וואסער? וואָס מיר דאַוונען? אז אין דרויסען שיינט די זון, און די שאָטענס דראַפּען זיך אויף די ווענט, ווינקען צו אייך, רופען אייך: אין דרויסען ארויס, יונגעלע, אין דרויסען! דאָרט איז גוט! דאָרט איז וואויל! איין שפּרונג א רעכטער — און דו ביזט ביי׳ם בריקעל. נאָך א שפּרונג — און דו ביזט אויף יענער זייט בריקעל, וואו עס לויפט א טייכעל, וואו עס זשומעט א וואסערעל, וואו עס גרינט א גרעזעלע, וואו עס נעלט א בלומעלע, וואו עס פליהט א פויגעלע, וואו עס טאַנצט א היישעריק... און דאָס גרינע־גרעלע פעלד בעט זיך ביי אייך, איהר זאָלט אייך א וואָרף טהון אויף דער ווייכער שמעקענדיגער ערד, ווי איהר שטעהט און געהט. און דאָ קומט־אָן דער טאַטע, אָדער די מאַמע, אָדער איין עלטערער ברודער, אָדער א שוועסטער — „האָסט דו שוין גע־דאַוונט? אין חדר אריין, שקאָץ איינער, אין חדר אריין!“...

31

די בר־מצוה

דער בר־מצוה נעמט־אוים. — א גאלעריע טיפען פון פערעיאסלאווער בעלי־בתים. — א מאמע'ס טרערען.

אריינטראכטענדיג זיך אינ'ם לערנען אין יענעם מין „חדר", ביי יענע מינים מלמדים, וואס זענען באשריבען אין די פריהעריגע קאפיטלעך, האבענדיג פאר זיך די רביצין, וואס מע דארף איהר העלפען, טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, וואס מע דארף זיי פאלגען א גאנג, און כל־ערליי מינים שקאצעריי, פון באדען זיך זומער אין טייך ביז שפיעלען ווינטער אין קארטען און קנעפלעך, היינט גלאט דאס ארומלויפען און ארומשפאציערען איבער דער שטאדט, — איז שווער צו פארשטעהן, פון וואנען האט זיך גענומען ביי די קינדער דאס, וואס זיי האבען געקענט? מע דארף נישט פארגעסען דאס אויך, אז דעם רבין האט מען גענארט, דעם טאטען האט מען גענארט און אפילו דעם רב, צו וועלכען מע האט געפיהרט די קינדער פארהערען, האט מען אויך אפגענארט. היינט וואו האט זיך גענומען מאטעריאל אויף אפצונארען א גאנצע שטאדט מיט אידען, וואס זענען זיך צונויפגעקומען אויף דער בר־מצוה צו נחום ראבינאוויטש'עס זוהנדעל? דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע געדענקט פאר קלאר, אז ער האט נישט אנגעהויבען צו וויסען פון דעם, וואס מע האט איהם אויסגעשטעלט, ער זאל זאגען אויף זיין יום־טוב — און דאך האט געקלונגען די

שטאַרט מיט זיין בר־מצוה. טאַטעס האָבען מקנא געווען. מאַמעס האָבען זיך געוואונטשען אַזעלכע קינדער.

ס׳איז געווען איין אמת׳ער יום־טוב. אַ גרויסאַרטיגער יום־טוב. און אין איהם האָבען זיך באַשעפטיגט אַ סך הענט, אונטער דער קאָמאַנדע פון דער באַבע מינדי, וואָס האָט אויסגעזעהען אין איהר שבת׳דיגען אָנטהון, מיט׳ן שטערנטיכעל, ווי איין אמת׳ער קאָמאַנדיר. זי האָט געקאָמאַנדעוועט, ווען מע זאָל רופען און ווען ניט, ווער ס׳זאָל זיצען אויבענאָן און ווער ניט, וואָסערע טעלער מע זאָל שטעלען, וואָסערע בראָנפענס און וואָסערע וויינען מע זאָל טרינקען. מיט אַלעמען האָט זי זיך איבערגעקריגט, אויף אַלעמען זיך אָנגעבייזערט, ניט געשאָנעוועט אפילו דעם בר־מצוה־העלד אַליין, ער זאָל זיך האַלטען, ווי אַ מענטש, ניט האָבען קיין טבע בייסען די נעגעל חאָטש צווישען מענטשען, ניט לאַכען אַליין און ניט מאַכען לאַכענדיג די איבעריגע קינדער, קורץ — ניט זיין קיין ימח־שמו׳ניק.

— גאָט האָט רחמנות געהאַט, האָסט דערלעבט די בר־מצוה, איז שוין צייט, זאָלסט ווערען אַ שטיקעל מענטש! — האָט זי איינגע׳טענה׳ט מיט איהם, באַשפּיגען די פינגער און אויסגעגלעט איהם דאָס לעצטע רעשט פון די פּאה׳לעך, וואָס זי האָט קוים „אָפּגעוואָיעוועט" ביי איהר זוהן: נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין לאַנג חשק געהאַט זיי גאָר אינגאַנצען אָפּשערען, האָט די באַבע מינדי ניט דערלאָזט.

— אַז איך וועל שטאַרבען און מיינע אויגען וועלען עס ניט זעהען, — האָט זי איהם געזאָגט, — וועסט דו דעמאָלט מאַכען דיינע קינדער פאַר גויים. און איצט, כל זמן איך לעב נאָך, וויל איך זעהען אויף זייער פּנים חאָטש אַ סימן פון אידישקייט.

אַ חוץ דעם גרויסען עולם, וואָס מע האָט צונויפגערופען גלייך פון שוהל אויף בר־מצוה, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע משפחה. פאַרשטעהט זיך, אַז דער רבי משה־דוד רודערמאַן, אין דער שבת׳דיגער געווענטענער קאַפּאָטע, מיט׳ן אָפּגעבליאַקעוועט פּלוסען

היטעל, ווי א לאטקע אויפ'ן קאפ, איז אויך געווען בתוך הבאים. ער האט זיך אבער געהאלטען זעהר קליין און פון דער ווייטען. פון דער מעשה אן מיט'ן זוהן, וואס האט זיך געוואלט שמד'ען, איז ער געווארען ביי זיך שטארק אראפגעפאלען. ער האט זיך כמעט גאר ניט צוגעריהרט ניט צום קידוש, ניט צום פארבייסען, געזעסען פארדוקט אין א ווינקעלע, איינגעבויגען אין דרייען, און שטילערהייט געהוסט אין די ברייטע ארבעל פון דער שבת'דיגער געווענטענער קאפאטע.

נאר אט איז געקומען די מינוט פונ'ם עקזאמען. דאס בר־מצוה־בחור'על האט זיך באדארפט אוועקשטעלען און ארויסבא־ווייזען דעם עולם וואס ער קען, — האט מיט א מאל דער רבי רודערמאן אויפגעחאפט זיך; זיין פלייצע האט מיט א מאל אויסגענלייכט זיך; די גערוכטע שווארצע ברעמען האבען זיך אויפגעהויבען און זיינע אויגען האבען זיך איינגעגעסען, איינגע־זויגען אינ'ם תלמיד, און זיין גראבער פינגער האט מיט א קוועטש, ווי דאס שטעקעלע פונ'ם דיריזשאר, אונטערגעזאגט דעם תלמיד די אויסגעשטעלטע ווערטער.

און דער תלמיד, דער בר־מצוה הייסט עס, איז תחילת שיער ניט אומגעפאלען פאר שרעק, געפיהלט א מאדנע טרוקענקייט אין מויל און א שווינדעל אין די אויגען. עס האט זיך איהם אויס־גערדאכט, אז ער געהט אויף אייז. אט־אט צעשפאלט זיך דאס אייז, און טראך — ער טהוט א פאל מיט'ן גאנצען עולם. נאר וואס ווייטער־ווייטער, איז ער, אונטער דעם רבינ'ס קוק און אונטער דעם רבינ'ס קוועטש מיט'ן גראבען פינגער, געווארען ביי זיך שטארקער און שטארקער, און ער האט אנגעהויבען שפאנען, ווי אויף איין אייזערנער בריק, און ער האט דערפיהלט א ווארעמקייט אין אלע אברים, און עס איז אוועק ביי איהם, ווי א מזמור.

האלטענדיג אין מיטען דער ארבייט און דרעהענדיג מיט'ן פינגער נאכ'ן רבינ'ס גראבען פינגער, האט דער בר־מצוה פון דעסט וועגען גוט געקוקט אויפ'ן עולם, געזעהען דעם אויסדרוק פון אלע

פנימ'ער, נישט דורכגעלאָזט קיינעם. אָט איז יצחק־בינדור, וואָס ריהרט מיט די פּלייצעס און קוקט מיט די גזלנ'ישע אויגען. אָט איז דער אַלטער יהושע סריבנע — מע זאָגט, ער איז שוין אַ בן־מאה, אַלט הונדערט יאָהר. די צונג איז ביי איהם אין מויל ווי אַ גלעקעל, מחמת קיין ציינער האָט ער שוין נים. אָט איז זיין זוהן בערקע, שוין אויך גענוג אַלט, די אויגען האַלט ער צו און דעם קאָפּ אויף דער זיים. אָט איז אָשר ניידים, וואָס אַלע רופען איהם דער „פּעטער אָשר" — טאַקי אַ פּעטער, אַ ברייטער, אַ גראָבער. די ווידענע קאַפּאָטע אויף איהם שפּאַלט זיך און אַליין איז ער גרוי, ווי אַ טויב. און אָט איז יאָסי פּרוכשטיין מיט די גרויסע אריינגעשטעלטע ציינער, מיט די גלענצענדע ברילען און מיט'ן שיטערען בערדעל — איין אפּיקורס אַ איד, וואָס שפּיעלט מיט נחום ראַבינאָוויטשען אין שאָך און לייענט אַזעלכע ביכלעך, ווי „מסתרי פּאַריז", „שבילי עולם" און נאָך אַזעלכע זאַכען. נעבען יאָסין שטעהט זיין יונגערער ברודער, מיכאל פּרוכשטיין, אַ יונגער־מאַן אַ חכם, אַ ממזר, וואָס לייקענט־אָפּ אַלסדינג, הייסט דער שיקסע פאַרלעשען דאָס ליכט אום שבת און האַלט שטאַרק פון אַזעלכע אידען, ווי משה בערנער און בעני קאַנאַווער, וואָס אַלע ווייסען, אַז אין דער יוגענט האָבען זיי אַמאָל פאַרקוקט אין אַ זיים, בעת דער שערער האָט זיי צורעכטגעמאַכט די בערדלעך... ישראל בענדיצקי איז אויך געווען בתוך הבאים. אַמאָל האָט מען איהם גערופען ישראל דער כלי־זמר, נאָר איצט האָט ער שוין געהאַט איין אייגענע שטוב, אַ שטאָדט אין מזרח, אַ באָרד האָט ער זיך צעקעמט אַ ברייטע, אַ שוואַרצע, אַ גלענצענדיגע, און חאָטש ער זאָגט זיך ניט אָפּ איצט אויך פון צו שפּיעלען אויף אַ געהויבענער חתונה, נאָר פון דעסטוועגען וועט איהם קיינער נישט רופען כלי־זמר, אפילו הינטער די אויגען. און ער איז טאַקי אַ שענער איד, פיהרט זיך מעשה בעל־הבית. אז ער לאַכט, לאַכט ער מיט אַלע ציינער, קליינע, שיטערע, ווייסע ציינער. אפילו רפאל דער שמש מיט'ן אוינגעל האָט דער בר־מצוה נישט דורכגעלאָזט. רפאל איז

נעשטאַנען האַלב איינגעבויגען און אײנגאַנצען אַרײַנגעטהאָן אין דעם, וואָס דער בר־מצוה האָט גע'דרש'עט, און עס האָט זיך אויס־געוויזען נאָך זיין דאַרען פנים און אויסגעבויגענער נאָז, אַז אָט־אָט טהוט ער אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער'ן טיש און רופט־אויס מיט זיין שבת'דיגען נוסח: „צע־העַן גיל־דוין אום כהן!"...

אַלעמען און אַלץ האָט דער בר־מצוה באַמערקט. און אַלע פּנים'ער האָבען אויסגעזעהען יום־טוב'דיג. נאָר יום־טוב'דיגער פון אַלע איז געווען דעם פעטער פיני'ס פנים. געזעסען גאַנץ אויבענאָן, נעבען בר־מצוה'ס פאָטער, אין זיין שבת'דיגער זיידענער קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטען זיידענעם גאַרטעל, מיט אַ בלוי סאַמעטען היטעל אויפ'ן קאָפּ, האָט דער פעטער פיני געקוקט אויפ'ן בר־מצוה פון אונטען אַרויף, געשמייכעלט זיך אין באָרד אַריין, ווי איינער רעדט: „מילא, קענען קען ער, דער ימח־שמו'ניק — דאָס זעהט מען... נאָר צי דאַווענט ער אָבער אַלע טאָג? צי היט ער אָפּ נעגעל־וואַסער? צי לייענט ער קריאת־שמע פאַר'ן שלאָף? צי טראָגט ער ניט אום שבת? — דאָס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק!"...

דערפאַר איז אָבער דער פאָטער פונ'ם בר־מצוה געווען — איהם נישט אין פנים אַריינצוקוקען. עס איז געווען צו זעהען, אַז קיין מעהר גליקליכער מענטש, ווי ער, איז אויף דער וועלט נישטאָ. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען אַרויף, די ליפּען האָבען זיך איהם געריהרט, נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט דעם זוהן, געקוקט אויפ'ן עולם, אויפ'ן ברודער פיני, אויפ'ן רבין רודערמאַן, אויפ'ן בר־מצוה אַליין און אויף דער מאַמע פונ'ם בר־מצוה.

און די מאַמע, די קליינינקע חיה־אסתר, איז געשטאַנען נאָר אומבאַמערקט, מיט דרך־ארץ, ביי דער זייט, צווישען די איבעריגע ווייבער, אין דער שבת'דיגער זיידענער פעטשיילע, אַ פאַרנאַפּטע, שטילערהייט, זיפצענדיג, זיך אויסגעקנאַקט אַלע פינגער, און צוויי בלישטשענדיגע טרערען, ווי צוויי בריליאַנטען, האָבען

זיך געקוויקעלט און אפגעשיינט קעגען דער זון אויף איהר גליקליך, יונג, ווייס, נאר שוין געקנייטשט פנים.

וואס זענען דאס געווען פאר טרערען? טרערען פון פרייד? פון תענוג? פון נדלות? פון דער שלעכטער צייט? אדער אפשר האט א מאמע'ס הארץ איינגערוימט איהר א סוד אויפ'ן אויהער, אז אט דאס בר־מצוה־בחור'על, וואס קלינגט איצט אזוי שען, וועט אין גיכען, נאר אין גיכען, זאגען קדיש נאך איהר נשמה?...

ווער ווייסט, וואס א מאמע קאן ווינען?

צווייטער טייל

32

דער „בחור"

זיין ברודער הערשעל ווערט א חתן. — דאס פארהערעניש מיט א סופלער. — א תפילין־זעקעל, א זייגער און א כלה.

— אצינד ביזט דו שוין, מיט גאט'ס הילף, א בחור. אויס יונגעל, אויס שייגעץ, אויס קונדס. צייט ווערען א מענטש און איין עהרליכער איד, ווארום די צייט שטעהט ניט: אט־אט, אקערשט ווי מע זעהט ניט, ווערסט דו א חתן...

דאס איז געווען דאס ביסעל מוסר, וואס מע האט אריינגערעדט דעם בר־מצוה אויף מארגען נאך דעם פייערליכען שבת, און דער רבי האט איהם געהאלפען אנטהון די תפילין. ער האט איהם איינגעקרעמפעוועט דעם „של־יד" אויף דער לינקער האנט, אז די פינגער האבען זיך אנגעגאסען און געווארען בלוי, און דער גרויסער „של־ראש" האט זיך אלע מינוט אראפגערוקט צווישען די אויגען, אדער אראפגעפאהרען א ביסעל אויף א זייט, יעדענפאלס שטארק חשק געהאט אראפגליטשען זיך אראפ. דעם בר־מצוה האט נעקאסט מיה איינצוהאלטען גלייכגעוויכט, נישט געקאנט זיך א ריהר טהון פריי און אפילו א קוק צו טהון אויף די ווייסע־חברה'ניקעס, וואס האבען מיט נייגיעריגקייט ארומגערינגעלט דעם בר־מצוה, זעהען, ווי ער דאווענט צום ערשטען מאל אין תפילין. און מע דארף דעם אמת זאגען, אז ווען ניט זיי, אט די ווייסע־חברה'ניקעס, וואלט דער בר־מצוה איצטיגס מאל גע־

דאַווענט מיט הארץ, מיט כּוונה און מיט ליעבשאַפט. עס איז איהם געפעלען די צערעמאָניע פון תּפילין־לעגען; עס איז איהם געפעלען די טייטש פון די ווערטער „וארשתּיך"; עס איז איהם געפעלען דער מחיה'דיגער יוכטען־ריח פון די פרישע, נאָר־וואָס אויסגעמאַכטע רצועות; עס איז איהם געפעלען, וואָס מע זאָגט איהם, אַז ער איז שוין אַ בחור; עס איז איהם געפעלען, וואָס מען איז איהם מצרף צו אַ מנין. די משמעות, אַז ער איז שוין אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשען. אפילו רפאל דער שמש מיט'ן אויגעל קוקט אויף איהם שוין גאָר אַנדערש, מיט פאַרבאָרגענעם דרך־ארץ. פון די חברים שמועסט מען ניט, אַז זיי זענען איהם מקנא, וואָרום ער געדענקט, אַז ער אַליין האָט אַמאָל מקנא געווען זיין עלטערען ברודער הערשעל צו זיין בר־מצוה. און ניט אַזוי אויף דער בר־מצוה, ווי אויף דעם, וואָס באַלד נאָך דער בר־מצוה איז זיין ברודער געוואָרען אַ חתן, און די כּלה האָט איהם געשענקט איין אויסגענייהט תּפילין־זעקעל, און דער מחותּן — אַ זילבערנעם זייגער. ביידע פאַקטען, דאָס הייסט, ווי אַזוי דער ברודער הערשעל איז אַ חתן געוואָרען און וואָס ס'איז געוואָרען פונ'ם מחותּנ'ס מתּנה, פונ'ם זייגער, דאַרפען באַשריבען ווערען חאָטש אין קורצען.

הערשעל איז געווען אַ בר־מצוה־יונגעל אַ ציקאַווער, אַ שענער, און אַ טשעפּקע בחור'על, דאָס הייסט, ער האָט ליעב געהאַט געהן ריין אָנגעטהאָן; נאָר קיין קאָפּ צום לערנען האָט ער ניט געהאַט, און קיין גרויסער וועלער איז ער אויך ניט געווען. פון דעסטוועגען, אַ טאַטענ'ס אַ קינד, נחום ראַבּינאָוויטש'עס אַ זוהנדעל — מע האָט איהם גערעדט די פיינסטע שידוכים, און ס'איז געקומען צו פאָהרען אַ שענער איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ מחותּן פון וואַסילקאָוו, נישט אַליין, נאָר מיט אַ פאַרהערער, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ געל בערדעל, אַ געראָטענער, אַ קענער, אַ בעל־תּנ"ך און אַ בעל־לשון־קודש, נאָר אַ ביסעל אַ נודניק, איין איינגעגעסענער, האָט ליעב אַריינקריכען יענעם אין די ביינער. צום אַלעם ערשטען האָט

דער פארהערער גענומען ארויסבאווייזן פאר די מחותנים, וואס ער קען. צוליעב דעם האט ער זיך א נעם געגעבען צום חתנ'ס רבין, אריינגעלאזט זיך מיט איהם אין א לאנגען דיספוט וועגען דקדוק. וואס דער רבי האט געזאגט, האט ער געזאגט פארקעהרט. דערנאך האט ער א חאפ געגעבען דעם רבין, דער רבי זאל איהם זאגען, פאר וואס שטעהט אין קהלת „זבובי מות יבאיש", מיט א לשון יחיד, און ניט „יבאישו", מיט א לשון רבים? דערויף האט איהם דער רבי געענטפערט: למאי שטעהט אין קהלת טאקי „וזכור את בוראיך", מיט א לשון רבים, ניט „וזכור את בוראך", מיט א לשון יחיד? דערנאך האט ער א חאפ געגעבען דעם רבין גאר מן הצד: „זאגט נאר, איך בעט אייך, וואו שטעהט „ויתהלכו מגוי אל גוי"?" דער רבי איז געווארען א ביסעל מטושטש, א ביסעל פארשעמט, און געענטפערט: „דאס איז פונ'ם דאווגען „הודו לה' קראו בשמו"... דער יונגערמאן האט זיך ניט בארוהיגט: „און וואו שטעהט „הודו לה' קראו בשמו"?" דער רבי איז געווארען נאך מעהר מטושטש און האט געענטפערט: „דאס דארף זיין מסתמא אין תהלים ערגיץ?"... דא האט דער געלער יונגערמאן אויסגעבראכען א געלעכטער: „האט קיין פאראיבעל ניט, רבי, דאס שטעהט נישט אין תהלים ערגיץ, דאס שטעהט איין מאל אין תהלים, און איין מאל, ניט דא געדאכט, ניט פאר אייך געדאכט, ניט פאר קיין שום אידען געדאכט, אין דברי־הימים"...

פאר'ן רבין איז דאס געווען א טוידטקלאפ. טראפענס שווייס זענען איהם ארויסגעטראטען אויפ'ן פנים. ער איז געווען א גע'הרג'עטער. „דער יונגערמאן איז א דרעהער!" — אזוי האט ער געזאגט צו די קינדער און געווישט זיך דעם שווייס מיט דער פאלע. — „טאמער טהוט ער א פארהער דעם חתן, איז דער חתן א פארפאלענער און דער שידוך איז אויס שידוך"... און אזוי ווי אין דעם שידוך איז געווען פאראינטערעסירט אויך ער, דער רבי טאקי, דאס הייסט, ניט אזוי אינ'ם שידוך, ווי אינ'ם שדכנות־געלט, איז ער געפאלען אויף איין עצה און האט אריינגערוימט א

סוד אויפ'ן אויהער דעם חתנ'ס ברודערעל, שלומ'ען, אז ער זאָל זיך פאַרקלויבען הינטער דער ברייטער פאַנירטער קאַנאַפּע, און אויף דער קאַנאַפּע האָט ער אוועקגעזעצט דעם חתן. דערנאָך האָבען זיך די מחותּנים אויסגעזעצט ארום דעם האַלבקיילעכיגען פאַנירטען טיש מיט די לאַפּעס, און דער געלער יונגערמאַנטשיק האָט אַ נעם געגעבען דעם חתן אויפ'ן ציִמבעל. אין דער זעלבער צייט האָט דעם חתנ'ס מאַמע געגרייט צום טיש, געשטעלט לעקאַך און בראָנפען, געוועו, אַפּנים, זיכער, אז דער עקזאַמען וועט אָפּלויפען גלאַט. „אַנו, זאָג נאָר, בחור'על, וואו שטעהט „לפּיד בוז לעשתּות שאַנן נכון למועדי רגל״?״ — „אין איוב!״ — האָט זיך געלאָזט הערען פון הינטער דער פאַנירטער קאַנאַפּע אַרויס. „אין איוב!״ — האָט דער חתן געזאָגט, ווי אַ מזיק, הויך אויפ'ן קול. „אמת, אין איוב. אַצינד ווייסט דו ניט, וואו געפינט זיך ערגיץ אין תּנ״ך נאָך אַ וואָרט פונ'ם שורש „לעשתּות״?״ — פרעגט ווייטער דער געלער פאַרהערער. „ביום ההוא אָבדו עשתּונותיו״, אין תּהלים!״ — פּישטשעט דער סופלער פון הינטער דער קאַנאַפּע, און דער חתן זאָגט איהם נאָך וואָרט אין וואָרט. „זעגען מיר מיט'ן תּנ״ך, הייסט דאָס, אַזוי גרויס ווי פאַרטיג. — זאָגט דער פאַרהערער און וואַרפט מיט די אויגען אויפ'ן טיש, וואו די קליינע חיה־אסתּר פאַרעט זיך ביי'ם לעקאַך און איינגעמאַכטס. — אַצינד וועלען מיר זיך אַריינ־טהון אַ ביסעל אין דקדוק אַריין. וואָס פאַר אַ פּועל איז אָבדו? וואָס פאַר אַ בנין? וואָס פאַר אַ גוף? וואָס פאַר אַ מספּר? און וואָס פאַר אַ זמן?״ האָט דער קליינער שלום אַרויסגעקוויטשעט שטילערהייט פון הינטער דער קאַנאַפּע אַרויס, און דער חתן האָט איהם נאָכגעזאָגט איטליכס וואָרט: „אָבדו איז אַ פּועל עומד, אַ בנין קל, אַ גוף נסתּר, אַ מספּר רבים און אַ זמן עבר, און עס וועט זיין: אָבדתּי, אָבדתּ, אָבדתּ, אָבד, אָבדה, אָבדנו, אבדתּם, אבדתּן״...

„נענוג, נענוג, נענוג!״ — האָט אויסגערופען דער פאַרהערער צופריעדען, געריבען די הענט און געקוקט אויפ'ן געגרייטען טיש,

און אויסגעדרעהט זיך צום שיינענדיגען מחותן פון כלה'ס צד, האט ער א זאג געגעבען: — „אייך קומט מזל־טוב. איהר זעהט דאך, דער יונג איז קלאר אומעטום, ווי א וואסער. וועלען מיר געהן, הייסט עס, צובייסען?"...

צי עס האבען געוואוסט פון דעם אנשטעל טאטע־מאמע אויך, אדער דאס האבען אפגעארבייט נאר דער רבי מיט'ן חתן אליין? און אפשר האט דער פארהערער אויך געוואוסט פון דעם פאקום? — דאס איז שווער צו זאגען. יעדענפאלס,ביידע צדדים זענען געווען צופריעדען, ביידע האבען זיך חלילה ניט אפגענארט...

אצינד געהען מיר אריבער צו דער געשיכטע מיט'ן זייגער. פארשטעהט זיך, אז באלד נאכ'ן פארהערען איז די מאמע גע־פאהרען אנקוקען די כלה. די כלה איז איהר געפעלען — זי איז א קלוגע; האט מען געפראוועט א קנס־מאל, געשריבען תנאים און געבראכען טעלער, און דער מחותן האט געקויפט דעם חתן א מתנה — א זילבערנעם זייגער. וויפיעל ס'איז פארהאן מינוטען אין א שעה, אזוי פיעל מאל האט דער חתן געקוקט אויפ'ן זייגער. א מצוה האט מען פארדיענט אינ'ם חתן, אז מע האט איהם גע־פרעגט, ווי האלט דער זייגער. און דער חתן האט געהיט דעם זייגער, ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג. פאר'ן שלאפען־געהן האט ער פאר'ן זייגער קיין ארט נישט געקאנט געפינען. שבת, פאר'ן געהן אין שוהל אריין, איז ער אויסגעווען מיט'ן זייגער אין אלע שיפלאדען און אין אלע קאמאדען; ער האט אלץ געציטערט, מע זאל חלילה נישט אוועק'גנב'ענען דעם זייגער...

ויהי היום, איינמאל פארגלוסט זיך דעם חתן, א טשעפקע בחור'על, אויספוצען דעם קאסטיום. געטראגען האט מען דעמאלט גוטען טריקא מיט א ווארסע, און אזא טריקא האט א טבע — ער נעמט אויף זיך פלעקען און שטויב גאנצע פודען. א שטעקעל האט דער חתן געטראגען א יאמשאווע, וואס בויגט זיך. האט ער דעם קאסטיום אויפגעהאנגען אין דרויסען אויפ'ן גאניק און מיט דעם יאמשאווע שטעקעל גענומען אויסקלאפען דעם שטויב פונ'ם

קאַסטיום, אָבער גוט, וויפיעל ס'איז נאָר געווען כּח, און אַז אין קעשענע פון'ם קאַסטיום ליגט דער זייגער — האָט ער אַקוראַט פאַרגעסען. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פון'ם זייגער איז געוואָרען אַ חורבן, אַ פּראַשעק פון שטיקלעך זילבער, פּאָרצעליי און גלאָז און אַ סך קליינע רעדעלעך. און דער חתן האָט אויפגעהויבען זיין קול און האָט זיך צעוויינט. עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום טרייסטען מיט קיין שום צוזאָגעכצען, אַז מע וועט איהם קויפען איין אַנדער זייגער — עס האָט אויסגעריסען אַ שטיק האַרץ!

דער בר־מצוה שלום האָט געקוקט אויף זיך אויך, ווי אויף אַט אַזאַ מין בחור. זיין אידעאַל איז געווען אין יענער צייט דריי זאַכען: אַ תּפילין־זעקעל, ווי ביי זיין ברודער הערשעל, אַ זייגער און אַ כּלה. די כּלה האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט ניט אַנדערש, ווי אינ'ם געשטאַלט פון אַ בת־מלכּה, איינע פון יענע יפהפיות, וואָס זיין חבר שמואליק דער יתום פלעגט זיך אַנדער־צעהלען פון זיי. זי איז איהם געווען אַזוי קלאָר, אַז ער האָט זי געזעהען אָפט אין חלום, און איינמאָל, באַלד נאָך דער בר־מצוה, האָט ער זי דערזעהען אויף דער וואָהר און — ער האָט זיך פאַר־ליעבט אין איהר, ווי עס ווערט באַשריבען אָט דאָ באַלד אין אַ באַזונדער קאַפּיטעל.

33

די ערשטע ליעבע

אזע בערנער די שולמית פון שיר־השירים. — חיים פרוכשטיין — א געפעהרליכער קאנקורענט. — סקריפענדיגע שטיוולעטען און פראנצויזיש. — פיעדעל־שפיעלען. — זיסע חלומות.

ווען זיי זאָלען נישט געווען זיך באגעגענען דערנאָך אין לעבען א סך מאָל, וואָלט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע זיכער געמיינט, אז די, וועלכע האָט איהם צו פערצעהן יאָהר געפלעפט, איז געווען נאָר א דמיון, א פאנטאזיע, א חלום. געהייסען האָט זי ראָזע, און ער האָט זי קיינמאָל נישט געזעהען, זי זאָל געהן אליין. שטענדיג מיט א חאליאסטרע „קאוואליערען", די פיינסטע אידישע בחורים, די רייכסטע יונגעלייט פון שטאָדט, און אמאָל אויך כריסטען, אָפיציערען. א רוסישער אָפיציער זאָל שפאציערען מיט א אידיש מיידעל — דאָס אליין איז געווען אזא סענסאציע, וואָס די שטאָדט האָט מיט דעם געקאָכט. און נישט א יעדעם מיידעל וואָלט זיך דאָס דערלויבט, און נישט א יעדען מיידעל וואָלט דאָס די שטאָדט מוחל געווען. נאָר ראָזע — זי מעג עס, איהר קאָן מען דאָס מוחל זיין, וואָרום זי איז ראָזע, וואָרום זי איז די איינציגע אין שטאָדט, וואָס שפיעלט פיאַנע, די איינציגע אין שטאָדט, וואָס רעדט פראנצויזיש, און רעדט הויך, און לאכט הויך —א קליינינקייט ראָזע? און דערצו איז זי א טאטענ'ס א קינד. איהר פאָטער איז איינער פון די רייכסטע און פאָרנעמסטע

אידען אין שטאָדט, אַ איד איין אריסטאָקראַט. אין דער יוגענט, זאָגט מען, איז ער געווען אַ גלות. איצט איז ער שוין אַלט און גרוי, האָט ער זיך פארלאָזט אַ באָרד, טראָגט ברילען, האָט קישעלעך אונטער די אויגען. די איינגענע קישעלעך אונטער די אויגען האָט געירש'ענט פון איהם זיין טעכטערל ראָזע, און זיי פּאַסען זיך איהר אַזוי צו איהרע שענע בלויע אויגען, און צו איהרע זיידענע אויסגעבויגענע ברעמען, און צו איהר אידיש־גריכיש נעזעל, און צו איהר קלאָר־ווייס געזיכט, און צו איהר קליינער, נאָר מאיעס־טעטיש גרויסאַרטיגער פיגור, וועלכע האָט געפּלעפּט דאָס האַרץ פונ'ם ציקאַווע פאַר'חלומ'טען חדר־יונגעל שלום נחום וועוויק'ס, וואָס האָט זיך דורך איין קוק פון איהרע שענע שולמית־אויגען פאַרליעבט אין דער דאָזיגער שולמית מיט'ן הייליגען פייער פון איין אומשולדיג בר־מצוה־יונגעל.

יאָ, שולמית. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר־השירים, פאַר־מאָגט אַזעלכע שענע געטליכע אויגען. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר־השירים, קאָן אַזוי זיס־ליעבליך און שטרענג־טיעף אריינ־דרינגען אייך אין דער נשמה אריין, ווען זי קוקט אויף אייך. און אַ קוק געגעבען האָט זי אויף שלומ'ען, קאָן איך אייך ערב זיין, מעהר ניט אַז איין מאָל, און אַז אַ סך — איז צוויי מאָל. אויך דאָס — פאַרבייגעהענדיג אין גאַס שבת בייטאָג מיט אַ גאַנצער חאַליאַסטרע „קאַוואַליערען”, צווישען וועלכע ס'איז געווען איינער אַ גליקליכער מיט'ן נאָמען חיים פּרוכשטיין. חיים איז יאָסי פּרוכשטיינ'ס אַ זוהנדעל, אַ בן־יחיד, אַ קורצפּיסיגער, זעהר אַ קורצפּיסיגער, נאָר מיט אַ לאַנגער נאָז, און אויף דער נאָז — רויטע ווייספּערלעך, און צייהן גרויסע, מורא'דיג גרויסע. נאָר אָנגעטהאָן איז ער, ווי דער גרעסטער פּראַנט. שטיוועלעטען לאַקירטע און סקריפּענדיגע אויף הויכע, זעהר הויכע אָפּצאַסען — בכדי ער זאָל אויסזעהען העכער. אַ זשילעט אַ ווייסע, ווי געפאַלענער שניי. די האָר פאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקוראַט אין מיטען און שטענדיג אָנגעשמירט מיט שמעקענדיגע פּאַרפּומען, וואָס לאָזען זיך הערען

אויף א מייל. אט דאס איז געווען דער גליקליכסטער פון אלע ראזע'ס קאוואליערען, און איהם האט די שטאדט געקרוינט פאר איהר התן. דערפאר געקרוינט, ווייל ער איז יאסי פרוכשטיינ'ס זוהן, און יאסי פרוכשטיין איז א נגיד, און א נגיד מיט א נגיד זענען גלייכע מחותנים. און אויסער דעם, איז ער דער איינציגער בחור אין פערעיאסלאוו, וואס רעדט פראנצויזיש; ער רעדט פראנצויזיש און זי רעדט פראנצויזיש — קאן דען זיין נאך מעהר גלייך, ווי דער דאזיגער שידוך? און נאך א זאך: זי שפיעלט פיאנע און ער שפיעלט פיעדעל, און אז דיביידע שפיעלען, מעג מען פארזעצען וואס מע האט און מע קאן שטעהן א גאנצע נאכט אונטער'ן פענסטער און הארכען. שלום איז גע־שטאנען ניט איין מאל ביי ראזען אונטער'ן אפענעם פענסטער זומער פארנאכט אין דרויסען און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימעלשע טענער, וואס די שענע ראזע האט מיט איהרע שענע פינגער ארויסגעצויגען פון דער גרויסער שווארצער גלאנצענדיגער פיאנע מיט די ווייסעביינדלעך, און צו די זיסע הימעלשע גע־זאנגען, וואס דער קורצפיסיגער חיים פרוכשטיין האט ארויסגעריסען פון די דינע סטרונעס פון זיין קליין בייכיג פיעדעלע — און אך! וואס ער האט איבערגעלעבט אין די מינוטען! ער האט געשעפט תענוג און געערגערט זיך, געבענטשט און געשאלטען צו גלייכער צייט. געשעפט תענוג פון דער שענער זעלטענער הימעלשער מוזיק, און געערגערט זיך, וואס ניט ער שפיעלט דאס מיט ראזען, נאר איין אנדערער. געבענטשט האט ער די הענט, וואס ציהען־ארויס אזעלכע זיסע הימעלשע טענער מיט אזעלכע זיסע מלאכים'שע געזאנגען פון טוידטע אינסטרומענטען, און געשאלטען דעם טאג, וואס ער איז געבוירען געווארען ביי נחום ראבינאוויטש, ניט ביי יאסי פרוכשטיין, און וואס חיים פרוכשטיין איז א נגיד'ס א זוהן, און ער, שלום, איז נעבאך אויף גרויסע צרות! ניט נאר קאן ער ניט אויספיהרען ביי זיין טאטע־מאמע לאקירטע שטיוועלען מיט סקריפקעס און אויף הויכע אפצאסען — זיינע שטיוועלעך, וואס

ער טראַכט, זענען אַפּגעפּאַהרען, די אַפּצאַסען אויסגעדרעהט, די פּאַדעשוועס אַפּגעריבען. און אז ער זאָל זאָגען, ער וויל לאַקירטע שטיוועלעטען, וועט מען איהם פרעגען: אויף וואָס? און אז ער זאָל זאָגען, אז ער וויל, זיינע שטיוועלעך זאָלען סקריפּען, וועט ער קריגען פּעטש...

אַך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער האָט איין אוצר! אָט א יענעם אוצר, וואָס זיין וואַראַנקאָווער חבר שמואליק דער יתום פלעגט איהם דערצעהלען ווענען דעם אזוי פיעל שענע מעשיות. נאָר בלאָטע! ס'איז נישטאָ קיין אוצר. דאָס הייסט, ס'איז דאָ, נאָר ס'איז שווער איהם צו געפינען — ער ליגט זעהר טיעף פאַר־באָרגען. און אז מע געפינט איהם שוין — אנטלויפט ער און באַהאַלט זיך נאָך טיעפער... און דער אומגליקליכער שלום האָט פאַרשאָלטען דעם טאָג, למאי ער איז געבוירען געוואָרען ביי די מיוחסים, ביי די ראַבינאָוויטשעס, ניט ביי די פרוכשטיינס. און ער האָט פיינט געקריגען מעהר פון אַלעמען אָט דעם קורצפיסיגען חיים פרוכשטיין מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווייספּערלעך, פיינט געקריגען בתכלית השנאה — דערפאַר, וואָס גאָט האָט איהם, דעם קורצפּיסיגען חיים, געבענטשט מיט אַלע דריי גוטע זאַכען: מיט סקריפּענדיגע שטיוועלעטען, מיט רעדען פראַנצויזיש און מיט שפּיעלען פּיעדעל.

און דער אומגליקליכער שלום האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען און געשוואָרען זיך ביי דער לבנה און ביי די שטערען דאָ אין דרויסען, און ביי די זיסע הימעלשע טענער און ביי די זיסע מלאָכים'שע געזאַנגען, וואָס גיסען זיך פון דאָרטען, פון אינווענינ, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך אויסלערנען שפּיעלען אויפ'ן פּיעדעל, אזוי ווי דער גליקליכער חיים פרוכשטיין, און אז ער וועט מיט זיין פּיעדעל־שפּיעלען פאַרשטעקען אין גאַרטעל צעהן אַזעלכע, ווי חיים פרוכשטיין, און רעדען פראַנצויזיש וועט ער זיך אויסלערנען, אזוי ווי חיים פרוכשטיין, און ער וועט מיט גאָט'ס הילף זיך אויסגלייכען מיט חיים פרוכשטיין, און ער וועט איהם

נאָך אפשר אריבעריאָגנען — און דעמאָלט ערשט וועט ער קומען צו איהר, צו ראָזען, גלייך אַהיים, און ער וועט איהר זאָגען מיט׳ן לשון פון שיר־השירים: „שובי שובי השולמית — קעהר זיך אוים צו מיר, שולמית, מיט׳ן פנים אויף איין ווײַלע און הער זיך איין, ווי אַזוי איך שפּיעל אויפ׳ן פיעדעל!“ און ער וועט געבען אַ פיהר מיט׳ן סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס, און שולמית־ראָזע וועט דאָס דערהערען, וועט זי שטוינען, און זי וועט איהם פרעגען: „פון וואַנען?“ — וועט ער איהר ענטפערען: „פון זיך אַליין“. און חיים פּרוכשטיין וועט שטעהן פון דער זייט און וועט גאַפען און וועט איהם, שלומ׳ען, מקנא זיין — וועט ער צוגעהן און וועט ווערען זאָגען ראָזען עפּיס אויף פראַנצויזיש, וועט שלום זיך אַריינ־מישען אין מיטען, איהם איבערהאַקען און וועט צו איהם זאָגען אויך אויף פראַנצויזיש: „היט זיך, רב חיים, מיט אייער לשון, וואָרום איך פאַרשטעה איטליכס וואָרט!“ וועט ער נאָך מעהר גאַפען, און שולמית־ראָזע וועט אַ פרעג טהון ביי שלומ׳ען: „דו רעדסט פראַנצויזיש אויך? פון וואַנען?“ — וועט איהר שלום זאָגען: „פון זיך אַליין“. דעמאָלט וועט שולמית־ראָזע אויפשטעהן און וועט נעמען שלומ׳ען פאַר אַ האַנט און וועט איהם זאָגען: „קום“. וועלען זיי געהן אין צווייען, ער מיט ראָזען, אויפ׳ן שפּאַציער איבער די פּעריאַסלאַווער „פּעשעכאָדען“ און וועלען רעדען ביידע אויף פראַנצויזיש, און די גאַנצע האַליאַסטרע קאַוואַ־ליערען, און דער קורצפּיסיגער חיים פּרוכשטיין בתוכם, וועלען זיי נאָכגעהן פון הינטען, און די גאַנצע שטאָדט וועט טייטלען מיט די פינגער: „ווער איז דאָס גליקליכע פּאָרעל?“ וועט מען זיי ענטפערען: „איהר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך ראָזע מיט איהר אויסדערוועהלטען!“ „ווער זשע איז איהר אויס־דערוועהלטער?“ „איהר אויסדערוועהלטער — דאָס איז דאָך דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ״ך און כתבא־רבה שלום נחום וועוויק׳ס, שלום ראַבינאָוויטש“... און שלום הערט דאָס אַלסדינג, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט ניט, און ער געהט ווייטער און ווייטער,

האנט ביי האנט, מיט דער שענער ראָזען, און ער זעהט איהרע שענע בלויע אויגען, ווי זיי קוקען אויף איהם און לאַכען. און ער פיהלט איהר קליין ווארעם הענטעל אין זיין האנט, און ער הערט, ווי דאָס הארץ ביי איהם קלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק. און די שטיוועלעך אונטער איהם האָבען ווי פון זיך אַליין אָנגעהויבען צו רעדען: „סקריפּ־סקריפּ, סקריפּ־סקריפּ". און דאָס איז שוין א וואונדער פאַר איהם אַליין. מילא, פּיעדעל־שפּיעלען און פראַנצויזיש־רעדען — דאָס האָט ער זיך אויסגעלערענט. אזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער קען. אָבער די שטיוועלעך — פון וואנען האָבען זיי גענומען דעם סקריפּ? אויך פון זיך אַליין? אָדער אפשר ווייזט זיך איהם אוים? און ער קוועטשט־קוועטשט מיט ביידע פיס, שטארק־שטארק, און ער חאפּט א שטורך פון זיין עלטערען ברודער, מיט וועלכען ער שלאָפט אין איין בעט: „וואָס דריגעסט דו מיט די פיס, ווי א לאָשעקעל?" און ער חאפּט זיך אויף — ניט שוין זשע איז דאָס געווען נאָר א חלום?... און ער הערט נישט אויף צו טראַכטען פונ'ם דאָזיגען חלום. און ער הערט נישט אויף צו חלומ'ען אויף דער וואָהר. און עס גיסען זיך צונויף ביי איהם דער חלום מיט דער וואָהר, די פאַנטאַזיע מיט דער ווירקליכקייט... און עס ציהט זיך אזוי — ער ווייסט נישט וויפיעל צייט, ביז עס קומט א גאַסט קיין פּערעיאַסלאַוו, א שרעקליכער גאַסט, איין אונטערגאַנג, איין עפּידעמיע. ווי איין אוראַגאַן וואַלגערט ער אום אַלסדינג מיט'ן פּנים אַראָפּ און מאַכט איין איבערקעהרעניש, א חורבן אין א סך הייזער, און אויך ביי נחום ראַבינאָוויטשען אין שטוב, און עס ווערט פאַרשוואונדען די שענע שולמית־ראָזע און זיין ליעבע צו דער שענער שולמית־ראָזע, ווי א חלום, ווי א פאַנטאַזיע, ווי א נעכטיגער טאָג...

דער גאַסט — דאָס איז געווען די חלירע.

34

די חלירע

די עפידעמיע. — די רייבערס. — די באבע מינדי קאמאנדעוועט. — זי רייסט קברים, זוכט זכות־אבות, ארבייט מיט די דאקטוירים. — דער מאמע׳ס טוידט. — דער פעטער פיני לאזט ניט וויינען — ס׳איז שבת.

אָנגעהויבען האָט זיך עס תחילת זומער, באַלד נאָך פסח, אַזוי ווי אויף קאַטאָוועסען; נאָר שפּעטער־צו, אַרום נאָך־שבועות, אַז ס׳זענען אויפגעקומען אויבסטען און גרינע אָגרעסען זענען געוואָרען וואָלוועל, בחצי־חנם, האָט זיך עס צעשפּיעלט שוין אויף דער אמת׳ען, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען לאָזען הערען אַלץ אָפטער און אָפטער די ווערטער: „אונטערגאַנג", „עפּידעמיע" און „חלירע". ביי׳ם וואָרט „חלירע", אַז ס׳איז אַרויסגערעדט געוואָרען, איז דאָס אַנדערש ניט אַרויסגערעדט געוואָרען נאָר מיט אַ שפּיי־אויס דערביי, און ס׳איז געפאַלען אַ מורא, אַ פּחד אויף דער שטאָדט.

פאַרשטעהט זיך, אַז דער פּחד איז געפאַלען נאָר אויף די גרויסע, אויף די עלטערע. פאַר קליינוואַרג איז דאָס, אדרבה, געווען אַ שטיקעל יום־טוב. מע האָט אָנגעהויבען אַכטונג געבען אויף זייער עסען און אויף זייער טרינקען, טאַפּען זיי אַלע אין דער פריה און אויף דער נאַכט ביי די קעפּלעך, זיך געהייסען באַווייזען די צונג, און סוף־כל־סוף — צעלאָזט די חדרים, ביז

נאָט וועט העלפען, דער אונטערגאַנג וועט אַוועק אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. דער אונטערגאַנג האָט אָבער ניט אַזוי גיך געוואָלט אַוועק, און די חלירע האָט געבושעוועט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

די שטאָדט האָט אָבער אויך ניט געשוויגען, געטהאָן אַלסדינג, און קודם כל זיך אַ נעם געגעבען צום „רייבען". ניך און געשווינד איז באַשאַפען געוואָרען אַ חברה „רייבערס". זייער עובדה איז געווען — קוים איז עמיצען געוואָרען „נישט־גוט", איז מען גע־קומען צו איהם, אַוועקגעלעגט און „געריבען". אַ סך מענטשען האָט מען טאַקי מיט אַט דעם רייבען אָפּגעראַטעוועט. צווישען די חברה „רייבערס" האָבען זיך פאַרשריבען די פיינסטע בעלי־בתים פון שטאָדט. די שטאָדט גופא איז איינגעטיילט געוואָרען אין „אוטשאַסטקעס", אויף יעדען „אוטשאַסטאָק" — באַזונדערע „רייבערס". דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ און מיט פאַרוואונדערונג, ווי אויף אמת'ע העלדען, גבורים. עס איז געווען צו זעהען, אַז זיי האָבען קיין ברעקעל מורא ניט, ניט פאַר דער חלירע, ניט פאַר'ן טוידט. איינס דאָס אַנדערע האָבען זיי זיך געשטאַרקט, געערעדט מיט אַ שמייכעל, בעטרונקען לחיים און געווינטשעוועט, „דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבען און די עפּידעמיע זאָל געשטילט ווערען"...

פאַרשטעהט זיך, אַז די ראַבינאָוויטשעס זענען אויך געווען צווישען די „רייבערס". יעדען אויפדערנאַכט, געקומען פון זיין „אוטשאַסטאָק", האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט צו דערצעהלען נייעס און נייעס: וויפיעל מאָל און וועמען מע האָט היינטיגען טאָג „געריבען". וועמען מע האָט „אָפּגעריבען", און וועמען ניט. אַלע זענען געשטאַנען אַרום איהם און געקוקט מיט דרך־ארץ און אויסגעהערט מיט נייגיעריגקייט און מיט שרעק די דאָזיגע נייעס. די קליינינשקע חיה־אסתר האָט געבראָכען די פינגער, און, קוקענדיג אויף איהר חאַליאַסטרע קינדער, האָט זי אַ זאָג געגעבען פאַר־בייגעהענדיג: „ער זאָל חאָטש ניט פאַרשלעפּען, חלילה, די חלירע

אין שטוב אריין״. דערויף האָט איהר נחום אָפּגעענטפערט מיט א שמייכעל, אז „די חלירע איז ניט אזא קרענק, וואָס מע פאַר־שלעפּט זי; ווענען ס׳איז באַשערט, טרעפט זי איהם אין דער היים״...

אפנים, אז דער קליינינשקער חיה־אסתּר איז עס באַשערט געוועו. איינמאָל, אין א שענעם פריהמאָרגען, איז זי אויפגע־שטאַנען און האָט דערצעהלט פאר דער שוויגער, פאר דער באָבע מינדי, וואָס פאר א מאָדנער חלום ס׳האָט זיך איהר גע׳חלום׳ט. ס׳האָט זיך איהר גע׳חלום׳ט, אז ס׳איז פרייטאָג־צו־נאכטס און זי בענטשט ליכט. פּלוצים קומט צו געהן פרומע־שרה סריבניטשקע, די וואָס איז ערשט יענע וואָך געשטאָרבען פון דער עפּידעמיע, און נעמט און טהוט א בלאָז — פו! — און פארלעשט איהר די בענטש־ליכט... אויסגעהערט דעם מאָדנעם חלום, האָט די באָבע מינדי זיך אויסגעלאכט און, געוויינטליך, „אויסגעלעגט״ איהר צו גוטען, נאָר געזעהען האָט מען, אז אויף ביידע ווייבער איז געלעגען א שרעק אויפ׳ן פּנים. דערנאָך האָט זיך די מאמע חיה־אסתּר צוגעלעגט, זיך געהייסען דערלאנגען א שפּיעגעל, א קוק געטהאָן אין שפּיעגעל אריין און א זאָג געגעבען צו דער באָבע מינדי: „שוויגער, ס׳איז שלעכט! טהוט א קוק אויף מיינע נעגעל״... אודאי האָט זי די שוויגער אויסגעלאכט און אויסגע׳בטל׳ט אלע בייזע וויסטע חלומות אויף די שונאים׳ס קעפּ, און שטילערהייט האָט זי צעשיקט די עלטערע קינדער, זיי זאָלען אויפזוכען און אראָפּברענגען דעם טאַטען, וואָס איז געוועזען דעמאָלט פארנומען אין זיין „אוטשאסטאָק״ מיט „רייבען״. און נישט געוואַרט אויפ׳ן טאַטען, האָט די באָבע מינדי פאררוקט גרויסע „טשאַוואונעס״ און טעפּ מיט וואסער אין אויווען אריין און אליין דערוויל גענומען ראַטעווען די קראַנקע. זי האָט געטהאָן אלסדינג, וואָס אין א מענטשענ׳ס כּח איז צו טהון, און האָט ניט פארגעסען אויך צו שיקען נאָכ׳ן דאָקטאָר קאָזאַטש־קאָווסקי, דער בעסטער דאָקטאָר אין שטאָדט. ער איז א כּריסט, א דיקער, מיט א רויט פּנים. אויף איהם, אויף דעם קאָזאַטש־

קאָווסקי דעם דאָקטאָר, זאָגען אידען מבינים, אז ער איז אזוי געזונט, אז ער וועט אמאָל שטאַרבען געהענדיג. און חאָטש דער דאָקטאָר קאָזאַטשקאָווסקי איז טאַקי דער בעסטער דאָקטאָר, פון דעסטוועגען האָט די באָבע מינדי אָראָפּגעבראַכט אויך יענקעל דעם רופא — ער איז אַ איד און מע קאָן זיך מיט איהם בעסער דורכשמועסען. יענקעל דער רופא איז טאַקי מעהר ניט ווי אַ רופא, נאָר אַ טענדעוועדענדע (אזא מין הענגקאָלנער) טראָגט ער, ווי אַ דאָקטאָר, און שרייבט רעצעפּטען, ווי אַ דאָקטאָר, און לייענט לאַטיין, ווי אַ דאָקטאָר, און געלט נעמט ער אויך, ווי אַ דאָקטאָר. דאָס הייסט, אז מע גיט איהם אין האַנט אריין אַ מטבע, נעמט ער צו די מטבע, כלומרשט ווי איבערגוואַלד, און טאַפּט אין קעשענע די מטבע, און טרעפט אַלע מאָל, וויפיעל דאָרטען איז. אַ סימן — טאָמער איז ווינציגליך, הייסט ער זיך געבען איין אנדער מטבע, נאָר איידעל, מיט אַ שמייכעל און מיט אַ גלעט די לאַנגע האָר און מיט אַ צורעכט־מאַכען די ברילען.

מיט איהם, מיט דעם יענקעל דעם רופא, האָט זיך די באָבע מינדי פאַרשלאָסען ביי זיך אין אַלקירעל, פריהער ארויסגעטריבען די קליינע קינדער אין דרויסען ארויס, און האָט זיך דאָרט מיט איהם לאַנג־לאַנג געשושקעט, ביז דער טאַטע איז געקומען. און אז דער טאַטע איז געקומען ניט טוידט ניט לעבעדיג, איז די באָבע מינדי אָנגעפאַלען אויף איהם, געגעבען איהם אַ מיאוס'ען פּסק, און ס'איז געווען אַ קאָמעדיע צו זעהען, ווי דער טאַטע פאַרענטפערט זיך פאַר איהר... אך! ווער עס האָט ניט געזעהען אין יענע טעג די באָבע מינדי, דער האָט קיין שענס ניט געזעהען. אַ אידינע אַ קאָמאַנדיר! אַ אידינע אַ פעלדמאַרשאַל! די זיידענע טונקעל־גרינע פעטשיילע מיט די זילבערנע עפּעל אויסגעמאָהלט, וואָס אויפ'ן קאָפּ, פאַרבונדען מיטביידע עקען אהינטער, די אַרבעל פון דעם וואָלענעם שאָקאָלאַדפאַרביגען קלייד פאַרקאַטשעט ארויף, דער שוואַרצער ריפּסענער פאַרטוך איפ'ן קלייד און די ריין־אויסגע־וואַשענע הענט האָבען צוגעגעבען איהר אַלט געקנייטשט שטרענג

פנים איין אויסזעהן — גלייך ווי זי וואלט געטארערעמעוועט אויף א חתונה, נישט ארום א געפעהרליך קראנקער שנור, וואס ליגט אויף הלירע און וואס בארעט זיך מיט'ן טוידט. עס האט אויסגעזעהען, אז ניט די מאמע חיה־אסתר בארעט זיך מיט'ן טוידט, נאר זי, די באבע מינדי, בארעט זיך פאר איהר, פיהרט א מלחמה מיט'ן מלאך־המות, וואס לאזט זיך שוין הערען מיט זיינע גרינגע שווארצע פליגלען. ער לאזט זיך הערען, נאר זעהען זעהט מען איהם נאך ניט. די קינדער ווייסען נאך ניט, וואס דא טהוט זיך, נאר זיי פיהלען מיט זייער אינסטינקט, אז דא קומט עפּיס פאר א גרויסע זאך, וואס איז נאך א סוד פאר זיי. אויף דער באבע מינדי'ס פנים לייענען זיי: „דער טוידט וויל צונעמען ביי די קינדער זייער מאמע, נאר איך וועל עס מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף נישט דערלאזען!“... און אז זי זאגט, זי וועט נישט דערלאזען, קאן מען איהר גלויבען. דער באבע מינדי מוז מען גלויבען! איינמאל, בעת דער דאקטאר קאזאטשקאווסקי איז געווען ביי דער קראנקער, וועלכע האט שוין געהאלטען, אפּנים, זעהר שמאל — דאס האט מען געקאנט זעהען נאכ'ן דאקטאר'ס רויט פּנים, וואס איז געווארען נאך רויטער, האט די באבע מינדי צונויפגערופען אלע קינדער, האט זיי אויסגעשטעלט אין דער רייהע איינציגווייז, פונ'ם עלטסטען (א בעל־הבית'על שוין מיט א בערדעל) ביז'ן קלענסטען (א מיידעלע פון קוים א יאהר), און אז דער דאקטאר קאזאטשקאווסקי איז ארויסגעגאנגען פון דער קראנקער'ס חדר, איז זי איהם געפאלען פאר די פיס, געקושט אין די הענט און צוגעפיהרט איהם צו דער חאליאסטרע: „נא זעה, פריץ־לעבען, וויפיעל יוערעם, וויפיעל יתומים די קראנקע לאזט איבער, טאמער חלילה, די שעה זאל ניט זיין! טאקי א יושר, האב רחמנות, פריץ־לעבען, אויף די דאזיגע ווערעם, אויף די אומשולדיגע שעפעלעך!“... מיר דאכט, אז אפילו א שטיין האט דאס געקאנט ריהרען. עס האט געריהרט אפילו דעם דאקטאר קאזאטשקאווסקי. ער האט צענומען מיט די

הענט: „וואָס קאָן ער טהון? ער טהוט אַלסדינג, וואָס ער קאָן. אָט וועמען מע באַדאַרף בעטען!“... און ער האָט אַ ווייז געגעבען מיט'ן פינגער אַרויף: צו גאָט, הייסט עס... נאָר אַ דאַנק פאַר דער עצה, פריץ־לעבען! צו גאָט באַדאַרף זי איהם ניט פאַר אַ מליץ־יושר! צו גאָט ווייסט זי שוין אַליין דעם וועג. זי איז שוין געוועזען אין שוהל. זי האָט זיך שוין פאַרזאָרגט מיט תהלים־זאָגער אויף אַ גאַנצען מעת־לעת. זי איז שוין געוועזען אויפ'ן הייליגען אָרט אויך, געריסען קברים, געוועקט זכות־אָבות. אַזאַ מאַמע, ווי איהר נחום'ס ווייב, באַדאַרף נישט לאָזען איהר זוהן איין אַלמן און די קינדער יתומים! אַזאַ צדיקית, ווי חיה־אסתר, טאָר ניט שטאַרבען! „ניין, גאָטעניו, דו ביזט אַ גוטער גאָט, דו וועסט דאָס נישט טהון!“...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפען קיין זאַך. גאָט איז טאַקי אַ גוטער גאָט, נאָר די קליינינקשקע חיה־אסתּר איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען. זי איז געשטאָרבען. שבת אין דער פריה איז דאָס געוועזען, דעמאָלט, ווען אידען זענען נאָך אין שוהל.

געשטאָרבען? — פאַר חברה קליינוואַרג איז דאָס געוועזען נאָכ'ן רבינ'ס טוידט (משה דעם שוחט'ס) דער צווייטער טוידט, וואָס זיי האָבען מעהר געפיהלט ווי פאַרשטאַנען — און עס האָט זיי וועה געטהאָן שטאַרק־שטאַרק! אמת, זייער מאַמע איז ניט געוועזען אַזאַ ווייכע, אַזאַ צוגעלאָזטע, ווי אַנדערע מאַמעס. אמת, מע פלעגט חאַפּען פון איהר אָפּטע פּעטש, סטוסאַקעס און בוכענצים — „קינדער זאָלען ניט זיין קיין נאַשערס און ניט וועלען נאָך! קינדער זאָלען ניט האָבען קיין טבע זיך פּלאָנטען פאַר די פיס! קינדער זאָלען ניט ליעב האָבען שטשירען די צייהן, ראַהאָטשען זיך!“ דאָס האָט באַדאַרפט הייסען, אַז קינדער זאָלען ניט לאַכען. און קינדער האָבען דוקא יאָ געלאַכט, ווארום ווי קאָן מען ניט לאַכען, אז עס לאַכט זיך? אַזאַ געלעכטער האָט זיי געקאָסט טייער. זיי האָבען באַצאָהלט מיט אָנגעריסענע אויהערען און מיט אויפגעלאָפענע באַקען פון דער

מאמע'ס קליינע, נאָר שטאַרקע הענטלעך, וואָס לאָזען זיך פיהלען... איצט אָבער האָבען דאָס קליינוואַרג פאַרגעסען. פאַרגעסען די פּעטש מיט די קולאַקעס מיט די סטוסאַקעס און פּאַטילעטשניקעס, און דערמאַנט זיך בעסער, ווי די מאַמע פלעגט אַריינלעגען די האַנט אין קעשענע זוכען פאַר יעדען קינד אַ גראָשען. ווי די מאַמע פלעגט זיי איינגעבען אַלע ראש־חודש ווערעמקרויט מיט האָניג. ווי די מאַמע פלעגט ניט אָפּטרעטען פון בעט, אַז אַ קינד האָט זיך אַוועקגעלעגט. ווי דער מאַמע'ס קליין הענטעל האָט געטאַפּט ביי'ם קאָפּ, געהאַלטען ביי'ם דופק, געגלעט די בעקלעך. ווי די מאַמע האָט גענייהט אַלע ערב יום־טוב מלבושים'לעך פאַר די קינדער. ווי די מאַמע פלעגט אַלע ערב שבת צוואַגען די קעפּלעך. ווי די מאַמע האָט געלאַכט פּסח ביי'ם סדר, אַז קינדער האָבען זיך אָנגע'שכור'ט פונ'ם ארבע־כוסות־וויין. און נאָך און נאָך זאַכען האָבען די קינדער דערמאַנט זיך, געלעגען יעדער באַזונדער איינגעגראָבען מיט די פּנים'ער אין די קישענס און צעגאַנגען געוואָרען פאַר געוויין... אָבער נאָך גרעסער און שטאַרקער איז געוואָרען דער געוויין, אַז זיי האָבען דערהערט דעם טאַטען וויינען — אַ טאַטע זאָל נאָר וויינען! — און אַז זיי האָבען דערהערט, ווי די באָבע מינדי יאָמערט און קלאָגט און לייענט מיט אַ ניגון, ווי פון אַ תחינה, טענה'ט זיך אויס מיט'ן רבונו־של־עולם: „פאַר וואָס האָט ער ניט צוגענומען בעסער זי, די באָבע מינדי, איידער אַזאַ יונג צווייגעלע, אַ מאַמע פון, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל ווערעם?"... דאָס פאַרגלייכען איהרס די קינדער צו ווערעם רופט־אַרויס ביי די קינדער אין דער דאָזיגער טרויעריגער מינוט נישט ווילענדיג אַ שמייכעל: וואָס עפּיס גראָד ווערעם? נאָר פּלוצים עפענט זיך די טיר און ווי אַ וויכער רייסט זיך אַריין אין שטוב אַריין דער פעטער פּיני מיט זיינע צוויי זיהן גלייך פון אַלטען בית־המדרש — דאַרטען דאַוונט דער פעטער פּיני — מיט אַ ברייטען גוט־שבת. דערזעהען, ווי דער עולם וויינט און קלאָגט און יאָמערט — אַז ער צעשרייט זיך ניט אויף אַ קול און צעבייזערט

זיך אויפ'ן טאַטען און אויף דער באָבע מינדי: „וואָס איז דאָס? אום שבת ווײנט איהר? רשעים! נזלנים! וואָס טהוט איהר עס? איהר זענט משוגע? צי חסר־דעה? צי איהר האָט פאַר־געסען, אַז מיר האָבען היינט שבת, און שבת טאָר מען ניט וויינען?! נחום, וואָס טהוסט דו? מע טאָר ניט — ס'איז שבת! וואָס ס'זאָל ניט זיין — איז שבת בילכער!"... און אַליין האָט זיך דער פעטער שוין אָפגעקערעוועט אויף אַ זייט, כּלומרשט אויסגעשנייצט די נאָז, מחילה, נאָר אין איינוועגס געחאַפּט אַ קוק מיט איין אויג אַהין, וואו די מאַמע ליגט איין איבערגעדעקטע מיט שווארצען. האָט ער אויסגעווישט אין דער ניך די אויגען, מע זאָל ניט זעהען, אַז ער ווײנט, חאָטש אין קול גופא האָבען זיך נעלאָזט הערען טרערען, און נערעדט האָט ער שוין אַ ביסעל ווייכער:

— פאָלג מיך, נחום! נענוג! דו נעמסט אויף זיך צופיעל!... נו, נענוג שוין! מע טאָר ניט — ס'איז שב...

דער פעטער פּיני האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדען דאָס וואָרט „שבת", וואָרום די טרערען, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט גע־שלונגען, האָבען זיך איהם אוועקגעשטעלט אין האַלז פאַפעריק. האָט ער נישט געקאָנט מעהר באַהערשען זיך, איז ער צוגעפאַלען צום טיש אויף דער לינקער האַנט, ווי מע פאַלט „תחנון", און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און אויסגערופען אויף אַ דין קול: „חיה־אסתּר! חיה־אסתּר!"...

35

די שבעה־זיצערס

דער טאטע קוקט־אריין אין ספר איוב. — מע רעדט איהם שידוכים. — די קינדער וועט מען אפשיקען קיין באהסלאוו צום זיידען משה־יאסי.

קיינמאל האט דער העלד פון די באשרייבונגען אזוי נישט נעבענקט נאכ'ן אוצר, וואס זיין חבר שמואליק האט איהם אמאל דערצעהלט, ווי אין דער צייט, ווען ער און דער טאטע און אלע זיינע ברידער און שוועסטער זענען געזעסען אין די זאקען אויף דער ערד „שבעה" נאך דער מאמען.

„ווען איך האב איצט איין אוצר — האט ער זיך געטראכט — אט יענעם אוצר, וואס ליגט דארט אינ'ם קליינעם שטעדטעלע באהאלטען, האטש נישט אינגאנצען, חאטש א טייל פון יענעם אוצר — אך, ווי וואלט עס מיר איצט צו־נוץ געקומען!... די באבע מינדי וואלט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאגען און צו אויס'טענה'ן זיך מיט'ן רבונו־של־עולם, איהם פירהאלטען, אז ער האט נישט גוט געטהאן, וואס ער האט צוגענומען פריהער די שנור, ניט זי, די שוויגער... דער טאטע וואלט אויפגעהערט צו זיפצען און קרעכצען און צו טענה'ן, צו וואס לעבט ער אויף דער וועלט און וואס איז ער אהן חיה־אסתר'ען?... און אויך זיי, די קינדער, וואו וואלטען זיי איצט געוועזען? געווים ערגיץ מיט אלע יונגלעך ביי'ם טייך, געשוואומען, געחאפט פישלעך, אדער גלאט געלאפען אין דער וועלט

אריין — אזא זון! אזא היץ! וואָלוועל ווײַנשעל, ווײַמפּערלעך בחצי־חנם, און גרינגע אוגערקעלעך, נאָך מיט די שפּיץ־נאָדלען, לאָזען זיך שוין הערען. אָט באַלד וועלען אויפקומען אויך דינים נעלע, שמעקענדיגע, און אַרבוזעס רויטע ווי פּייער, הירזשענדיגע ווי זאַמד, זיסע ווי צוקער, — אַך, איין אוצר! אַך, איין אוצר!״... און די געדאַנקען הויבען איהם אויף און טראָגען איהם אַוועק אין איין אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און חלומות, זיסע, גוטע חלומות. און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז ער האָט איהם שוין, דעם אוצר — פּלוצים האָט ער זיך איהם אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע טייערע זאַכען, סגולות און שטיינער, אַז ער האָט שוין דאָס גאָלד און זילבער און די האַלבע אימפּעריאַלען און די דימענטען און בריליאַנטען, און אַז דער טאַטע איז איבערראַשט: „פון וואַנען האָט זיך, שלום, פּלוצים גענומען צו דיר אַזאַ גוטס?״ „איך קאָן דיר ניט זאָגען, טאַטע, פון וואַנען, ווארום קוים זאָג איך דיר פון וואַנען, הויבט זיך עס אויף און עס ווערט פאַרשוואונדען״... און שלום פּיהלט זיך אויפ׳ן זיעבעטען הימעל, וואָס ס׳איז איהם גע־ראָטען אַרויסציהען דעם טאַטען פון דער נויט, און עס טהוט איהם נאָר באַנג, הארצעריג באַנג, וואָס די מאַמע נעבאַך איז נישטאָ דערביי. „נישט באַשערט! — זאָגט די באָבע מינדי. — אַלע איהרע יונגע יאָהרען איז זי נעבאַך אָפּגעקומען אויף דער וועלט צוליעב די קינדער, און איצט, אַז ס׳איז געקומען צום לעבען, זענען אויסגעגאַנגען די יאָהרען!״...

נאָר אָט דערהערט זיך אַ זיפץ פונ׳ם טאַטען: „גוואַלד, וואָס טהוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טהון?״ — און דער קליינער בעל־החלומות קעהרט זיך אום פון יענער גליקליכער וועלט פון פאַנטאַזיעס און חלומות צוריק אַהער, אין דער דאָזיגער וויסטער וועלט פון זאָרג און טרערען, וואו מענטשען רעדען פון מעהל אויף באַקען חלה, פון געלט אויף געהן אין מאַרק, פון אורחים, וואָס ווילען ניט פאָהרען, פון פּרנסה, וואָס איז „געשלאָגען״, — און די אַלע רעד ווערען צוגעדעקט מיט׳ן טאַטענ׳ס קרעכץ און מיט׳ן

מאטענ׳ס זיפץ: „גוואלד, וואס טהוט מען? וואס הויבט מען אן צו טהון?״...

— וואס הייסט, וואס טהוט מען? — פאלט אויף איהם אן דער פעטער פיני שוין אויפ׳ן לעצטען טאג שבעה. — וועסט טהון דאס, וואס אלע אידען טהוען — וועסט, אם ירצה השם, חתונה האבען...

חתונה האבען?... דער טאטע וועט חתונה האבען? מיר וועלען האבען א נייע מאמע? ווי אזוי וועט זי זיין?... — אזעלכע געדאנקען קריכען אין קאפ אריין. די קינדער קוקען אויפ׳ן טאטען, וואס וועט דער טאטע זאגען?... דער טאטע וויל ניט הערען, ניט זעהען. ער זאגט:

— חתונה האבען? איך זאל חתונה האבען? נאך אזא חיה־אסתר׳ען זאל איך געהן חתונה האבען? און דאס זאגסט דו, איין אייגענער ברודער? ווער נאך האט זי אזוי געקענט, ווי דו?...

עס שטיקען איהם די טרערען. ער קאן ניט רעדען מעהר. דער פעטער פיני ווישט אפ די ליפען, מאכט א שוויינ.

— צייט מנחה דאווגען. — זאגט דער פעטער פיני, און אלע שבעה־זיצערס, דער טאטע מיט די קינדער, שטעהען־אויף פון דער ערד, שטעלען זיך דאווגען מנחה, און אלע קינדער, זעכס בנים, צווישען זיי איינער א בעל־הבית׳על שוין מיט א געל בערדעל, אליהו הייסט ער, טהוען א קלאפ־אפ דעם קדיש — א מחיה צו הערען! די משפחה קוקט מיט גדלות אויף די „קדישים״, פרעמדע ווייבער זענען מקנא: „מיט אזעלכע קדישים נישט אנקומען גלייך אין גן־עדן אריין — איז שוין עס וועלט!״...

דאס זאגט א שטיקעל קרובה, בלומה רופט מען זי, א ראבעטיני אידינע, האט א מאן, איז ער א שטומער. זי האט אוועקגעווארפען איהר מאן מיט איהרע קינדער און איז געקומען העלפען עפים טהון — אין שטוב, אין קיך אדער ביי די קינדער. די קינדער קאנען זיך ניט באקלאגען, אז מע האט אן זיי פארגעסען. אדרבה, זינט די מאמע איז געשטארבען, זענען זיי געווארען ביי אלעמען

חשוב׳ער — יתומים! עס זענען געווען מאָמענטען, וואָס דאָס שבעה־זיצען איז ביי זיי געווען גאָר אַ גאַנצער יום־טוב. ערשטענס (און דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים!), מע געהט נים אין חדר. צווייטענס, מע גיט זיי זיסע טיי מיט בולקע, וואָס זיי זענען דערצו גאָרנים געוואוינט געוואָרען, און מע טאַפּט זיי ביי די קעפּלעך און ביי די בייכלעך און מע פרעגט זיך נאָך אויף זייערע מאָגענס. זיי האָבען שוין גאָר באַקומען „מאָגענס"! היינט וואָס איז ווערטה גלאַט זיצען אַלע מיט׳ן טאַטען אויף איין קאָלדרע, זעהען, ווי דער טאַטע קוקט־אַריין מיט זיין גרויסען נעקנייטשטען שטערן אין אַ ספר „איוב" אריין, הערען, ווי אידען און ווייבער קומען צו געהן, אַלע מאָל נייע פּארשוינען, מנחם־אָבל זיין, רעדען עפּים אַלע אַזעלכע מאָדנע דבורים, קומען־אַריין אָהן אַ גוט־מאָרגען, געהען־אַוועק אָהן אַ זייט־געזונט, בלינצלען עפּים אַזוי מאָדנע מיט די אויגען און מורמלען עפּים אונטער דער נאָז: „מ... מ... מ... ציון וירושלים!"...

פאַר׳ן קליינעם ווייסען־חברה׳ניק, פאַר שלום׳ען, זענען אָט די וויזיטען אַ גאַנצער אוצר פון טיפען און בילדער, וואָס איינס צום אַנדערען זענען נים גלייך און וואָס בעטען זיך אויפ׳ן פּאַפּיער. דער ערשטער קומט דער פעטער פּיני. נים אַליין, נאָר מיט זיינע צוויי אויבענדערמאַנטע זיהן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס — ישראליק און איצעל. דער פעטער פּיני פּארקאַטשעט די אַרבעל און רעדט. די זיהן שווייגען. דער פעטער פּיני רעדט פון אַ דין — ווען, אייגענטליך, עס דאַרפען זיך ענדיגען די זיעבען טעג שבעה: אין דער פריה, צי אויף דער נאַכט? ער שטעהט־אויף, זאָגט־צו, אַז ער וועט נאָך אַ קוק טהון ביי זיך אין אַ פּאָר ספרים, וועט ער וויסען אַקוראַט. דערוויייל געזעגענט ער זיך נים, זאָגט עפּים אויף דער גיך אינאיינעם מיט ביידע זיהן „ציון וירושלים" — און פּאַשאָל. נאָך איהם קומט די מוהמע חנה מיט איהרע טעכטער, הויבען־אויף אַ קוויטשעריי אויפ׳ן טאַטען: נענוג שוין! נענוג! ער זאָל אויפהערען וויינען אויף דער מאַמע, וואָרום ער וועט זי

לעבעדיג ניט מאַכען! פאַר'ן אוועקגעהן זאָגט זי, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערען, טהוט אַ שמעק טאַבעקע פון אַ קליין זילבערן פושקעלע און מאַכט אַ גוואַלד, מע זאָל עפענען האָטש איין פענ־סטער, וואָרום מע וועט דאָ דערוואָרגען ווערען, צו אַלדי גוטע יאָהר!... דערנאָך קומט די מוהמע טעמע, אַ אידינע אָהן צייהן, שאָקעלט אַ ביסעל מיט'ן קאָפּ, דאָס פּנים לאַכט, נאָר די אויגען וויינען. זי רעדט־אויס דאָס האַרץ, דערצעהלט אַ נייעס: אַז מיר'ן אַלע שטאַרבען...

דאָס איז משפחה. דערנאָך קומען פרעמדע. אַלערליי פאַר־שוינען, אַזעלכע, וואָס גלויבען שטאַרק אין גאָט און אין יענער וועלט, און אַזעלכע, וואָס האַלטען וויניציג־וואָס פון גאָט און פון יענער וועלט. למשל, „אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס" — דער מאַכט חוזק פון אַלסדינג. לית דין ולית דיין. סע שטעהט, זאָגט ער, בפירוש געשריבען: „ומותר האָדם מן הבהמה אָין" — קיין חילוק נישט צווישען אַ מענטשען און, להבדיל, אַ בהמה... אַ שרעק, וואָס דער אַרנאָלד צערעדט זיך אָן! על ה' ועל משיחו! און אַלסדינג קומט־אויס ביי איהם אַזוי קיילעכיג, אַזוי געשליפען! ער איז דער איינציגער, וואָס געהט־אוועק מיט אַ זיי־געזונט. אַ מענטש, וואָס גלויבט ניט אין קיין זאַך, איז דאָך ניט שייך! כּדאי צו וויסען, וואָס וועט זיין מיט אַזאַ אַרנאָלדען, ווען ער נעמט און טהוט אַ שטאַרב־אַוועק? „מיך מעגט איהר נעמען באַלד נאָך מיין טוידט און פאַרברענען אויפ'ן פייער און דאָס אַש צעשפּרייטען אויף אַלע זיעבען ימים — אַהרט מיך אויך ניט!"... אַזוי זאָגט אַרנאָלד און חאַפּט אַ מיאוס'ען פּסק פון דער באָבע מינדי: „לאָזען שוין, זאָגט זי, אייערע שונאים רעדען פאַר אייך!" און אַרנאָלד — ס'זאָל איהם ריהרען! ער לאַכט זיך אויס, געהט אַוועק, און עס קומט־אָן יאָסי פּרובשטיין מיט די גרויסע צייהן און בייזערט זיך אויפ'ן טאַטען, למאי ער וויינט אַזוי. „ער האָט זיך אויף איהם, זאָגט ער, אַזעלכעס ניט געריכט"... דאָדי יצחק־בינדור'ס זאָגט אויך דאָס אייגענע. ער שווערט ביי זיין הייליגע נאמנות, אַז ווען

ביי איהם טרעפט זיך אזא־נ־אומגליק, וואָלט ער, חאַ־חאַ, אריינ־
געוואָרפען אין מאיר־בעל־נס־פושקע... אז דאָדי געהט אוועק, ווערט
א נעלעכטער, וואָרום אלע ווייסען, אז דאָדי יצחק־בינדור׳ס האָט
א ווייב, הייסט זי פייגה־פערעל — איז דאָס א פייגה־פערעל פון
גאָט!... דאַנקען השם יתברך, וואָס מע קאָן שוין חאַטש געבען
א לאַך. דער טאַטע קוקט נאָך אַלץ אריין אין ספר „איוב”, נאָר
ער וויינט שוין ניט אזוי שטאַרק, ווי ער האָט געוויינט די ערשטע
טעג. און ער בייזערט זיך שוין ניט אויפ׳ן פעטער פיניו, למאי
ער וואַרפט־אריין א וואָרט וועגען חתונה האָבען. ער זיפצט נאָר,
און קרעכצט נאָר, און פרעגט: „וואָס טהוט מען מיט די קינדער?
מיט די קינדער וואָס טהוט מען?”

— מיט די קינדער וואָס טהוט מען? — ענטפערט איהם דער
פעטער פיני און גלעט זיך די באָרד. — די עלטערע וועלען זיך
לערנען, ווי זיי האָבען געלערענט; און די קלענערע וועסט דו
אָפשיקען צו זייער זיידען קיין באָהסלאַוו.

דאָס מיינט ער דעם זיידען משה־יאָסי מיט דער באָבע גיטעל
פון דער מאַמע׳ס צד, וועלכע די קינדער האָבען קיינמאָל נישט
געזעהען, נאָר געהערט דערצעהלען, אז ערגיץ ווייט, אין א שטאָדט
וואָס הייסט באָהסלאַוו, האָבען זיי א זיידען מיט א באָבען, וואָס
זענען, זאָגט מען, גאַנץ רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אהין, הייסט
עס, וויל מען זיי אוועקשיקען? זעהט איהר, דאָס איז דוקא א
פּלאַן! ערשטענס, דאָס פאָהרען — דאָס אליין וואָס איז ווערטה?
צווייטענס, זעהען א נייע שטאָדט. היינט באַקענען זיך מיט א
זיידען און מיט א באָבען, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט גע־
זעהען, — דאָס איז ביי אייך גאָרניט? עס בלייבט איבער נאָר
איין זאַך: וועמען רעכענט דאָס דער פעטער פיני צווישען די
„עלטערע” און וועמען צווישען די „קלענערע”? ס׳איז גאָר קיין
ספק ניט, אז א יונגעל, וואָס איז שוין בר־מצוה, ער מעג זיך האַלטען
מיט א קאָפּ נידעריגער פון א הונט, באַדאַרף גערעכענט ווערען
צווישען די „עלטערע” — און דאָס האָט דעם בר־מצוה־בחור׳על

אזוי ווייט פאראינטערעסירט, אז ער האָט שוין כמעט אָנגעהויבען צו פארגעסען אָן דער מאמע, נאָך וועלכער ער זאָגט אלע אין דער פריה און פארנאכט קדיש, אָן דעם טאטען, וואָס הערט נים אויף צו זיפצען און צו קרעכצען, אָן דעם אוצר, נאָך וועלכען עס בענקט זיך איהם אזוי שטארק. איהם האָט געצויגען איצט צו עפּים אנדערש: צו דער נסיעה, צו דער נייער גרויסער שטאָדט — קיין באָהסלאוו, צום זיידען משה־יאָסי מיט דער באָבע ניטעל פון דער מאמע׳ס צד, וואָס, מע זאָגט, זיי זענען אזוי רייך! אזוי רייך!...

36

ביי'ם דניעפּער

די נסיעה קיין באָהסלאַוו. — שמעון־וואָלף בעל־עגלה אַ שווייגער. — מע וואַרט אויפ'ן פּאָראָם. — דער בעל־עגלה האַפּט אַ מנחה ביי'ם ברעג טייך. — עס דאַווענט זיך געשמאַק.

איינמאָל — סוף זומער, פאַר ימים נוראים איז דאָס געווען — איז צוגעפאָהרען צום גאַניק אַ בויד, און מע האָט אויפגעזעצט די קלענערע קינדער, פּיער יונגלעך און צוויי מיידלעך, — שלום דער בר־מצוה־בחור'ל איז געווען צווישען זיי — מיטגעגעבען צו צוויי העמדלעך, עסענוואַרג אויף אַ פּאָר טאָג און אַ בריעף צום זיידען משה־יאָסי מיט דער באָבע גיטעל און אָנגעזאָגט זיי אַ מאָל צוואַנציג, זיי זאָלען זיין געהיט ביי'ם אריבערפאָהרען מיט'ן פּאָראָם איבער'ן דניעפּער.

פאָהרען איבער'ן דניעפּער — און נאָך מיט אַ פּאָראָם דערצו! קיינער פון זיי האָט קיין פּאָראָם קיינמאָל ניט געזעהען און ווייסט נאָר ניט, מיט וואָס מע עסט עס. נאָר מען איז זיך משער, אַז עס דאַרף זיין ניט שלעכט, און מע פאַרגעסט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען, און מע פאַרגעסט אַלסדינג, און מע קלערט נאָר וועגען דער נסיעה, וועגען דניעפּער, וועגען פּאָראָם. נאָר מע דערמאַנט זיי, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען. ס'איז דאָ אַ באָבע מינדי, וואָס זאָגט זיי אָן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, זיי זאָלען ניט פאַר־געסען און חלילה ניט דורכלאָזען זאָגען קדיש נאָך דער מאַמע, און זי גלעט זיי מיט קאַלטע גליטשיגע פינגער, און זי קושט זיי

אין די בעקלעך, און זי געזעגנט זיך מיט זיי אויף שטענדיג, אויף אייביג, וואָרום נאָט ווייסט, אויב זי וועט נאָך זוכה זיין מיט זיי זיך צו זעהען נאָך א מאָל... און אַזוי ווי דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט: אַז די קינדער זענען געקומען נאָכדעם צוריק אַהיים פון באָהסלאוו, איז שוין די באָבע מינדי געווען דאָרט, וואו די מאַמע זייערע — א קבר נעבען א קבר, — און דער טאַטע האָט געזאָגט קדיש נאָך זיין מאַמע אינאיינעם מיט די קינדער נאָך זייער מאַמע. דאָס איז געווען א יאָהר פון קדישים, דאָס יאָהר פון חלירע — אָהן א שיעור קדיש־זאָגערס! א גאַנצע שוהל האָט געזאָגט קדיש.

דער חילוק פון א מענטשען ביז א מענטשען! אויף וויפיעל מאיר־וועלוועל דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפיהרט די קינדער פון וואָראָנקאָ קיין פערעיאַסלאוו, איז געווען א מענטש א לעבעדיגער, א ריהרעוודיגער און א באַרעדעוודיגער, אויף אַזוי פיעל איז שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפיהרט די קינדער פון פערע־יאַסלאוו קיין באָהסלאוו, געווען א פאַרזאָרגטער, א פאַרשלאָפענער און א שווייגער — זאָל גאָט היטען! האָטש טעסעט אין איהם פלעקער, האָטש שיסט אין איהם מיט האַרמאַטען, וועט ער אייך קיין וואָרט ניט אַרויסלאָזען פונ׳ם מויל, אַחוץ: „קריכט אין וואָגען", אָדער: „אַרויסט פונ׳ם וואָגען". די קינדער זענען אויס־געגאַנגען צו וויסען: ווען וועט שוין זיין דער דניעפּער? ווען וועט מען איהם איבערפאָהרען מיט׳ן פּאַראָם? און וואָס הייסט עס „פּאַראָם"? נאָר געהט טהוט עפּיס — אַז א איד רעדט ניט! זיצט ווי א נאַפּודעלע אויף דער קעלני, שמייסט די פערדלעך, סמאַצקעט זיי צו מיט די גראָבע ליפּען, און פון צייט צו צייט הערט מען נאָר די איינציגע ווערטער: „ננאָ, חלירע, א חלירע אויף אייך!" אָדער: „ננאָ, פּגירות, א פּגירה אויף אייך!" און אַז ניט, שעפּטשעט ער עפּיס מיט די ליפּען צו זיך אַליין און זינגט

עפּיס שטיל אויף אַ דין קול'כעל. דאָס זאָגט ער תּהלים אויף אויסווענינ.

און אַזוי ווי מענטשען זענען פאַרהאַן אַלערליי, פאַרשיידענע כאַראַקטערען, אַזוי זענען, להבדיל, פערד אויך פאַרהאַן אַלערליי סאָרטען. די פערד פון שמעון־וואָלף דעם בעל־עגלה זענען שטאַרק נעראַטען אין זייער בעל־הבית: זיי זענען שלעפעריג און האָבען אַ טבע — זיי ניסען. אַ גאַנצען וועג ניסען זיי. ניסען און פאַרשקען און שמייסען מיט די עקען און שלעפען זיך, און שלעפען זיך. עס דאַכט זיך אויס, אַז מע שלעפּט זיך שוין אַזוי — מע האָט שוין כּמעט פאַרגעסען פון ווען אָן. און גאָט ווייסט, אויב מע וועט זיך אַמאָל דערשלעפען ערגיץ צו אַ ישוב. הימעל און ערד און זאַמד. זאַמד אָהן אַ שיעור. און טאָמער איז קאַרג, שטעלען זיך די פערדלעך גאָר אַנידער אין מיטען דרינען, שמעון־וואָלף קריכט־אַראָפּ פון וואָגען, לאָזט־אויס אויף זיין דין קול'כעל מיט אַ ניגון אויסגעצויגען: „אַש־ר־י כּל חו־סי בו"... דערנאָך טהוט ער אַ זאָג צו די קינדער: „אַרויסט פון וואָגען!" די קינדער קריכען־אַרויס פון בויד. וואָס וועט דאָ זיין? גאָרנישט. אַזוי ווי ס'איז זאַמדיג, איז פאַר די פערד צופיעל משא, וועט מען געהן אַ ביסעל צו־פוס. מילא, אויך אָהן אַיין אומגליק — צו־פוס איז צו־פוס. אדרבה, צו־פוס איז נאָך פרייליכער. נישמעהר — דאָס יונגסטע יתומה'לע, אַ יאָהר אַלט, וויל ניט בלייבען אַליין אין וואָגען. וויינט עס, מוז מען דאָס טראָגען אויף די הענט — איז שוין עפּיס ניט אַזוי פוינעלדיג. אַ גליק, וואָס דאָס ציהט זיך ניט אַזוי לאַנג. באַלד ווערט דער וועג ווידער אַ וועג, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה טהוט אַ זאָג צו די קינדער: „קריכט אין וואָגען". קלעטערט מען אַרויף צוריק אין בויד אַריין און מע גלייכט זיך אויס די ביינער. ביז עס קומט ווידער צו אַ טיעפען זומפּיגען זאַמד, איז ווידער: „אַרויסט פון וואָגען", און ווידער: „קריכט אין וואָגען". נאָר שאַט! וואָס גלאַנצט דאָס עפּיס דאָרטען פון דער ווייטען? וואָס בלישטשעט עס אַזוי ווי גלאָז און שיינט־אָפּ אויף

דער זון מיט א זילבערנעם קאליר, און שפילט און שעמערירט אין די אויגען ? אט דאס זאל זיין דער דניעפער ? ! חברה זיצען קוים איין אין וואגען. און דער וואגען, ווי אויף־צו־להכעים, נעהט פאוואלי, ווארום איידער מע קומט־צו צום דניעפער, באדארף מען דורכמאכען נאך א זאמד און נאך א זאמד, געל און געדיכט און טיעף, טיעף ביז די קניעס. פאוואלי, טריט ביי טריט, שלעפען זיך די פערדלעך, קוים וואס זיי רייסען־ארויס די פיס פון זאמד. טיעף שניידען די רעדער, און דער וואגען קרעכצט, און נעהענטער און נעהענטער באווייזט ער זיך, דער דניעפער, מיט זיין גאנצער ברייטקייט און שענקייט. יא, דאס איז ער, דער דניעפער. ער גלאנצט, שיינט־אפ אויף דער זון און שמייכעלט צו די יונגע אורחים, וואס זענען געקומען צו איהם דאס ערשטע מאל מקבל־פנים זיין דעם אלטען זקן. „שלום עליכם, וואס מאכסט דו, זיידע ?"...

א הויכער, גרינער, ערטערווייז פארגעלטער אטשערעט ביי'ם ברעג טייך, צעלאזט מיט די לאנגע, שארפע, שפיציגע בלעטער, וואס שפיגלען זיך אפ אין וואסער, גיט איהם צו, דעם אלטען, א באזונדערען חן. ס'איז שטיל.

לאנג און ברייט האט ער זיך צעווארפען, ווי א ים, אהין און אהער. און דאס וואסער לויפט ערגיץ, לויפט, נאר שטיל. וואוהין ? ס'א סוד. דער בלויער הימעל קוקט־אראפ פון אויבען און שפיגעלט זיך אפ אין וואסער אינאיינעם מיט דער זון, וואס האלט נאך ניט ביי'ם אונטערגעהן. ריין דער הימעל. ריין דאס וואסער. ריין דאס זאמד. ריין די לופט. און שטיל. א שטילקייט פון גאט. ברייט. א ברייטקייט פון גאט. און עס דערמאנט זיך פון תהלים: „למרחב־יה"... פררררר ! דאס איז ארויסגעפלויגען פון אטשערעט ארויס מיט א געשריי א פויגעל. דורכגעשניטען, ווי א פייל, די ריינע שטילע לופט, לאזט ער זיך מיט א זיג־זאג שוועבען ווייט־ווייט, נאר ער האט באלד חרטה, קעהרט זיך אום צוריק מיט א זיג־זאג און ווערט פארשוואונדען ווידער צוריק אינ'ם געל־גרינעם

אַמשערעט. עס נעמט אָן אַ חשק, ווי אַט דער פויגעל, אַרויספליהען פון וואָגען אַרויס, זיך לאָזען פליהען אויבען איבער׳ן וואַסער, אָדער, ווענינסטענס, זיך אויסטהון נאַקעט און אַריינשפּרינגען אין וואַסער אַריין, זיך פּאַליאָסקען און שווימען, שווימען, שווימען...

— אַרויסט פון וואָגען! — טהוט שמעון־וואָלף אַ קאָמאַנ־דעווע־אויס, קריכט אַליין אויך אַרויס פון וואָגען, פאַרשטעקט די בייטש אין גאַרטעל, טראָגט־צו ביידע הענט צום מויל, פאַררייסט דעם קאָפּ אַרויף און לאָזט־אַרויס אַ מאָדנע פאַרדומפּען קול, ווי פון אַ צעבראָכענעם פּאַס:

— פּאַראָ־אָ־אָ־אָם! פּאַראָ־אָ־אָ־אָם!

די משמעות, אַז דער פּאַראָם איז אַ לעבעדיגע זאַך, וואָס געפינט זיך ערגיץ דאָרט אויף יענער זייט, און מע באַדאַרף איהם אַרויסרופען. חברה קליינוואַרג, אַרויסגעקראָכען פון וואָגען און אויסגעגלייכט זיך די פאַרזעסענע פאַרגליווערטע איברים, שטעלען זיך אַוועק העלפען דעם בעל־עגלה אַרויסרופען דעם פּאַראָם, גלייך מיט איהם צוגעטראָגען די הענט צום מויל, פאַררייסען די קעפּ אַרויף און אויסגעשריגען מיט אַ קווויטש:

— פּאַראָ־אָ־אָם! פּאַראָ־אָ־אָם!

און עס פּאַלט־אָן אויף זיי אַ געלעכטער — זיי ווייסען ניט וואָס. עס לאַכט זיך זיי אָהן אַ שום „וואָרום״. עס לאַכט זיך זיי, ווייל ס׳איז זיי גוט, ווייל זיי זענען יונג און געזונט, און זיי געפינען זיך ביי׳ם דניעפּער, און זיי פּאָהרען באַלד אויף׳ן דניעפּער מיט׳ן פּאַראָם — ווער איז צו זיי גלייך?... נאָר אָט הויבט־אָן צו גע־זעגענען זיך די זון מיט׳ן טאָג. מיט איהרע לעצטע, נאָר שאַרפע, גינגאָלדענע שטראַהלען שפּיעגעלט זי זיך אָפּ אינ׳ם זילבערנעם וואַסער פונ׳ם דניעפּער — און מע הערט אויף צו לאַכען. עס לאַכט זיך ניט מעהר. צו שטיל איז אָט דאָ, ביי׳ם ברעג פונ׳ם דניעפּער. אַ הייליגע שטילקייט. און עפּיס קיהלבליך איז געוואָרען, און דאָס וואַסער שמעקט מיט אַ מאָדנעם ריח, און עס זשומעט, עס מורמעלט, עס לויפט... און דערצו האָט שמעון־וואָלף דער

בעל־עגלה ארומגעבונדען די קאפאטע מיט א פעטשיילע, ארייג־
געשטעקט די בייטש און אוועקגעשטעלט זיך מיט'ן פנים צו מזרח,
צוגעמאכט די אויגען, מעשה עהרליכער איד, צעשאקעלט זיך און
אויף זיין דין קול'כעל געגומען דאווגען מנחה. שמעון־וואלפ'ם
מנחה דא אין דרויסען, אונטער'ן פארפארבטען הימעל, ביי'ם ברעג
פונ'ם אלטען שענעם שמעקעדיגען דניעפער, האט זיך צונויפ־
געגאסען מיט'ן זשומען און מיט'ן מורמלען פונ'ם וואסער און
ארויסגערופען ביי די פרייליכע יונגע וואיאזשערען א נייע שטימונג.
עס פארגלוסט זיך זיי אויך דאווגען מנחה. דאס איז געוועז ביי
זיי, מע קאן זאגען, די ערשטע פרייוויליגע, נישט־גע־
צוואונגענע מנחה, אט אדא אונטער'ן הוילען הימעל, נאהענט צו
גאט. עס האט זיך זיי קיינמאל אזוי ניט געוואלט דאווגען, ווי
אצינד, אין דעם פארנאכט, אונטער דעם הימעל, אויפ'ן ברעג פון
אט דעם דניעפער. דורכגעלאזט די קטורת, — נישקשה, אין וועג
קאן מען זיך באגעהן אהן קטורת — האבען זיי אנגעהויבען גלייך
פון „אשרי יושבי ביתך" — פיינטשיק, מיט א ניגון, און אוועק־
געשטעלט זיך אלע פיער שמונה־עשרה מיט'ן פנים צו מזרח, צו־
געמאכט די אויגען און צעשאקעלט זיך, ווי דער בעל־עגלה: „האל
הגדול הגבור והנורא — דער גאט דער גרויסער, דער שטארקער,
דער מורא'דיגער"... דאס זעהט מען ערשט רעכט אט דא, אין
דעם פארנאכט, אונטער דעם הימעל, אויפ'ן ברעג פון דעם דניעפער.
און עס דאוועגט זיך אזוי גוט, אזוי זיס, אזוי געשמאק, ווי נאך
קיינמאל ניט פריהער!

37

אויפ'ן פּאַראַם

א אומגעריכטע באגעגעניש אויפ'ן פּאראם. — עשו, א קליין גויעצעל, א משומד. — זיי האבען זיך דערקענט. — צעגעהען זיך אהן ווערטער.

די קליינע וואַיאַזשערען־יתומים זענען נאָך ניט אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, אַז זיי האָבען דערזעהען פון דער ווייטען, אויפ'ן גלאַנץ פונ'ם דניעפּער, פריהער א שוואַרצען קנויל, וואָס באַקומט אויפ'ן שיין פון דער פאַרגעהענדיגער זון אַלע מאָל אַנדערע פאַרבען. דער דאָזיגער קנויל וואַכסט, ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, טוקט זיך, פאַרגעהט און באַווייזט זיך ווידער א מאָל. דערנאָך האָבען זיי דערהערט א מאָדנעם גערויש און א גערודער, א קייקלען זיך פון רעדלעך און א קרעכץ פון א שטריק. האָבען זיי געמאַכט בקיצור מיט דער מנחה, אויף דער גיך אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און צוגעלאָפען צום ברעג, דערזעהען א גראָבען קאַנאַט, וואָס ציהט זיך איבער דער ברייט פונ'ם דניעפּער, צוגעקרעמפּעוועט צו א קלאָץ פון דער זייט וואַסער. און דער קנויל איז געוואַכסען און איז אויסגעוואַכסען אין א מין הילצערנע מגושמ'דיגע בריאה, א מין באַשעפעניש אינ'ם געשטאַלט פון א שטוב, וואָס ריהרט זיך און שווימט אויפ'ן וואַסער. אויבען, אויפ'ן רוקען פונ'ם באַשעפעניש, געפינט זיך עפּיס א מין רעדעל, וואָס דרעהט זיך, און מיט'ן כח פון אָט דעם רעדעל ריהרט זיך אָט דאָס מגושמ'דיגע באַשעפעניש איבער'ן וואַסער, פּאַמעליכען, נאָר זיכער, און אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום ברעג, ביז מע קאָן שוין זעהען דאָס באַשעפעניש פון דער נאָהענט און באַטראַכטען עס פון אַלע זייטען,

אַז דאָס איז נים קיין באַשעפעניש, נים קיין לעבעדיגע זאַך, נאָר אַזאַ מין שיף, אַ באַרקע, אָדער אַ בערלינע, און אויף דער בערלינע שטעהען פוהרען, פערד און מענטשען — און אָט אַ דאָס איז געווען, איינענטליך, דער „פּאַראָם", וואָס חברה האָבען אויף איהם אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, און אָט אויף דעם פּאַראָם וועלען זיי דאָס איצטער זיך לאָזען פאָהרען, אַריבערפאָהרען דעם דניעפּער! איצט איז שוין אַ ביסעל גרינגער אויפ׳ן הארצען. איצט קאָן מען זיך שוין אַ ביסעל צוזעצען אויפ׳ן זאַמד און צוװאַרטען, ביז דער פּאַראָם וועט צוגעהן און זיך אָפּשטעלען. וואָרום נים אַזוי גיך געהט אַ פּאַראָם. ער געהט זעהר, זעהר פּאַוואָלינקע, קוים־קוים וואָס ער ריהרט זיך. די זון געהט שוין אַ סך ניכער פון איהם. אָט איז זי נאָר־וואָס געווען אין עק הימעל, און אָט נידערט זי, ווי באַרג־אַראָפּ, זעצט זיך און זינקט און ווערט פאַרשוואונדען אויף יענער זייט טייך, לאָזט איבער נאָך זיך אַ ברייטען, רויטען פלעק. דאָס ווינטעלע ווערט קיהלער און קיהלער. די קינדער האָבען זיך דערוייל אַוועקגעזעצט אין זאַמד. דער עלטערער האָט דאָס קלייניטשקע, וואָס איז אַ יאָהר אַלט, אויף די הענט גענומען; דאָס עופה׳לע איז געשלאָפען.

דער פּאַראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מענטשען מיט די פוהרען מיט די פערד זענען פּאַמעליכען, איינציגווייז און שטיל, אָהן ווערטער, אַראָפּ פון׳ם פּאַראָם, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה איז אַרויף אויפ׳ן פּאַראָם, אויך קיין איינציג וואָרט נים אַרויסגעלאָזט, גלייך ווי אַלע וואָלטען זיך אָנגערעדט, אַז ס׳איז „אָסור לדבר". פריהער האָט ער אַרויפגעפיהרט דעם וואָגען מיט די פערדלעך, אפילו נים אויסגעשאָלטען זיי, ווי זיין שטייגער איז, מיט דער חלירע. דערנאָך האָט ער אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנט צו זיינע יונגע פּאַרשוינדלעך, זיי זאָלען אויך אַרויף אויפ׳ן פּאַראָם. נאָך אַ מינוט — און דער פּאַראָם, מיט׳ן ווילען פון איין מענטשען, וואָס האָט זיך אָנגעלעהענט מיט׳ן גאַנצען כח איבער׳ן

גראָבען קאַנאַט, איז אַוועק זיין וועג גאַנץ שטיל, אַזוי שטיל, אַז במעט מע הערט נאָרניט, ווי ער גייט. עס דאַכט זיך אויס, אַז ניט דער פּאַראָם גייט אַהין, נאָר, פאַרקערט, דער טייך, דער דניעפּער, גייט צוריק, טרעט־אָפּ, מאַכט אַ „בואי־בשלום", שטייט־אויס שמונה־עשרה. און ערשט דאָ זעהט מען, ווי גרויס דער דניעפּער איז, ווי ברייט און ווי שיין, גרויסאַרטיג שיין. מע פאָהרט און מע פאָהרט — און מען איז נאָך ווייט פון'ם צווייטען ברעג.

די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען אויף יענער זייט טייך, און די לבנה איז אַרויס, פריהער אַ רויטע, דערנאָך איז זי געוואָרען ווייס, אַ העל־ווייסע, אַ זילבערנע לבנה. איינציגוויי, ווי שבת־ליכטלעך, האָבען זיך אָנגעצונדען די שטערען אינ'ם טיפען הימעל, און דער דניעפּער האָט אין אָוועגט באַקומען איין אַנדער פאַרב מיט איין אַנדער פּנים, מיט איין אַנדער געשטאַלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך איינגעהילט אין אַ טונקעל מלבוש. און אַ נייע, פרישע, שטילע קיהלקייט האָט ער אַרויסגעגעבען פון זיך, אַ גלאַטע, גרינגע קיהלקייט. עס האָט זיך געטראַכט טויזענטער, טויזענטער מחשבות: פון דער נאַכט, פון'ם הימעל, פון די שטערען, וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אינ'ם וואַסער פון'ם רוהיגען דניעפּער. די דאָזיגע שטערען זענען דאָך יעדעס שטערענדעל אַ נשמה פון אַ מענטשען... און פון'ם כח פון'ם פּאַראָם האָט זיך געטראַכט, ווי אַזוי איין מענטש, סך־הכל איין גויעץ, טרייבט איהם. ער לעהענט זיך אָן מיט איין האַנט אויפ'ן קאַנאַט, ציהט דעם קאַנאַט, דרעהט זיך דאָס רעדעל — און דער פּאַראָם גייט.

שלום איז אַ בעלן אָנצוקוקען דעם גויעץ פון דער נאָהענט, ווי אַזוי ער אַרבייט ביי'ם קאַנאַט און טרייבט דעם פּאַראָם. און ער גייט־צו נאָהענט צום גויעץ, צום פּאַראָמשטשיק. נאָך גאָר אַ יונגער גויעץ אין אַ גרויער סוויטקע, גרויסע שטיוואַלעס, און מיט אַ קוטשמע אויפ'ן קאָפּ, הערט נישט אויף מיט'ן גאַנצען כח זיך אָנצושפּאַרען אויפ'ן מורא'דיגען גראָבען קאַנאַט. שלום קוקט זיך איין אינ'ם דאָזיגען פּאַראָמשטשיק דעם גויעץ, ווי ער אַרבייט

דאָס אויף אַלע כּלים, מאַכט מיט דער פּלייצע אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַזש די ביינער טרישטשען! „עשו — טראַכט זיך שלום ביי זיך אין הארצען — עשו!... דאָס קאָן גאָר אַ גוי, נישט קיין איד. ווי קומט אַ איד צו אַזאַ גראָבער אַרבייט? ואת אחיך תעבוד — און דיין ברודער וועסט דו דיענען, — שטעהט אין חומש. גאַנץ גוט, וואָס איך בין יעקב'ס אייניקעל, ניט עשו'ס"...

און עס טהוט איהם וועה דאָס הארץ פון דעסטוועגען אויפ'ן דאָזיגען יונגען גויעץ, אויפ'ן דאָזיגען עשו'ס אייניקעל: נאָך צו אַ יונגער פּאַראָמשטשיק, צו אַ יונגער עשו... און ער קוקט זיך איין אין איהם אין פּנים אַ ביסעל נעהענטער — און... ער שפּרינגט־אָפּ צוריק! עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער איז איהם קענטליך. קענטליכע אויגען!... און שלום פוילט זיך ניט, געהט־צו נאָך אַ מאָל, שוין גאָר נאָהענט, צום גויעץ: ס'איז גאָרניט קיין גויעץ — ס'איז נאָך גאָר אַ יונגער שייגעץ, מיט אַ מורא'דיג פאַרשוואַרצט, פאַרגרעבט פּנים, מיט מורא'דיג פאַרשוואַרצטע, פאַרגרעבטע הענט. אויגען — אידישע, און הענט גויישע... און ער דערמאָנט זיך אינ'ם פּסוק: „והידים ידי עשו" — עשו'ס הענט... נאָר למאי איז ער איהם אַזוי קענטליך? וואו האָט ער איהם געזעהען?...

און ער הויבט זיך אָן צו גראָבען אין זיינע זכרונות, און עס קומט איהם אויפ'ן זינען איינער פון זיינע וואָראָנקאָווער חברים, בערעל דער אַלמנה'ס, אַ שוואַרצער בחור מיט מגושם'דיגע גרויסע ציינער. ניט שוין זשע איז דאָס ער? ניין, עס קאָן ניט זיין! עס דאַכט זיך איהם נאָר אויס!... נאָר, רבונו־של־עולם! ס'איז דאָך פאָרט ער!... דאָס גויעצעל, דערזעהען, אַז מע קוקט זיך אין איהם איין, האָט נאָך מעהר אָנגערוקט דאָס היטעל, נאָר מן הצד געחאַפּט אַ קוק אויף דעם, וואָס באַטראַכט איהם אַזוי געשמאַק. זייערע אויגען האָבען זיך באַגעגנט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און — זיי האָבען זיך דערקענט...

דאָס דאָזיגע אומגעריכטע באַגעגעניש רופט־אַרויס אַ שלל מיט געדאַנקען: בערעל אַ גוי? אַ איד אַ גוי?... און ער דערמאַנט זיך, אַז מע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט געזאָגט, אַז בערעל האָט זיך גע'שמד'ט... ניט אומזיסט האָט מען נאָך דעמאָלט גע־זאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ „מומר־להכעיס"... צוגעהן צו איהם, לאָזען זיך דערקענען, אויספרעגען זיך ביי איהם — דער־לאָזט איהם עפּיס ניט, שלום'ען. עס פיהלט זיך אַ פּרעמדקייט, אַ דערווייטערטקייט, אַ קעלט און צו גלייכער צייט — אַ רחמנות. אַ רחמנות אויף אַ אידען, וואָס איז געוואָרען אַ גוי. צוליעב וואָס? צוליעב דעם, ער זאָל אָנטהון אַ גרויע סוויטקע, אַ גרויס מאַכנאַטע היטעל און ווערען אַ העלפער ביי'ם פּאַראָמשטשיק, אַ באַטראַק?... און דער „באַטראַק" — גאַרנישט! ער זאָל אפילו אַ ריהר טהון זיך. אפנים, ער קאָן ניט קוקען זיין חבר אין די אויגען אריין... ער קוקט אַראָפּ, אין וואַסער אריין, גלייך ווי מע זעהט עפּיס דאָרטען. בערעל דער גויעץ האָט זיך נאָך מעהר איינגעהילט אין דער סוויטקע, נאָך מעהר אָנגערוקט דאָס היטעל, באַשפּיגען ביידע הענט און אַ נעם געגעבען זיך צו דער אַרבייט נאָך מיט מעהר פרישקייט, אָנגעלעהענט זיך מיט אַלע כחות אויפ'ן מורא'דיג גראָבען קאַנאַט. דער קאַנאַט האָט געקרעכצט. די רעדלעך האָבען זיך געקויקעלט. דער פּאַראָם האָט זיך געגליטשט אַלץ ווייטער און ווייטער — מע איז געקומען צו פאָהרען.

— קריכט אין וואָגען! — האָט דער שווייגענדיגער בעל־עגלה אויסגעקאָמאַנדעוועט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַרויסגע־קויקעלט מיט'ן וואָגען פונ'ם פּאַראָם, געגעבען אַ שמייס די פערד־לעך, מכבד געווען זיי מיט די ווערטער „חלירע" און „פּגירות" — און איז אַוועק, איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם דניעפּער מיט'ן פּאַראָם מיט'ן באַטראַק פונ'ם פּאַראָמשטשיק, וואָס איז נעבאַך געווען אַמאָל אַ אידיש קינד, יעקב אָבינו'ס איין אייניקעל. און היינט וואָס? נעבאַך! נעבאַך!...

38

אין באָהסלאַוו אויף דער „טאַרהאָוויצע"

אנגעקומען קיין באָהסלאַוו גלייך אויפ׳ן יאריד. — זיי ווייסען ניט, וואָסער משה־יאַסי איז זייער זיידע. — אַ איד מיט אַ טלית־קטן נעמט זיך אונטער ברענגען די קינדער צום זיידען.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אַז די קליינע וואַיאַ־זשערען־יתומים זענען אריינגעפאָהרען מיעדע, הונגעריגע און שלעפעריגע אין דער שטאָדט באָהסלאַוו. פון יענער זייט וואלד האָט זיך אויפגעהויבען די זון, אַ קלאָרע, אַ ברילאַנטענע, אַ ווארעמע זון. צום אַלעם ערשטען זענען זיי דורכגעפאָהרען פאַרביי אַ מורא׳דיג גרויסען בית־עולם, מיט אַזוי פיעל איינגעבויגענע, האַלב־איינגעפאַלענע שטיבלעך און אַלטע מצבות מיט אָפּגעריבענע אותיות „ת. נ. צ. ב. ה.", אַז לויט דעם רייכען בית־עולם האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די שטאָדט איז מי יודע וואָס פאַר אַ כרך! פונ׳ם בית־עולם איז מען אריין גלייך אין דער „טאַרהאָוויצע" — אַ מארק אָדער אַ מין יאריד אַזעלכער, וואו אַלץ איז אויסגעמישט אינאיינעם: גויים, און פערד, און בהמות, און חזירים, און ציגיינער, און וועגען, און רעדער, און האָמאָטעס, און אידען פון כל המינים: אידען מיט פעלכלעך, אידען מיט היטלען, אידען מיט „קראַסנע" סחורה, אידען מיט בולקעס, מיט אייערבייגעל, מיט קיכלעך, מיט עפּעלקוואַס און מיט וואָס איהר ווילט. היינט ווייבער! ווייבער מיט קאָשיקעס, ווייבער מיט עפּעלעך, און ווייבער מיט עופות, און ווייבער מיט נעפּרעגעלטע פיש, און גלאַט ווייבער. און דאָס אַלץ

רעדט און קוויטשעט און נראַגערט. און די פערד מיט די בהמות מיט די חזירים העלפען־אונטער. און די בעטלערס זינגען און שפּיעלען אויף דער לירע — מע קאָן טויב ווערען. און אַ שטויב שטעהט אַזעלכער, וואָס מע זעהט קוים איינס דאָס אַנדערע. און ריחות אַזעלכע, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערען.

חברה זענען געקומען אין אַ גוטער צייט — אין אַ מאַרק־טאָג. דער בעל־עגלה האָט זיך קוים דורכגעשלאָגען מיט זיין בויד דורכ'ן יאַריד, אָנגעווינטשעוועט דער שטאָדט מיט'ן יאַריד אַכצעהן חלירעס, ווי זיין שטייגער איז, ביז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער רעכטער שטאָדט אַריין, וואָס האַפּט שטאַרק דעם אָנבליק פונ'ם בית־עולם — די זעלבע איינגעפאַלענע שטיבלעך־מצבות, צווישען וועלכע עס וואַרפען זיך דורך וואו־ניט־וואו אַ פּאָר נייע הייזלעך אויך, וואָס זעהען־אויס פּרעמד, ווי נגיד'ישע מחותנים איינגעלאַדען אויף איין אָרעמער חתונה, — און דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דער אמת'ער טומעל: שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה האָט געוואוסט, אַז מע האָט איהם באַשטעלט, ער זאָל אָפּפיהרען זיינע יונגע פאַרשווינדלעך קיין באָהסלאַוו, צו זייערען אַ זיידען מיט אַ באָבע. מע האָט איהם אפילו געהאָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דעם זיידען מיט דער באָבע, נאָר ער האָט שוין פאַרגעסען. ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָהר! שמעון־וואָלף האָט זיך געשוואוירען, אַז דעם גאַנצען וועג האָט ער זיי געדענקט, ווי איהר זעהט איהם אַ אידען, און ווי נאָר ער איז אַריינגעפאָהרען אין דעם דאָזיגען יאַריד, אַזוי זענען זייערע נעמען אַרויסגעפלויגען ביי איהם פונ'ם קאָפּ — אַ חלירע!... (אויף וועמען — זאָגט ער ניט).

דערווייל קומט־צו אַ איד, און נאָך אַ איד, און נאָך אַ איד, און נאָך צוויי אידען, און נאָך דריי אידען, און ווייבער פון כל המינים, ווייבער מיט קאָשיקעס און ווייבער אָהן קאָשיקעס, און עס ווערט אַ האַרמידער מיט אַ רעדעריי — אַלע רעדען זיי אינ־איינעם און מע דערצעהלט איינס דאָס אַנדערע חידושים: אַז עפּיס קינדער האָט אַ בעל־עגלה געבראַכט צו פיהרען. — פון

וואַנען? — פון יענער זייט דניעפּער. — פון רזשישטשעוו? — וואָס עפּים רזשישטשעוו? פאַר וואָס ניט קאַניעוו? — ניט פון רזשישטשעוו, ניט פון קאַניעוו, נאָר פון פּערעיאַסלאַוו! — וואוהין? — איהר זעהט דאָך וואוהין — ניט קיין יעהופּעץ, קיין באָהסלאַוו האָט ער זיי געבראַכט צו פיהרען. — צו וועמען? — הערסט דו, מע זאָל וויסען, צו וועמען, וואָלט דאָך גוט געווען! צו אַ זיידען, זאָגט ער, צו זייערען אַ זיידען. — וואָסער זיידען? — הערסט דו, מע זאָל וויסען, צו וואָסער זיידען, וואָלט דאָך גוט געווען!...

— שאַט! ווייסט איהר וואָס? לאָז מען אַ פרעג טהון ביי די קינדער, ווי אַזוי הייסט דער זיידע זייערער; זיי קעהרען וויסען. — פון וואַנען זאָלען זיי וויסען? — פאַר וואָס זאָלען זיי ניט וויסען?... ביז עס רוקט זיך אַרוים איינער אַ איד, וואָס פאַרקויפט בייגעל, מיט אַ צעשפּאַלטענעם דאַשעק אויפ׳ן קאַשקעט. מיט ביידע עלענבויגענס שטופּט ער פאַנאַנדער דעם עולם:

— לאָזט מיך! איך וועל זיי פרעגען. קינדער! ווי אַזוי רופט מען אייער זיידען?

די קינדער זענען פונ׳ם האַרמידער מיט׳ן געשריי שוין גאָר צעטומעלט. נאָר פון דעסטוועגען דערמאַנען זיי זיך, אַז ער הייסט משה־יאָסי. יאָ, משה־יאָסי הייסט ער. — געוויס משה־יאָסי? — געוויס!... ווייסט מען שוין, הייסט עס, אַז דער זיידע זייערער הייסט משה־יאָסי. בלייבט איבער איין זאַך: וואָסער משה־יאָסי? פאַרהאַן עטליכע משה־יאָסיס. פאַרהאַן משה־יאָסי דער סטאָליר, משה־יאָסי דער בלעכער, משה־יאָסי לאַה־דוואָסי׳ס און משה־יאָסי דעם האַמאַרניק׳ס. נאָר פרעגט זיי עפּים גרינגערס!

— שאַ, ווייסט איהר וואָס? ווי אַזוי רופט מען אייער טאַטען? — דאָס זאָגט שוין איין אַנדער איד, ניט יענער פון די בייגעל, נאָר אַ איד מיט אַ טלית־קטן, ווייזט אוים — אַ בית־מדרש־איד. די קינדער זאָגען, אַז זייער טאַטען רופט מען נחום. דערהערט אַזאַ זאַך, שטופּט דער איד מיט׳ן טלית־קטן אַוועק אַלע

אנדערע אידען און נעמט די קינדער גאָר אויף איין אמת'ען „דאפראָס״:

— אייער טאַטען, זאָגט איהר, רופט מען נחום? הייסט ער ניט ראַבינאָוויטש?

— ראַבינאָוויטש.

— און אייער מאַמע האָט געהייסען חיה־אסתּר?

— חיה־אסתּר.

— איז זי געשטאָרבען?

— געשטאָרבען.

— פון דער חלירע?

— פון דער חלירע.

— אָט אזוי זשע רעדט!

דער איד מיט'ן טלית־קטן דרעהט זיך אוים צום גאַנצען עולם. דאָס פּנים שיינט איהם.

— אויב אזוי, פרעגט מיך, איך וועל אייך זאָגען אַקוראַט! זייער זיידע איז משה־יאָסי דעם האַמארניק'ס, זייער באָבע איז ניטעל משה־יאָסי דעם האַמארניק'ס. זייער זיידע, משה־יאָסי הייסט עס, ווייסט שוין, אַז זיין טאָכטער חיה־אסתּר איז געשטאָרבען פון דער חלירע, ניט דאָ געדאַכט, און זייער באָבע, ניטעל משה־יאָסי'ס, ווייסט נאָך ניט. מע וויל איהר ניט אָנזאָגען די בשורה: איין אַלטע אידינע, אַ קאַליקע נעבאַך...

דער איד מיט'ן טלית־קטן דרעהט זיך אוים צו די קינדער מיט'ן זעלבען שיינענדיגען פּנים:

— קריכט אַראָפּ, קינדער, פון וואָגען, וועט מען אייך וועיזען, וואו אייער זיידע זיצט. צופאָהרען אהין קאָן מען ניט — צו אַ שמאָל געסעל. סיידען פון יענער זייט? וועט מען אָבער נישט קאָנען אויסקערעווען זיך מיט'ן וואָגען. ווי מיינסט דו, מאָטעל, מע וועט קאָנען?...

דאָס איז געזאָגט געוואָרען צו א יונגענמאַן מיט איין אויס־נעבוינענער נאָז, וואָס הייסט מאָטעל. מאָטעל פאַררוקט דאָס היטעל ארויף:

— פאַר וואָס זאָל מען ניט קאָנען?

— פאַר וואָס? פאַר שבת! האָסט פאַרגעסען, אז הערשקע איצי־ליאָבע'ס בויעט א שטאָל פון יענער זייט?

מאָטעל טהוט זיך ניט קיין ריהר און פרעגט ווייטער:

— און אז ער בויעט א שטאָל פון יענער זייט, איז וואָס?

— וואָס הייסט איז וואָס? האָט ער אָנגעפיהרט געהילץ!

— אָנגעפיהרט געהילץ? לאָז איהם וואויל באַקומען!...

— וואָס איז צו רעדען מיט א שטיק האָלץ?!...

און וואָס מעהר מאָטעל איז רוהיג, היצט זיך יענער אלץ מעהר, ביז ער נעהמט־ארוים פון די כלים, טהוט א שפּיי אויף מאָטלען, רופט איהם אָן מיט'ן נאָמען „שוטה בן פּיקהאָלץ”. ער נעמט די קינדער פאַר א האַנט: „קומט, קומט מיט מיר — איך וועל אייך צופיהרען. מע דאַרף געהן צופוס”. און דער איד מיט'ן טלית־קטן און מיט'ן שיינענדיגען פּנים לאָזט זיך מיט די יונגע וואַיאַזשערען־יתומים פונ'ם יאריד ארוים צופוס, צו זייער זיידען משה־יאָסי און צו זייער באָבע גיטעל.

39

אַ שענער ברוך־הבא

די נעלעהמטע באַבע גיטעל. — דער זיידע משה־יאָסי מיט דער בולבעוואַטער נאָז און נעדיכטע ברעמען. — דער פעטער איצי און די מוהמע סאָסי.

די פערעיאסלאַווער יתומים האָבען נעהאַט דאָס רעכט פאַר־שטעלען זיך דעם זיידען משה־יאָסי'ס שטוב — אַ מין פּאַלאַץ. דער זיידע משה־יאָסי אַליין האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַ פּאַט־ריאַרך אין אַ זיידענער זשופּעצע. אַ קליינינקייט — מע זאָגט, זיי זענען אַזוי רייך, אַזוי רייך! צום סוף האָט זיי דער בית־מדרש־איד מיט'ן שיינענדיגען פּנים צוגעפיהרט צו אַ גאַנץ גע־וויינליכען שטיבעל, פּראַוודע מיט אַ גלעזערנעם גאַניק, און האָט זיי אַ זאָג געגעבען: „אָט־אָ־דאָ זיצט אייער זיידע, משה־יאָסי האַמאַרניק'ס". אַליין איז דער איד נעלם געוואָרען. ער האָט גישט נעוואָלט זיין דערביי. די קינדער האָבען דורכגעשפּאַציערט דעם גלעזערנעם גאַניק, געעפענט די טיר און דערזעהען פאַר זיך אַקוראַט אַקעגען דער טיר, אויף אַ הילצערן בעט, זיצען אַ מענטשען נים קיין מענטשען, אַ באַשעפעניש נים קיין באַשעפעניש, אינ'ם געשטאַלט פון אַ נקבה, אָהן פּיס, מיט עפּיס מאָדנע אויסגעדרעהטע הענט. די ערשטע מינוט האָבען זיי געוואָלט געהן צוריק. נאָר דאָס באַשעפעניש האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין זיי מיט איהרע גלאַנצענדיגע רויטע אויגען און האָט מיט אַ זעהר איינ־

גענעהמען קול א פרעג געטהאָן ביי זיי: „ווער זענט איהר, קינדער?" עפּיס איינענעס, נאָהענטעס, האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם קול, און די קינדער האָבען איהר א זאָג געגעבען: „א גוט מאָרגען. מיר זענען פון פּערעיאסלאוו"...

דערהערט דאָס וואָרט „פּערעיאסלאוו" און דערזעהען א גאַנץ רעמעל מיט קינדער, צווישען זיי א מיידעלע נאָך קיין יאָהר ניט אַלט, האָט די אַלטע באַלד ארומגעחאַפּט די גאַנצע טראַגעדיע, און זי האָט פאַרבראָכען מיט איהרע אויסגעדרעהטע הענט און אויס־געשריען אויף א קול:

— אוי, א וועהטיג איז מיר! אוי, א דונער איז מיר! מיין חיה־אסתר איז געשטאָרבען! — און גענומען זיך שלאָגען מיט די הענט אין קאָפּ. — משה־יאָסי! משה־יאָסי! וואו ביזט דו? אהער גיה! משה־יאָסי!

אויף איהר געשריי איז געקומען צו לויפען פון א זייטיג אַלקירעל איין אַלטער, א נידעריגער, אין טלית און תפלין, מיט א משונה מגושם'דיג פּנים, מיט א ברייטער בולבעוואַטער נאָז, מיט מורא'דיג גרויסע געדיכטע ברעמען, אָנגעטהאָן אין שמאַטעס און אין שקראַבעס. — „אָט דאָס איז דער זיידע משה־יאָסי? אָט דער איז דאָס אַזוי רייך? אַזוי רייך?"...

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע משה־יאָסי האָט געטהאָן — ער האָט גענומען שרייען אויף די קינדער, בייזערען זיך און מאַכען אויף זיי מיט די הענט. און מחמת ער האָט געהאַלטען אין מיטען דאַווענען און נישט געטאָרט, אפּנים, מפסיק זיין, האָט ער גערעדט צו זיי אויף לשון־קודש: „אי־אַ־נו, רוצחים! גזלנים!"... און צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט אויף לשון־קודש, און דאָס קול האָט געציטערט: „אי־אַ־נו, ידעתי... בתי... ה' נתן וה' לקח!"...

דאָס האָט באַדאַרפט הייסען, אַז ער ווייסט, אַז די טאָכטער איז געשטאָרבען, און דער גאָט וואָס האָט געגעבען, דער איינענער

גאָט האָט גענומען... האָט דאָס אָבער דער אַלטער ווינציג־וואָס בארוהיגט, און זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגען און צו שלאָגען זיך מיט די הענט אָן קאָפּ און צו שרייען: „חיה־אסתּר! מיין חיה־אסתּר איז געשטאָרבען!" — ביז עס זענען זיך צונויפגעלאָפען נאָך מענטשען, עפּיס איינער אַ איד מיט אַזעלכע לאַנגע פּאות, וואָס די קינדער האָבען אַזעלכע אין פּערעיאַסלאַוו נישט באַגעגענט. דאָס איז געווען זייער מאַמע'ס איינציגער ברודער, דער פעטער איצי. נאָכ'ן פעטער איצי איז אַריינגעלאָפען אַ אידינע מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל און מיט אַ פּאָלאָניק פון קיך. דאָס איז געווען זיין ווייב — די מוהמע סאָסי. און מיט איהר איז אַריינגעקומען אַ מיידעלע מיט רויטע בעקלעך און מיט קליינע ליפּעלעך — זייערע אַ בת־יחיד'קע, אַ שעני נקע, נאָר אַ שעמעוודיגע, מיט'ן נאָמען חוה־ליבע. און אחוץ זיי זענען זיך צונויפגעלאָפען נאָך אידען און ווייבער, נאָהענטע שכנים, און אַלע מיט אַ מאָל האָבען גענומען רעדען, טרייסטען די באָבע גיטעל מיט ווערטער: אַז וויבאַלד די טאָכטער איז שוין טוידט, היינט וואָס וועט העלפען דער געוויין? און דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, איז דאָך פאַרפאַלען. און די יונגע געסט האָט מען אחוץ גענומען זאָגען מוסר, אַז מע קומט ניט אַריין אָט אַזוי, הולאָם אויף דער קאַראָבקע, און מע זאָגט ניט אָן יענעם גלייך אַזאַ בשורה... חאָטש גאָט איז יודע דעם אמת, אַז די קינדער האָבען, איינגענטליך, גאָר ניט אָנגעהויבען צו „זאָגען".

דערווייל האָט דער זיידע משה־יאָסי אויסגעטהאָן דעם טלית און תּפלין און האָט פון זיין זייט גענומען פירהאַלטען די אייניקלעך, למאי זיי זענען נישט אַריינגעקומען פריהער צו איהם. זיי זאָלען זיין בעלי־דרך־ארץ, וואָלטען זיי באַדאַרפט זיך זעהען פריהער מיט איהם, פּאַוואָלינקע איבעררעדען, וואָלט ער, דער זיידע הייסט עס, פּאַוואָלינקע איבערגערעדט מיט דער באָבע, זי צוגעגרייט ביסלעכ־ווייז, ניט אַזוי, הענדום־פענדום! אַזוי טהוען פּרא־אָדמס, ניט קיין מענטשען...

דאָס האָט שוין, אפנים, די באָבע גיטעל נישט געקאָנט אריבערטראָגען, און ווי ווייט דער בראָך איז ניט געווען פאַר איהר גרוים, איז זי אָנגעפאַלען אויפ'ן זיידען:

— אַלטער דאורין! וואָס האָסט דו צו די קינדער נעבאָך? וואָס זענען זיי שולדיג? פון וואַנען זאָלען זיי דיר וויסען, אַז דו ליגסט דאָרט ערגיץ אויף די פעלצען און דאווענסט? אַ שענער ברוך־הבא! קומט אהער, קינדערלעך, צו מיר. ווי אַזוי רופט מען אייך?

און איינציגווייז האָט זי צוגערופען צו זיך די קינדער, און איינציגווייז האָט זי זיי אויסגעפרעגט ביי די נעמען, געגלעט און געקושט און באַנעצט מיט איהרע געזאַלצענע טרערען, באַוויינט שוין ניט איהר טאָכטער, נאָר די קליינע עלענטע יתומים'לעך נעבאָך... זי האָט זיך געשוואָרען, אַז זי האָט כמעט געוואוסט, אַזוי זיכער, ווי ס'איז היינט טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, אַז איהר חיה־אסתּר איז געשטאָרבען, וואָרום ס'איז שוין עטליכע נעכט, אַז זי קומט צו איהר אַ־חלום און פרעגט זיך אַלץ נאָך אויף איהרע קינדער, זי זאָל איהר זאָגען, ווי געפעלען איהר איהרע קינדער?...

— לאָז מען זיי געבען עפּיס עסען. משה־יאָסי, וואָס שטעהסט דו, ווי אַ נעבעכטיגער? זעהסט דאָך, אַלטער דאורין, אַז די קינדער זענען נעבאָך פאַרשמאַכט, אויסגעהונגערט און ניט געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. ווינד איז מיר — אַבּי ער זאָגט זיי מוסר! אַ שענער זיידע! אַ שענער ברוך־הבא!...

40

צווישען פעלצען

דעם זיידענ'ס בוכהאלטעריע. — זיין מוסר־זאגנע, זיינע ספרים און זיין צדקה. — וואס וועט זיין, אז משיח וועט קומען. — דעם זיידענ'ס עקסטאז.

דאס ערשטע, וואס דער זיידע משה־יאסי האט פירגענומען פאר זיינע אייניקלעך, אז זיי האבען אפגעדאווענט און אפגע־געסען, — ער האט זיי פארהערט.

פארגעקומען איז דער עקזאמען טאקי ביי איהם, אין זיין חדר מיוחד, וואוהין קיין בן־אדם האט נישט געטארט אריינקומען. נישט געטארט און נישט געקאנט, ווארום ס'איז נים געווען וואו.

דאס איז געווען א חדר'ל עטוואס גרעסער פון א שטייג, וואו מע האלט עופות. אין דער דאזיגער שטייג האט זיך געפונען, ערשטענס, דער זיידע, דערנאך זיינע ספרים, גאנץ ש"ס און פוסקים און קבלה־ספרים, און חוץ לזה זענען דארטען געווען משכנות: זילבערנע לעפעל, טעצלעך, הדס'לעך און לעמפעלעך, קופערנע פאהנען, סאמאווארען, אידישע קאפאטעס, גויישע קארעלען, סוויטקעס און פעלצען, דערהויפט פעלצען, אהן א שיעור פעלצען!

דאס איז געוועזען א מין לאמבארד, געפיהרט פון דער באבע גיטעל שוין פון יאהרען־לאנג. זיצענדיג א געלעהמטע אין בעט, האט זי געפיהרט דאס געשעפט ביד רמה, געהאלטען דאס ביסעל מזומן ביי זיך אונטער די קישענס, נישט צונעלאזט צו דער קאסע

קיינעם. נאר אויף די משכנות האט געוועלטיגט דער זיידע. צו־נעמען א משכון און ארויסגעבען א משכון — דאס איז געווען זיין ארבייט. אנגערענקען זיך, צו ווען וואסער משכון עס גע־הערט — האט מען באדארפט האבען א קאפ פון א מיניסטער. עס קאן זיין, אז דער זיידע משה־יאסי האט טאקי געהאט אויף זיך אפשר א קאפ פון א מיניסטער, האט ער זיך אבער ניט געוואלט פארלאזען אויף זיין מיניסטערשען קאפ אליין. א קשיא, וואס סע מאכט זיך! איז ער געפאלען אויף א המצאה — זיין אייגענע המצאה: אויף יעדען משכון האט ער צוגענייהט מיט א נאדעל־פאדעם — און דוקא אליין — א שטיקעל פאפיער, און אויף יעדען שטיקעל פאפיער האט ער אנגעשריבען מיט זיין האנט: „זה הקאפאטע שייך לבעריל". אדער: „זה הפעלץ שייך להערל איוואן". אדער: „זה הקארעלען שייך להערלית יאוודאכע". אי, ס'האט זיך געמאכט אמאל, אז בערעל איז געקומען צו געהן אויסקויפען די קאפאטע און מע האט איהם ארויסגעגעבען איין אנדערענ'ס א קאפאטע, וואס יענער הייסט אויך בערעל? — איז דא איין עצה: מע טראגט־ארוים ביידע בערעלס קאפאטעס, און מע הייסט איהם, ער זאל דערקענען. א איד וועט דאך ניט געהן זאגען אויף א פרעמדער קאפאטע, אז ס'איז זיינע. זעהט איהר, מיט א גוי, אז סע מאכט זיך אזא זאך, איז שוין ניט אזוי גוט. איז דערצו אויך דא א המצאה (א איד א למדן גיט זיך איין עצה): מע הייסט איוואנען, ער זאל זיך מטריח זיין זאגען עפים א סימן אויף זיין פעלץ. יעדער איוואן קען אזוי גוט זיין פעלץ, אז עפים א סימן מוז ער אויף איהם האבען. ס'איז לא ימלט! פון דעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף די אלע המצאות, זענען גאנץ אפטליך ארוים מיאוס'ע מחלוקת'ען צווישען דער באבע מיט'ן זיידען. די באבע האט אלץ גע'טענה'ט צום זיידען:

— איך פרעג דיך, אלטער דאורין וואס דו ביזט, אז דו האלטסט שוין יא ביי שרייבען און שרייבסט שוין יא „זה הקאפאטע

שייך לבעריל", — וואס וועט דיך אהרען, אז דו וועסט שוין צו־שרייבען נאך איין ווארט — "בעריל זאאיקע"? אדער אז דו שרייבסט שוין יא "זה הפעליץ שייך להערל איוואן", — שרייב שוין אינגאנצען דעם נאמען זיינעם: "איוואן זלאדי". אדער: "זה הקארעלען שייך להערלית יאוודאחע די קארנאסע"...

איז אבער דער זיידע משה־יאסי — ס'זאל איהם צו קיין חרפה נים זיין אויף יענער וועלט — געווען במחילת־כבודו א מורא'דיגער עקשן. אט דוקא ווייל זי וויל אזוי, וויל ער נים. און ער איז געווען נים אינגאנצען אומגערעכט: א אידינע א קאליקע, ליגט אין בעט — און פארגינט זיך אזוי צו קאמאנדעווען מיט א מאן, איהם רופען "אלטער דאורין" פאר די אייניקלעך אין די אויגען! ער איז דאך עפּיס נישט קיין אבי־וועד — רב משה־יאסי דעם האמארניק'ס! א איד, וואס זיצט יומם ולילה על התורה ועל העבודה. אדער ער לערענט, אדער ער דאווענט. היינט פאסט ער אלע תעניתים און אלע מאנטאג און דאנערשטאג, און קיין שטיקעל פלייש קומט גלאט נים אריין אין מויל אריין צו איהם א גאנצע וואך, חוץ שבת און יום־טוב. אין שוהל קומט ער פריהער פון אלעמען און געהט־ארוים שפעטער פון אלעמען. מאכט קידוש דעמאלט, ווען אלע אידען שלאפען שוין — ווארטשעט זי טאקי, די באבע גיטעל, און בייזערט זיך. מילא, פאר זיך אהרט איהר שוין נים — זי איז שוין געוואוינט געווארען צו הונגערען. אבער אויף די קינדער נעבאך, אויף די יתומים, איז א רחמנות!

פון אלע קינדער די יתומים האט דער זיידע משה־יאסי ליעב געקריגען נאר איינעם — שלום'ען. טאקי א שקאץ, א יונגעל א ברען, דערפאר אבער א גוט קעפעל. פון איהם וואלט געקאנט זיין א לייט, ער זאל נאר א ביסעל מעהר וועלען זיצען מיט'ן זיידען אין זיין חדר מיוחד, צווישען די פעלצען, און נים האבען קיין טבע לויפען מיט באהסלאווער יונגלעך צום "ראס", זעהען ווי מע חאפט פיש, אדער אין וואלד אריין טרייסלען בארלעך, אדער נאך אזעלכע קונדסערייען.

— דיין טאטע זאָל זיין אַ מענטש — אזוי האָט דער זיידע מיט איהם איינגע'טענה'ט — דיין טאטע זאָל ניט זיין אַנגעשמעקט מיט'ן תנ"ך און מיט'ן דקדוק און מיט משה דעסעווער און מיט די איבעריגע אפיקורס'ישע גענג, וואָלט ער דיך על־פּי יושר באַ־דאַרפט איבערלאָזען דאָ ביי מיר האָטש אויף עטליכע זמנים, וואָלט איך דיך מיט גאָט'ס הילף געמאַכט פאַר איין עהרליכען אידען. עס וואָלט פון דיר ארויס דער אמת'ער חסיד מיט'ן אמת'ען בעל־קבלה מיט'ן אמת'ען ברען. און אזוי וואָס וועט פון דיר זיין? אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ שייגעצעל, אַ קנאַקער, אַ פייפער, אַ ימח־שמו'ניק, אַ דער־רוח־ווייסט־וואָס, אַ הולטיי, אַ רשע־מרושע, אַ שמד'ילניק, אַ מחלל־שבת'ניק, אַ טריפ־ניאַק, אַ פּושע באלקי ישראל!...

— משה־יאָסי! טאָמער וואָלט געווען גענוג מוטשען אַ קינד?

„לאַנג לעבען זאָל די באָבע גיטעל!" — טראַכט זיך דער אויסגעלייזטער פונ'ם זיידענ'ס הענט, אויף וועמען עס וואַרטען שוין באַהסלאָווער יונגלעך־קונדסים אין דרויסען.

פון דעסטוועגען זענען געווען מינוטען, וואָס דער זיידע משה־יאָסי איז איהם געווען אויך צום הארצען, ליעב און טייער. איינ־מאָל האָט ער איהם געטראָפען זיצענדיג מיט'ן טלית־זאַק אונטער דער האַנט ביי דער באָבע אין בעט. ער האָט זי עפּיס זעהר שטאַרק גע'חנפה'ט, גערעדט שטילערהייט, געדונגען זיך און געבעטען ביי איהר נאָך געלט, און זי האָט נישט געוואָלט געבען מעהר. דאָס האָט ער זיך געדונגען ניט פאַר זיך — פאַר צדקה, פאַר זיינע אָרעמע חסידים, וואָס אין קלויז, און זי האָט גע'טענה'ט איינם: „מע דאַרף ניט. זי האָט איהרע אייגענע יתומים — אויף זיי איז מעהר רחמנות"...

נאָך איין מאָל האָט ער געטראָפען דעם זיידען זיצען ביי זיך אין חדר מיוחד, אַנגעטהאָן אין טלית און תפלין, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפען, די אויגען צוגעמאַכט, עפּיס גאָרנישט בהאי עלמא. און אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבען ביי איהם די אויגען געשיינט

און געלויכטען, און זיין מגושמ'דיג פנים האָט אויסגעזעהען שוין נישט אזוי מגושמ'דיג. „די שכינה האָט אויף איהם גערוהט"... און ער האָט גערעדט ווי צו זיך אליין, און מיט א שמייכעל אויף די מורא'דיג גרויסע גערינכטע וואָנסעם:

— אדום וועט נישט לאַנג געוועלטיגען... די ישועה איז נאָהענט, נאָהענט, נאָהענט!... קום אהער, מיין קינד, זייז א ביסעל, וועלען מיר שמועסען פונ'ם קץ, פון משיח'ען — וואָס וועט זיין, אז משיח וועט קומען...

און דער זיידע משה־יאָסי האָט גענומען דערצעהלען פאַר זיין אייניקעל, וואָס וועט זיין, אז משיח וועט קומען, מיט אזא התלהבות, מיט אזוי פיעל היץ און מיט אזעלכע פלאַמענדיגע פאַרבען, אז דעם אייניקעל האָט זיך גיט געוואָלט אָפּטרעטען פונ'ם זיידען, און ניט ווילענדיג איז איהם געקומען אויפ'ן זינען זיין ערשטער און זיין בעסטער חבר שמואליק. דער חילוק צווישען די צוויי איז געווען דער, וואָס שמואליק האָט גערעדט פון אוצרות, מכשפים, פרינצען און פרינצעסינס — אלץ פון אזעלכע זאַכען, וואָס זענען שייך צו דער וועלט; און דער זיידע משה־יאָסי האָט מבטל געווען די וועלט לגמרי און האָט זיך אריבערגעטראָגען אינגאַנצען, אינאיינעם מיט'ן אייניקעל, וואָס האָט איהם אויסגעהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, אהין, אויף יענער וועלט, דאָרטען, צווישען סאַמע צדיקים און מלאָכים און שרפים און כרובים, ניט ווייט שוין פונ'ם כסא־הכבוד, גאָר־גאָר נאָהענט שוין טאַקי צו איהם אליין, צום מלך מלכי המלכים הקדוש־ברוך־הוא... דאָרטען זענען געווען דער שור־הבר מיט'ן לויתן, און דער טייערסטער בוימעהל, וואָס הייסט „אפרסמון", און דער טייערסטער וויין, דער „יין המשומר", און צדיקים זיצען און לערנען און האָבען הנאה פון דער שכינה און פונ'ם „אור הגנוז", פון יענער ליכטיגקייט, וואָס בעת גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער געזעהען, אז די מענטשען זענען ניט ראוי צו אזא ליכטיגקייט, האָט ער עס איבערגעלאָזט אויף לעתיד־לבוא... און הקדוש־ברוך־הוא אליין,

כביכול, בכבודו ובעצמו, שטעהט און באַדיענט זיי, די צדיקים, ווי א טאַטע. און פון אויבען, פונ׳ם הימעל, לאָזט זיך אראָפּ פונקט אויפ׳ן זעלבען אָרט, וואו דאָס אמאָליגע בית־המקדש איז געשטאַנען, א נייע בית־המקדש, פון סאַמע גינגאָלד און פון די טייערסטע שטיינער, דימענטען און ברילּיאַנטען, און די כהנים דוכנ׳ען, און די לוים זינגען, און דוד המלך קומט־אַרוים אקעגען מיט א פּיעדעל און זינגט: „ר נ נ ו צ ד י ק י ם ב ה׳! ב ה׳!“...

דאָ הויבט אָן דער זיידע משה־יאָסי זינגען אויף א קול, צו־קנאַקען מיט די פינגער, און די אויגען פאַרגלאַנצט ער ארויף, און דאָס פּנים לויכט איהם, און אליין איז ער נישט בהאי עלמא: ער איז דאָרטען ערגיץ, וויים־ווייט, אויף י ע נ ע ר וועלט, אויף י ע נ ע ר וועלט!...

41

אַ איד אַ פויגעל

אַ מעשה פון פאַרצייטען. — ווי אַזוי אידען האָבען אַמאָל געלעבט צווישען פּריצים. — אַ טראַגעדיע פון איין אָרעמען רענדאַר.

מע באַדאַרף אָבער נים מיינען, אַז דער זיידע משה־יאָסי איז אַלע מאָל געווען נאָר אויף יענער וועלט, און אַז ער האָט נים געהאַט פאַר זיינע אייניקלעך צו דערצעהלען גאָרנישט פון דער וועלט. אַ! ער האָט געהאַט זעהר אַ סך צו דערצעהלען פון אַמאָליגע אידען, אַמאָליגע חסידים, אַמאָליגע בעלי־קבלה און אַמאָליגע פּריצים, להבדיל, ווי זיי האָבען זיך באַגאַנגען מיט די אידען.

איין מעשה אַזעלכע, וואָס ער האָט דערצעהלט פאַר זיינע אייניקלעך, אַ מעשה, ווי אַ איד איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, געדענקט זיך גאַנץ באַזונדער, און די דאָזיגע מעשה וועט דאָ איבערגעגעבען בקיצור, ווייל דער זיידע משה־יאָסי איז געווען, ער זאָל מוחל זיין, אַ גרויסער מאריך און האָט ליעב געהאַט אָפטמאָל איבערשפּרינגען פון איין ענין אויפ׳ן אַנדערען און פאַרפאָהרען מחילה קיין בויבעריק.

די מעשה האָט זיך געטראָפען שוין לאַנג, נאָך פאַר זיין זיידען, עליו השלום, דעם אַלטען האַמאַרניק. פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען „האַמאַרניק"? ווייל האַמאַרני האָט געהייסען דאָס דאָרף, וואו ער איז געזעסען, געהאַלטען אַ מיהל אין דער אַרענדע.

אין דעם זעלבען דאָרף איז געזעסען נאָך אַ איד, מיט׳ן נאָמען נח, געהאַלטען די קרעטשמע. געווען איז דער נח אַ איד אַ תם, איין אָדם פשוט, נאָר אַ גרויסער ירא־שמים, טאָג ווי נאכט געדאַוונט און געזאָגט תהלים, אפּנים, אַ בעל־תשובה און אַ „נסתר״. די גאַנצע טהוערין איז געווען זי. זיין עובדה איז געווען נאָר צאָהלען ראַטע אין הויף און דינגען די קרעטשמע פון איין יאָהר אויפ׳ן אַנדערען. כל ימיו האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט איהם עמיצער אויסדינגען די קרעטשמע, וואָרום בעלנים זענען געווען אַ סך, חאָטש פּרנסה האָט ער געהאַט פון דער קרעטשמע בצמצום, קוים־קוים דורכגעקומען, געווען אַ בעל־מטופּל מיט קינדער.

ויהי היום — קומט ער צו געהן איינמאָל צום פּריץ דינגען די אַרענדע און טרעפט אַ גוזמא געסט, אַ גאַנצע סעודה. נאָך דער סעודה קלויבט מען זיך, כּנהוג, נאַ־פּאַליוואַניע, אויף דער אַכּאָטע הייסט עס. עס שטעהען שוין צוגעגרייט פערד און קאַ־רעטעס און בריטשקעס און ליניייקעס און הינט פון כּל המינים, און די יעגערס מיט די גרויסע פעדערען און מיט די פייפלעך, כּיד המלך. אַלסדינגג, הייסט עס, פּאַרטיג אַרום און אַרום. „נישט געטראָפען די גוטע צייט, — טראַכט זיך נח — דער פּריץ וועט נישט וועלען רעדען איצט פון דער אַרענדע״. צום סוף האָט ער אַ טעות געהאַט. אויפגעשטאַנען מיט די געסט פון טיש און געוואָלט זיך שוין אַרויפזעצען אויף די פערד, האָט דער פּריץ דער־זעהען דעם אידען שטעהן איינגעבויגען ביי אַ זייט, אָפּגעריסען קריעה־בליאה. מאַכט ער צו איהם מיט אַ פריילין פּנים: „אַ? יאָק סיע מאַש פּאַן אַרענדאַרזשי? — וואָס מאַכט אַ איד אַ רענדאַר?״... זאָגט איהם נח כּך וכך: „אדוני פּריץ, איך בין געקומען וועגען דער קרעטשמע״. צעלאַכט ער זיך, דער פּריץ, ס׳איז געווען כּטוב לב המלך ביין, שטאַרק אונטער׳ן גלעזעל, און רופט זיך אָן צו איהם: „אויף וויפיעל יאָהר ווילסט דו דען די קרעטשמע?״ זאָגט ער צו איהם: „וועלען וואָלט איך געוואָלט אויף עטליכע יאָהר, נאָר אַזוי ווי דער מנהג איז ביי דיר, יאַסנאַ־

וועלמאָזשנע פּאַן חראַבּיע..." לאָזט איהם דער פּריץ ניט אויס־רעדען און מאַכט צו איהם: „דאָבּזשע, איצטיגס מאָל נעב איך דיר אָפּ די קרעטשמע אויף דעם איינענעם מקח, וואָס אויף אַלע מאָל, אויף אַ זמן פון צעהן יאָהר. נאָר מיט איין תּנאי: זאָלסט מיר זיין אַ פויגעל". קוקט איהם אָן דער איד: „וואָס הייסט, איך זאָל דיר זיין אַ פויגעל?" ענטפערט איהם דער פּריץ: „גאַנץ פּשוט. דו דאַרפסט אַרויף, זאָגט ער, אויפ'ן דאַך פון אָט דער שטאָל. זעהסט דו? דאָרטען דאַרפסט דו זיך פאַרשטעלען, זאָגט ער, פאַר אַ פויגעל, און איך, זאָגט ער, וועל זיך ציעלען אין דיר און פּרובען טרעפען גלייך אין קאָפּ אַריין. האָסט דו עס צע־קייעט?" ווערט אַ געלעכטער צווישען די פּריצים, און דער איד בּלומרשט לאַכט אויך. ער טראַכט זיך: „דער פּריץ טרייבט קאַטאָוועס, גענומען איין איבּעריג בּיסעל וויין"... „נו? — פרעגט איהם דער פּריץ. — איז דאָס געמאַכט?" טראַכט זיך נח: „וואָס ענטפערט מען איהם דערויף?" און טהוט איהם אַ פרעג אויף טשיקאַוועסט: „וויפיעל צייט גיסט דו אויף צו בּאַטראַכטען זיך?" זאָגט איהם דער פּריץ גאַנץ ערנסט: „יעדנאַ מינוטאַ" — איין מינוט הייסט עס, מעהר ניט. „די בּרירה איז בּיי דיר, זאָגט ער. אָדער דו קריכסט אַרויף אויפ'ן דאַך און פאַרשטעלסט זיך פאַר אַ פויגעל, אָדער מאָרגענדיגען טאָג, זאָגט ער, ווערסט דו אַרויס־געוואָרפען פון דער קרעטשמע". איז דאַך איהם פּרחה נשמתו געוואָרען. וואָס טהוט מען? מיט אַ פּריץ שפּיעלט מען זיך ניט. ובפרט, אַז יענער הייסט שוין טראָגען ליימערס — אפּנים, ס'איז גאָרניט קיין קאַטאָוועס? רופט ער זיך אָן נאָך אַ מאָל צום פּריץ: „און וואָס וועט זיין, טאָמער חלילה טרעפסט דו טאַקי?" ווערט נאָך אַ גרעסערער געלעכטער צווישען די פּריצים, און נח בּלייבּט שטעהן אַ צעטומעלטער. ער ווייסט ניט, צי דער פּריץ מאַכט חוזק, צי ער מיינט דאָס מיט איין אמת? זעהען זעהט עס אויס ווי איין אמת, וואָרום מע הייסט איהם די רגע קריכען אויפ'ן דאַך, אָדער נעהן אהיים אָפּריינינען די קרעטשמע. וויל ער שוין נעהן

אהיים, דערמאַנט ער זיך, אַז ער איז אַ בעל־מטופּל מיט קינדער, הויבט ער אָן זיך בעטען ביי׳ם פריץ, ער זאָל איהם געבען האָטש עטליכע מינוט אויף אָפּצוזאָגען וידוי. זאָגט איהם דער פריץ: „דאַבזשע,־איך געב דיר נאָך איין מינוט אויף זאָגען וידוי”. איין מינוט? וואָס קאָן אַ איד זאָגען אין איין מינוט, אחוץ „שמע־ישראל”? ובפרט, אַז מע שטופּט איהם שוין אַרויף אויפ׳ן לייטער. זאָגט ער „שמע־ישראל” און „ברוך שם כבוד מלכותו”, און נעמט קריכען אויפ׳ן לייטער, און טרערען גיסען זיך איהם. וואָס זאָל ער טהון? אַ גזירה מן השמים. אַ בעל־מטופּל מיט קינדער. מסתמא איז איהם באַשערט אומצוקומען אויף קידוש־השם. און אפשר וועט נאָך גאָט רחמנות האָבען און טהון אַ נס? דער אויבערשטער אַז ער וויל — קאָן ער! געווען אַ גרויסער בעל־בטחון. אמאָליגע אידען!

אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן שפּיץ דאַך, הערט ער נישט אויף צו לייענען קריאת־שמע שטילערהייט און צו וויינען, גיסען מיט טרערען, און נאָך אַלץ ניט פאַרלוירען אינגאַנצען דעם בטחון אויף גאָט, טאָמער וועט דער אויבערשטער פאָרט רחמנות האָבען. אַז דער אויבערשטער וויל — קאָן ער! דער פריץ דערוויייל האָט קיין צייט ניט. הייסט ער איהם, ער זאָל שטעהן גלייך — שטעהט ער גלייך. דערנאָך הייסט ער איהם, ער זאָל זיך אָנבויגען — בויגט ער זיך אָן. ער זאָל צענעמען די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזעהען ווי אַ פויגעל — זעהט ער אויס ווי אַ פויגעל... און דער פריץ — צי ער האָט עס טאַקי געמיינט אויף איין אמת, אָדער ער האָט נאָר געטריבען קאַטאָוועס און דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַזוי, ס׳זאָל אויסקומען אויף איין אמת — ער האָט אויסגעשאָסען און געטראָפען נח׳ן גלייך אין שטערן אריין, און נח איז אומגעפאַלען, ווי אַ געשאָסענער פויגעל, און האָט זיך אַראָפּגעקויקעלט אַראָפּ פונ׳ם דאַך. און נאָך באותו היום האָט מען איהם געבראַכט צו קבר־ישראל. דער פריץ האָט אָבער געהאַלטען וואָרט. צעהן יאָהר כסדר האָט ער נישט גע־

דיהרט די אַלמנה פון דער קרעטשמע, וויפיעל מע זאָל איהם ניט מוסיף זיין אויף דער אַרענדע — אמאָלינע פריצים!

אַזעלכע שענע מעשיות פון „אמאָליגע" אידען און פון „אמאָלינע" פריצים האָט דער זיידע געהאַט לרוב, און חברה וואָלטען זיך ניט אָפּגעזאָגט זיי אויסהערען נאָך און נאָך, ווען דער זיידע משה־יאָסי זאָל ניט האָבען קיין טבע אַרויסציהען פון יעדער מעשה אַ מוסר־השכל, אַז מע באַדאַרף זיין איין עהרליכער איד און האָבען בטחון, און פונ׳ם מוסר־השכל זאָל ער ניט ליעב האָבען אַריינפאַלען גלאַט אין מוסר אַריין און נעמען שטראָפען די קינדער, פאַר וואָס זיי נעבען נאָך דעם יצר־הרע, ווילען נישט דאַווענען, נישט לערנען, נישט נאָכדיענען, וואָלטען וועלען טאָג ווי נאַכט נאָר כאַפּען פישלעך, אָדער רייסען באַרלעך, אָדער גלאַט שקאָצעווען מיט אַלע באָהסלאָווער יונגלעך, ימח שמם וזכרם זאָלען זיי ווערען!

42

ימים נוראים

דער באַהסלאַווער טייך „ראָס". — דער באַהסלאַווער וואַלד. — די באַהסלאַווער אַלטע קלויז. — די באָבע גיטעל שלאָגט מיט די איי‎ניקלעך כפּרות. — דער זיידע בענטשט זיי ערב יום־כּפּור און זיינע אויגען זענען נאַס.

עס איז שווער צו זאָגן, וואו איז געווען מעהר לעבען, מעהר פּאָעזיע — ביי׳ם טייך „ראָס", אָדער אין באַהסלאַווער וואַלד, אָדער אין דער אַלטער קלויז? עס איז שווער צו זאָגן, וואָס פון די דריי האָט געהאַט אין זיך אַ גרעסערען יצר־הרע? ביי׳ם „ראָס" — דאָרט איז אַ לעבען! דאָרט איז פריילעך! דאָרט טרינקען־אָן בעלי־עגלות זייערע פערד; דאָרט שעפּען־אָן וואַסער־פיהרערס וואַסער אין זייערע פעסלעך; דאָרט שטעהען ווייבלעך און מיידלעך, באָרוועסע, מיט רויטע פּולקעס, און וואַשען גרעט, קלאַפּען און שפּריצען מיט׳ן פראַטש, אַזש פונקען פליהען; דאָרט באָדען זיך, פּאָליאַסקען זיך, לערנען זיך שווימען און חאַפּען פישלעך יונגלעך אָהן אַ שיעור, טהוען זיך אוים צווישען די שטיינער, שפּרינגען אין טייך אריין — און אַלע שרייען, אַלע פּילדערען: „זעה, ווי איך שווים! זעה, ווי איך ליג אויפ׳ן רוקען! זעה בעסער, ווי איך געה טריט־וואַסער! זעה, ווי איך טוק זיך! זעה, ווי איך מאַך בולבעס!"... אַלע רעדען, אַלע באַווייזען קונצען, אַלע קאָנען. די פערעיאַסלאַווער יתומים זענען זיי שרעקליך מקנא. איינער פון דער חברה געהט־צו אַ נאָקעטער, ווי די מאַמע האָט

איהם געהאט. אברהמעל רופט מען איהם. א בחור׳על שווארץ ווי א טאטער, אויגען ביינקאוואטע, א פנים ווי א לאקשען־ברעט, א נעזעל ווי א פאסאלי. „ווי אזוי רופט מען דיך?" „שלום". „שווימען קאנסט דו?" „ניין". „וואס זשע שטעהסט דו? קום אהער, וועל איך דיך אויסלעהרנען"... איהר פארשטעהט? ניט לעהרנען, נאר א ו י ס ל ע ה ר נ ע ן! — דאס איז נאר אנדערע ווערטער.

נישט ווינציגער פאעזיע איז אין וואלד. דער באהסלאווער וואלד איז רייך אין בארלעך. די בארלעך זענען אפילו הארט ווי שטיינדלעך און זויער — עסיג! נאר פארט בארלעך. און קאסטען גארנישט. איהר קאנט אייך רייסען וויפיעל איהר ווילט — הפקר! מע באדארף נאר קאנען דערלאנגען. וואלד־בארלעך וואכסען הויך. מוז מען ארויפקלעטערען ארויף אויפ׳ן בוים און טרייסלען דעם בוים מיט אלע כחות, אניט וועלען די בארלעך ניט פאלען. אויסער בארלעך זענען אין באהסלאווער וואלד פארהאן ניסלעך אויך. האזענע ניסלעך. זיי ווערען שפעט פארטיג און זענען באוואכסען מיט א מין שאלעכץ — ביטער־גאל. און קיין יאדערען זענען אין די ניסלעך נישטא. זיי וועלען ערשט אמאל זיין. נאר עס מאכט ניט אויס. פארט ניס. מע קאן אנלעגען פולע קעשענעס. דאס וואס מע רייסט אליין — איז אנגעלעגט. און רייסען בארלעך און טרייסלען ניס באדארף מען קאנען. אברהמעל קאן. אברהמעל איז אויף אלסדינג א חוואט. איז א גוטער בטבע, א מזג טוב, א מענטש אהן א גאל. איין חסרון נאר, וואס ער איז א קבצנ׳ם א יונגעל. זיין מאמע איז איין ארעמע אלמנה און א קעכין ביי די יאמפאלסקים. געוואוירע געווארען דערפון איז דער פעטער איצי און האט עס באלד אפגעטראגען דער באבע ניטעל אין אויהער אריין. האט די באבע ניטעל צוגערופען דאס אייניקעל שלום צו איהר בעט, איהם געשענקט א באר פון אונטער דעם קישען און אנגעזאגט עטליכע מאל, ער זאל זיך ניט דערוועגען מעהר באגעגענען זיך און זיין באקאנט מיט א ז ע ל כ ע יונגלעך, ווי אברהמעל,

ווארום טאמער דערוויסט זיך דער זיידע משה־יאסי, אז זיינע אייניקלעך באגעגענען זיך מיט אזעלכע יונגלעך, וועט זיך טהון חושך!...

זיי איז גרינג צו זאגען „ניט באגעגענען זיך" — אז מיט דעם אברהמלען מוז מען זיך באגעגענען האטש צוויי מאל א טאג, אין דער פריה און אויף דער נאכט — ביי'ם קדיש זאגען. אברהמעל איז אויך א יתום. ער זאגט קדיש נאך זיין טאטען אין דער אלטער קלויז. אך, וויפיעל קרישים דארטען איז! און אלע זאגען קדיש אין מזרח!... משה־יאסי דעם האמארניק'ס אייניקלעך, אז זיי זענען געקומען מיט'ן זיידען דאס ערשטע מאל אין דער אלטער קלויז, האט זיי דער זיידע צוגעפיהרט גלייך צום שמש און האט איהם אנגעזאגט מיט'ן הארבען ווארט, אז ער וויל, אז זייער ארט אויף זאגען קדיש זאל זיין נעבען עמוד, ווארום דאס זענען „טאטענ'ס קינדער"... דער שמש, א זקן מיט איין אויסגעבויגענעם רוקען און מיט אלטע טראכאמעדיגע אויגען, וואס זעהען־אוים ווי ארומגעליאמעוועט מיט רויטען, האט אויסגעהערט דעם זיידען מיט דרך־ארץ, נישט געענטפערט קיין ווארט, אריינגעחאפט אין נאז א רעכטען שמעק טאבעקע, גיך אפגעטרייסעלט די פינגער און אונטערגעטראגען אויך דעם זיידען דאס פושקעלע, א קלאפ געגעבען מיט'ן נאגעל איבער'ן דעקעל און מכבד געווען איהם מיט א שמעק טאבעקע אהן ווערטער. דאס האט באדארפט הייסען: „גוט, וואס איהר האט מיר געזאגט, אז דאס זענען טאטענ'ס קינדער, זענען זיי שוין, זייט זיכער, ביי מיר דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג, וואס איז שייך!"...

די באהסלאווער אלטע קלויז האט געהאט אין זיך אזא כח, אז די פערעיאסלאווער יתומים, ווי מע האט זיי דארט גערופען, האבען זיך צוגעבונדען צו איהר, גלייך ווי זיי וואלטען דארט געבוירען און אויפגעצויגען געווארען. אלסדינג האט ביי זיי אויסגעזעהען מורא'דיג גרוים און שען און הייליג. אויף אלסדינג

איז געלעגן א באזונדער חתימה פון אלטער שענקייט, פון פאר־נאנגענער גרויסקייט, פון פארצייטיגע הייליגקייט — א שטיק בית־המקדש.

נאר אויב די באהסלאווער אלטע קלויז האט אויסגעזעהען ביי די פערעיאסלאווער יתומים אין אלע טעג פון א גאנץ יאהר ווי א שטיק בית־המקדש, איז זי צו ימים נוראים, צו ראש־השנה און יום־כפור, געווארען פאר זיי טאקי א גאנצער בית־המקדש. זיי האבען נאך קיינמאל אזוי פיעל אידען ניט געזעהען און האבען נאך קיינמאל אזא דאווגען ניט געהערט. דאס איז געווען א מיש־מאש פון אלערליי מינים חסידים און חב"דניקעס, וואס האבען ביי'ם דאוונען איינגעלעגט די וועלט, געפאטשט מיט די הענט, געקנאקט מיט די פינגער און געזונגען מאדנע ניגונים, געברומט און געבאמקעט און מיט א מאל פארגאנגען זיך און פאר'דבקה'ט זיך אויף עטליכע מינוט, און ווידער גענומען זינגען און ברומען און באמקען און קנאקען מיט די פינגער. פאר די פערעיאסלאווער יתומים איז אזא מין דאוונען געווען א נייעס, א גאנצער ספעקטאקל. נאר שענער פון אלץ איז געווען דאס, וואס דער זיידע משה־יאסי האט מיט זיין דאוונען איבערגעשטיגען אלע דאוונער פון דער אלטער קלויז. ער איז געווען ניט קיין חב"דניק, נאר גלאט א מאדנער חסיד מיט אייגענע נענג, אייגענע מנהגים און אייגענע משוגעת'ען. ער האט זיך פארגונען בלייבען אין קלויז שבת און יום־טוב לאנג־לאנג נאך אלעמען. דער פעטער איצי, וואס האט געוואוינט אין דער אנדערער האלבער שטוב, האט שוין געהאלטען אין עסען, פון אויוועז האט זיך געלאזט הערען א ריח פון געפילטע פיש און יום־טוב'דיגע מאכלים, עס האט געקלעהמט דאס הארץ און אזש דערלאנגט ביז'ן לעפעלע — און דער זיידע האט נאך אלץ געדאווענט, געזונגען און געבאמקעט. די באבע גיטעל האט עטליכע מאל בשתיקה אונטערגערוקט די אייניקלעך, חיה־אסתר'ס קינדער, צו שטיקלעך לעקאך — ס'זאל זיי ניט איבער'חלש'ען דאס הארץ, און א זאג געגעבען צו זיי מיט א געלעכטער: „איהר

וועט שוין גערענקען, ווען איהר האט זיך אריינגעהאפט צווישען משונעים"...

דער פעטער איצי דערוויל האט שוין אפגעגעסען און אפ־געבענטשט, אריינגעשטעקט דעם קאפ פון דער אנדערער האלבער שטוב: „נישטא דער טאטע? הא־הא!" לאדי ער האט אפ־געגעסען, לאכט ער נאך!... קוים מיט צרות, גאט האט רחמנות געהאט — דער זיידע איז שוין דא! אריינגעפלויגען, שלעפענדיג די רעזעוואולקע מיט די ארבעל אויף דער ערד, איז ער מיט א ברייטען גוט יום־טוב, און גלייך צום קידוש מאכען, אבער מיט אזעלכע קולות, אז די גאנצע גאס האט געמוזט הערען.

— צוליעב די קינדער, צוליעב די יתומים נעבאך, וואלסט דו, דאכט זיך, געמעגט אמאל פארבויגען דיינע משונענע שטיק און מאכען עס בקיצור? — האט איהם די באבע פירגעהאלטען. נאר ס'איז געווען ארויסגעווארפען. ער האט נישט געהערט. ער איז נאך אלץ געווען פאר'דבקה'ט און אריינגעטהאן אין די עולמות העליונים, מיט איין האנט געגעסען, מיט דער אנדערער געמישט עפים איין אלטען ספר, און, שאקלענדיג זיך פון דער גרינג, אריינ־געקוקט אהין מיט איין אויג, מיט'ן אנדערען אויג געהאפט א קוק אויף די אייניקלעך און געזיפצט, שטארק געזיפצט. דאס זיפצען איז געווען טאקי אויף די אייניקלעך די יתומים, וואס זייערע נשמות ליגען אין גשמיות, האבען אין זינען די אכילה, געבען־נאך דעם יצר־הרע מיט אלע זיינע תאוות... נאכ'ן עסען האט ער זיי דאס פירגעהאלטען, געזאגט א היבשע ביסעל מוסר, געזעהען, ס'זאל זיי אויספאלען באקאם דער פרישער קוילעטש מיט די געפילטע פיש מיט'ן זיסען פאסטערנאק־צימעס מיט די אלע איבעריגע יום־טוב'־דיגע מאכלים, וואס די באבע גיטעל האט, ליגענדיג אין בעט א גע־לעהמטע, נאר מיט איהר שכל געקאנט צוגרייטען על צד היותר טוב.

דאס איז געווען ראש־השנה. ערב יום־כפור איז געווען נאך שענער. דער ערב יום־כפור האט זיך אויסגעפיינט אין באהסלאוו ביי'ם זיידען משה־יאסי מיט צוויי זעלטענע צערעמאניעס, וואס

האָבען געמאַכט אויף די יתומים אַ באַזונדערען איינדרוק. די ערשטע צערעמאָניע איז געווען דאָס שלאָגען כפרות מיט אַ נאַכט פריהער פאַר ערב יום־כפור. שלאָגען כפרות האָבען זיי געשלאָגען אין דער היים אויך, נאָר דאָ, אין באַהסלאַוו, איז געווען איין אַנדער מין כפרות שלאָגען. די באָבע גיטעל האָט גענומען די דאָזיגע מצוה אויף זיך. זי, הייסט עס, האָט געשלאָגען מיט איהר חיה־אסתר׳ס יתומים כפרות. זיצענדיג אַ נעלעהמטע אין בעט, האָט זי צונערופען די גאַנצע חאַליאַסטרע צו זיך, נעגעבען יעדען זיין כפרה, די יונגלעך צו העהנער און די מיידלעך צו היהנער, גענומען איהר גרויסען סידור און אָנגעוויזען מיט איהרע אויסגעדרעהטע פינגער אויפ׳ן „בני־אָדם“. די עלטערע האָבען דעם „בני־אָדם“ געזאָגט אליין, און מיט די קלענערע, מיט די מיידלעך, האָט די באָבע געזאָגט דעם „בני־אָדם“ וואָרט ביי וואָרט און הויך אויף אַ קול און מיט אַ ניגון: „בני־אָדם יושבי חושך וצלמות! אסירי עני וברזל!“... און געוויינט בעת מעשה אַזוי, ווי מע קאָן וויינען נאָר סיידען אויף אַ טוידטען. און ווער שמועסט, אַז ס׳איז געקומען צו דער יונגסטער פון די יתומה׳לעך, צום מיידעלע, וואָס איז אַלט קוים אַ יאָהר, האָט די באָבע שיער נע׳חלש׳ט פאַר געוויין! אויף איהר קוקענדיג, האָבען זיך די קינדער אויך צעוויינט, און אויף זיי קוקענדיג — אויך די עלטערע, און ס׳איז געוואָרען אַ יללה מיט סכנת־נפשות. אין יענעם ביטערען שבת, בעת די מאַמע זייערע איז געלעגען מיט שווארצען איבערגעדעקט אויף דער ערד, האָבען די יתומים קיין צעהנט־חלק אפילו ניט געוויינט, ווי אַצינד, ביי דער באָבע׳ס „בני־אָדם“.

די צווייטע צערעמאָניע איז געווען אויף מאָרגען, ערב יום־כפור, נאָכ׳ן קומען פון דער אַלטער קלויז, וואו חברה האָבען באַקומען לעקאַך פונ׳ם גבאי ראשון פולע קעשענעס. דער זיידע משה־יאָסי האָט נאָך נעכטען אָנגעזאָגט, באַלד נאָך כפרות שלאָגען, אַז די קינדער זאָלען נאָכ׳ן דאַווגען אין דער פריה, למען השם, קומען צו איהם זיך בענטשען.

מאָדנע יום־טוב׳דיג אָנגעטהאָן און יום־טוב׳דיג געשטימט איז געווען דער זיידע משה־יאָסי. אויף דער אַלטער צעהאַקטער אַטלעסענער קאַפּאָטע האָט ער געטראָגען אַ מאָדנע מין טיזליק פון אַ מאָדנע מין הארטען שרייענדיגען שטאָף, וואָס מע קריגט שוין נים היינטיגע צייטען אין ערגיץ, מע זאָל וועלען באַצאָהלען דערפאַר מי יודע וויפיעל. אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ שטריימעל מיט אַ סך עקען, און אויפ׳ן אָפּענעם האלז — אַ ברייטען קלאָר־ווייסען קאָלנער מיט צוויי שפּיצען. אויף דער קאַפּאָטע — אַ בייגאַרטעל אַ ברייטען מיט לאַנגע קאָטעסען מיט באָמבעלעך. די מורא׳דיג ברייטע וואָנסעס מיט די מורא׳דיג געדיכטע גרויסע ברעמען האָבען איצטיגס מאָל אויסגעזעהען נים אַזוי בייז, ווי אַלע מאָל, און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגעזעהען ביי איהם איצטיגס מאָל ווייך, מוחל׳דיג־ווייך, און גאָר פריינטליך.

— קומט אהער, קינדער, וועל איך אייך בענטשען! — האָט ער יום־טוב׳דיג־ברייט אריינגערופען די יתומים צו זיך אין זיין ענגען פינסטערען חדר׳על מיט די פּעלצען, ארויפגעלעגט אויף יעדען פון זיי ביידע הענט מיט די ברייטע ארבעל פון זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, צוגעמאַכט די אויגען, פּארריסען דעם קאָפּ ארויף און געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט עפּיס שטילערהייט, און שטארק געזיפצט און געקרעכצט. און אַז ער האָט אָפּגעזאָגט, האָבען די יתומים איהם אַ קוק געגעבען אין פּנים, האָבען זיי דערזעהען זיינע אויגען לויכטען, נאָר זיי זענען רויט, די ברעמען נאַס, און די וואָנסעס נאַס, און די באָרד נאַס — נאַס פון טרערען.

43

סוכות

א בשותפות'דיגע סוכה. — דער זיידע דאַווענט, און די קינדער ווילען עסען. — שמחת־תורה איז דער זיידע זיך משמח מיט דער שכינה.

דאָס ערשטע פלעקעל פון דעם זיידען משה־יאָסי'ס סוכּה איז אריינגעשלאָגען געוואָרען, פארשטעהט זיך, מוצאי יום־כּפּור, תיכּף נאָכ'ן אָפּפאַסטען זיך. געבויעט האָט די סוכּה דער פעטער איצי, און די יתומים האָבען איהם אונטערגעהאָלפען. נאָר געקאָמאַנדעוועט האָט דער זיידע, געגעבען עצות, ווי איין אויבעראַרכיטעקטאָר: „דאָס אהער!" „דאָס אהין!" „דאָס וועט אריין!" „דאָס וועט ניט געהן!" נאָך מעהר קונץ — וואָס דער זיידע מיט'ן פעטער רעדען ניט צווישען זיך קיין וואָרט. ברוגז. די באָבע האָט דער־פון יסורים: א בן־יחיד, דער איינציגער קדיש איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און רעדט ניט מיט'ן טאַטען — וואו האָט מען געהערט אזא רציחה?...

אין דער בשותפות'דיגער סוכּה זענען געשטאַנען גרייט צוויי טישען, פאַר'ן זיידען באַזונדער און פאַר'ן פעטער באַזונדער. אויף יעדען טיש איז געווען צוגעגרייט באַזונדער וויין אויף קידוש, באַזונדערע חלה, באַזונדערע לייכטער מיט ליכט. די מוהמע סאָסי האָט זיך געבענטשט ליכט ביי איהר טיש, און די באָבע גיטעל האָט מען ארויסגעטראָגען מיט'ן בעטעל, זי זאָל בענטשען ליכט ביי איהר טיש. דערנאָך איז געקומען צו געהן דער פעטער איצי

פון קלויז און געמוזט ווארטען ביז דער זיידע וועט אמאל דער־מאנען זיך קומען און מאכען דעם ערשטען קידוש. מע קאן דאך נים זיין אזוי גראב קעגען א טאטען — כבוד־אב! אלע ווײלע איז דער פעטער איצי ארויסגעגאנגען פון שטוב און אריינגעקוקט אין סוכה אריין, און אלע מאל מיט איין אנדער אויסרעד: „ניטא נאך?"... „הײנטיגס יאהר שפעטער ווי אלע יאהר ביי די חסידים!"... „הם... אט באלד געהען־אוים די ליכט און מע וועט דארפען עסען אין דער פינסטער"... אויפ׳ן פעטער איצי האבען די קינדער דערלעבט א נקמה: א הארטער איד, אהן א נשמה — לאז ער אויך וויסען, וואס הייסט זיין הונגעריג!...

נאר אט איז געקומען דער זיידע מיט׳ן טיזליק, אפגעגעבען דעם ברייטען גוט־יום־טוב, ארויסגעקריגען רב יעקב עמדינ׳ס סידור, א קורצער סידור, נאר א גראבער, א געפאקטער, און אוועקגעזעצט זיך זאגען די אושפיזין, און האט געזאגט און געזאגט, און געזאגט און געזאגט... און פון קיך האבען, ווי אויף צו־להכעים, זיך געלאזט הערען די פיש מיט זייער געפעפערטען געפילעכטס, און די פרישע צוגעברוינטע חלות האבען זיך געריי צט: „אונז אז איהר׳ט איינ־טונקען אין דער הייסער פיש־יויך, וועט איהר פיהלען דעם אמת׳ען טעם גן־עדן"... און דער זיידע, משה־יאסי דעם האמארניק׳ס, טהוט זיך זיינס: ער זאגט! די ליכט אין סוכה לעשען זיך — און ער זאגט! די קינדער חלש׳ען עסען, געהען־אוים שלאפען — און ער זאגט! מיט א מאל האט דער זיידע זיך געגעבען א חאפ־אויף, צוגעלאפען צום טיש און געגעבען א לעג־אוועק דעם יום־טוב׳דיגען קידוש, איז געוואָרען א ליכט אין די אויגען. נאך איהם — דער פעטער איצי ביי זיין טיש. נאכ׳ן פעטער איצין — חיה־אסתר׳ס יתומים, איינציגווייז, און די באבע ניטעל בעת מעשה האט געלאזט א טרער — הקיצור, עס האט נאך לאנג גענומען, ביז מע האט דערלעבט איינטונקען די המוציא אין האניג און דערזעהען זיך מיט׳ן שטיקעל פיש און דערפיהלען דעם פעפער אויפ׳ן שפיץ צונג...

דאָס איז געווען די ערשטע טעג סוכּות. די אַנדערע טעג סוכּות איז געווען נאָך ערגער. אַזוי אַז שמחת־תּורה אויף דער נאַכט האָט שוין דער פעטער איצי נישט געקאָנט אויסהאַלטען. ער האָט אַריינגערופען די פּערעיאַסלאַווער יתומים צו זיך און האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, איהר ווילט זעהען אַ שענע זאַך? טאָ געהט זיך דורך אין קלויז אַריין, וועט איהר עפּיס אַנקוקען...

לאַנג בעטען האָט מען זיי ניט באַדאַרפט. מע האָט זיך גענומען פאַר די הענט און מע איז אַוועק. אין גאַס איז געווען חושך־פינסטער. אַלע אידען זענען געזעסען אין די הייזער און געגעסען. אַלע שוהלען זענען שוין געווען געשלאָסען און שטאָק־פינסטער. נאָר אין דער אַלטער קלויז האָט זיך נאָך געלייכט. שטיל האָבען חברה אויפגעעפענט אַ שטיקעל טיר, אַריינגעקוקט און דערזעהען אַזעלכעס, וואָס זיי האָבען נישט געגלויבט זייערע אויגען. אין דער גאַנצער קלויז איז געווען מעהר ניט ווי איין מענטש — דער זיידע משה־יאָסי, אין אַ טלית, מיט רב יעקב עמדינ'ס סידור אין איין האַנט און מיט אַ ספר־תּורה אין דער אַנדערער האַנט. צונעטוליעט די ספר־תּורה צום האַרצען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום באַלעמער מיט פאַוואַלידינע טריט, געזאָגט אויף אַ קול, ווי אַ חזן, די הקפות: „עוזר דלים, הושיעה־נא!"...

אויף די קינדער איז אַנגעפאַלען אַ פּחד מיט אַ געלעכטער אינאיינעם, און זיי האָבען זיך גענומען ביי די הענט און זיך געלאָזט לויפען אין איין אָטעם צוריק אַהיים.

— נו? וואָס'ט איהר געזעהען? איאַ, אַ שענס?...

מיט די ווערטער האָט זיי באַגעגענט דער פעטער איצי, און בעת מעשה האָט ער געלאַכט, נאָר די אויגען האָבען געטרערט. און די קינדער האָבען געוואָרפען איין אומחן. ניט אויפ'ן זיידען — ניין, נאָר אויפ'ן פעטער איצי.

דערפאר אָבער האָט זיך אויף מאָרגען, שמחת־תּורה, די דעקאָראַציע אינגאַנצען איבערגעביטען. דעם זיידען משה־יאָסי איז געווען נים צו דערקענען. די קינדער געדענקען נאָך פון דער אַלטער היים, פון וואָראָנקאָ, וואָס פאַר א שמחה ס'איז געווען, אַז ס'איז געקומען שמחת־תּורה. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען שכּור־לוט. פונ'ם רב ביז'ן פריסטאַוו, להבדיל, האָבען אַלע גע־טרונקען בראָנפען, געהוליעט, געטאַנצט און געמאַכט אַזעלכע אָנשטעלען, וואָס מע האָט באַדאַרפט שטאַרבען פאַר געלעכטער.

אויך אינ'ם האַלב־גויישען פערעיאַסלאַוו איז שמחת־תּורה געווען שמחת־תּורה'דיג. אפילו אַזאַ איד, ווי דער פעטער פיני, איז געווען שכּור־לוט און געטאַנצט א קאָזאַק. מע האָט באַדאַרפט געהן אויף חידושים קוקען, ווי א איד א חסיד מיט א לאַנגען טלית־קטן טאַנצט א קאָזאַק! פון דאָדי כּהנאָווען שמועסט מען נים. דאָדי, אַז ער האָט זיך אָנגע'שכּור'ט, האָט ער געזידעלט די גוטע פריינט, אויסגעוואָרפען זיי וואָס אין דער קאָרט, כּלומרשט אין נוטען מוטה, קושענדיג. מע האָט זיך ארייגגעריסען צו יענעם אין שטוב מיט א גוט־יום־טוב, ארויסגעשלעפּט פון אויווען וואָס ס'איז געווען, פון קעלער ארויסגעטראָגען די זויערע אוגערקעס, און בראָנפען האָט זיך געגאָסען אַזוי ווי וואַסער. נאָר וואָס פאַר א ווערטה האָבען יענע אַלע שמחת־תּורהס געהאַט אקעגען דעם שמחת־תּורה, וואָס די פערעיאַסלאַווער יתומים האָבען בייגעוואוינט דאָ, אין דער אידישער שטאָדט באָהסלאַוו? די הייזער, די גאַסען, די שטיינער פון די גאַסען — אַלץ, אַלץ האָט געזונגען, געפּליעסקעט, געטאַנצט און געפרעהט זיך. נישט נאָר עלטערע אידען — יונגלעך זענען געווען שכּור, געוואַלגערט זיך פון די פיס. מע דאַרף נישט מעהר ווי דער פעטער איצי, א איד א שטילער, א ווילדער בעל־מרה־שחורה, — איז ער אויך געווען בגילופין, פאַרלעגט די פאות אויף יענער זייט אויהערען, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געגאַנגען א דייטש! נאָר דאָס אַלץ איז געווען א גאָרנישט אקעגען דעם, וואָס עס האָט ארויסגעוויזען אין יענעם טאָג דער זיידע משה־יאָסי.

אויסגעטרונקען האָט ער בסך־הכּל איין גלעזעל בראָנפען מיט א האַלב גלעזעל וויין. נאָר שכּור איז ער געווען, ווי אַבציג שכּורים מיט א מאָל קאָנען אזוי ניט זיין שכּור, און ארויסבאַווייזען אַזעלכע גבורות, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איהם געקלונגען:

— וואָס זאָגט איהר צו משה־יאָסי דעם האַמאַרניק'ס!

— נעהמט, וועט איהר זעהען, וואָס משה־יאָסי דעם האַמאַרניק'ס טהוט!

און משה־יאָסי דעם האַמאַרניק'ס האָט נישט געטהאָן גאָר־נישט. ער איז נאָר ארומגעגאַנגען אין די גאַסען און געטאַנצט. און נאָך ווי אַזוי געטאַנצט! געטאַנצט און געשפּרונגען, גע־פּליעסקעט און געזונגען. און נישט אַליין האָט ער געטאַנצט, נאָר אינצווייען — מיט דער „שכינה", מיט הקדוש־ברוך־הוא... צענומען א פּעטשיילע און געהאַלטען ביי איין עק — ביי'ם אַנדערען עק האָט באַדאַרפט האַלטען די „שכינה" — און געדרעהט זיך, ווי מע דרעהט זיך מיט א כּלה, געמאַכט פאַרשיידענע טריט: אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אַהין און צוריק, און ווידער רעכטס און לינקס, און אַזוי כּסדר, דעם קאָפּ פאַרריסען ארויף, די אויגען געהאַלטען צו, אויפ'ן פּנים אויסגעגאָסען א גליקליך שמייכעל, צוגעקנאַקט זיך מיט די פינגער, געהעפּעט און געזונגען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת־תּורה —
לאַמטעדרידאָם, היי ־ דאַ!
שישו ושמחו בשמחת־תּורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם ־ דאָם ־ דאָם!
היי ־ דאַ, דרי ־ דאַ ־ דאַ!
תּורת משה, האַ!...

וואָס ווייטער איז דער עולם געוואָרען אַלץ גרעסער און ענגער. וויפיעל יונגלעך ס'איז געווען אין שטאָדט זענען זיי ארוים אויף דער גאַס מקבּל־פּנים זיין משה־יאָסי דעם האַמאַרניק'ס, זעהען, ווי ער טאַנצט און דרעהט זיך, זינגט און פּליעסקעט. יונגלעך שקצים

האָבען איהם געמאכט אַ הוררא, געהאָלפען איהם זינגען זיין שמחת־תורה׳דיגען ניגון, און די פּנים׳ער פון זיינע פערעיאַסלאַווער אייניקלעך האָבען געפלאַמט פאַר בושה. און ער, דער זיידע משה־יאָסי, זאָל דאָס אויף עמיצען אפילו אַ קוק טהון! ער טהוט זיך זיינס: ער געהט מיט זיין געליעבטער שכינה אַ פריילינכם. איין עק פעטשיילע האַלט ער, דעם אנדערען האַלט הקדוש־ברוך־הוא, און ער שמייכעלט און קנאַקט מיט די פינגער, טאַנצט און העפּעט און זינגט שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת־תורה —
לאָמטעדרידאָם, היי־דאַ!
שישו ושמחו בשמחת־תורה —
לאָמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־דאַ, דרי־דאַ־דאַ —
תורת משה, האַ!...

44

אויס יום־טוב — צוריק אַהיים

אינטריגעס און פּליאַטקעס צווישן דער משפּחה. — די קינדער ווערן אויס מיוחסים אין באַהסלאַוו. — עס ציהט זיי צוריק אַהיים.

שוער אויף'ן הארצען, אומעטיג אויף דער נשמה און שטאַרק־שטאַרק וואַכעדיג איז געוואָרען די קינדער אויף מאָרגען נאָך יום־טוב, אז מע האָט גענומען צעוואַלגערען די סוכּה. אָהן אַ טראָפּען רחמנות האָט דער פעטער איצי (אַ מענטש אָהן אַ הארץ!) קודם־כּל ארומגעריסען די ווענט, אראָפּגעריסען דעם סכך, צענומען די ברעטער, מיט איין אומגעהייערער רציחה ארויסגעשלעפּט די צוויעקעס (וואָס האָט ער געהאַט צו די צוויעקעס?). נאָר די פיער סטויפּעס האָט ער געלאָזט שטעהן — און דאָס איז געווען אַ סך ערגער, וואָרום די פיער הוילע סטויפּעס האָבען געזאָגט עדות אויף'ן חורבן, געקלאָגט און באַקלאָגט זיך: „זעהט, אידישע קינדער, וואָס פון אַ אידישער סוכּה קאָן ווערען!"... די אידען, וואָס ערשט נעכטען זענען זיי געווען שכּור־לוט, געטאַנצט און געפּליעסקעט און געמאַכט זיך נאַריש ווי קינדער, זענען מיט אַ מאָל געוואָרען אַלע ניכטער, סטאַטעטשנע און כּמעט זיך געשעמט קוקען איינס דאָס אנדערע אין די אויגען אריין. אַ מאָדנער אומעט האָט ארומגענומען די שטאָדט, אַ זעלטענע מרה־שחורה האָט זיך אָנגע־רוקט אויף באַהסלאַוו. און אומעטיגער און טרויעריגער פון אַלע זענען געוואָרען די קינדער, די פּערעיאַסלאַווער יתומים. וואָרום

כּל־זמן די קינדער זענען נאָך געווען געסט, האָבּען זיי זיך געפּיהלט ניט שלעכט אין דעם בּאָהסלאַוו, נאָר וואָס ווייטער האָבּען זיי אָנגעהויבּען אַלץ מעהר געוואוירע ווערען, אַז זיי זענען דאָ איבּעריג. דער זיידע משה־יאָסי איז זיך געזעסען בּיחידות אין טלית און תפילין אויף די פּעלצען, אָדער געדאַווענט, אָדער געלערענט, אָדער געבּאָמקעט, צוגעקנאַקט מיט׳ן פינגער, אָדער געזיפצט און שטילער־הייט גערעדט מיט גאָט, אָדער דערצעהלט פאַר די קינדער זיינע שענע מעשיות פון אמאָל, אָדער געזאָגט מוסר, פאַר וואָס זיי זענען ניט פרום, ווילען נישט גאָט דיענען, פאַרלענגערען דערמיט דעם קץ, דורך זיי קומט ניט משיח און דורך זיי ליידען נעבּאַך אידען אין גיהנם און טויזענטער־טויזענטער נשמות קאָנען ניט געלייטערט ווערען... דאָס אַלסדינג האָבּען די קינדער שוין געהערט וויפיעל מאָל אין חדר פון זייער רבּין, אין דער היים פון דער בּאָבּע מינדי און פון גלאַט אידען, וואָס האָבּען ליעבּ זאָגען מוסר און סטראַשען מיט׳ן גיהנם, און דאָס אַלסדינג האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסען. זיי איז געווען אַ סך מעהר אינטערעסאַנט צו זעהען די פּאָליטיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט דאָ בּיי זייער זיידען משה־יאָסי מיט דער בּאָבּע גיטעל אין שטוב.

טאָג ווי נאַכט זענען דאָרטען געווען אינטריגעס מיט סודות, מיט שושקערייען מיט רכילות׳ען. דער פעטער איצי מיט דער מוהמע סאָסי האָבּען געהאַלטען אין איין קלאָגען זיך אויף דער בּאָבּע גיטעל, אַז ס׳איז שווער בּיי איהר אַ גראָשען ארויסצובּאַקומען פון אונטער די קישענס, און אויף׳ן זיידען, אַז ער איז שוין צו פרום, אַזוי פרום, אַז ער איז שוין עובר־בּטל... „שוין צו אַלט" — האָבּען זיי גע׳טענה׳ט שטילערהייט, מאָדנע דערבּיי געשמייכעלט און צונויפגענומען די ליפּען... און די בּאָבּע גיטעל האָט זיך בּאַקלאָגט אויף איהר שנור און אויף איהר בּן־יחיד, אַז זיי געבּען איהר ניט אָפּ קיין כּבוד, ווי אַ מאַמען, און אַז זיי קוקען שוין ארויס — זי ווייסט עס גאַנץ גוט, — זי זאָל צומאַכען מיט איין אויג; אויף דער ירושה, אויף דער ירושה קוקען זיי ארויס!...

זיי אויף צו-להכעיס, וועט זי אָבער נאָך לעבען און לעבען, האָטש דער טוידט איז איהר טויזענט מאָל מעהר ניחא, וואָרום וואָס טויג איהר דאָס לעבען, משטיינס געזאָגט, אַ קאַליקע, באַגראָבען אַזאַ טאָכטער, אַזאַ חיה-אסתר, אַ מאַמע פון אַזוי פיעל קינדער, ווינד איז איהר און וועה!... מיט די אויסגעדרעהטע עלענבויגענס קוועטשט זי ארויס אַ טרער פון איהרע קאַלי אויגען, רופט-צו די קינדער, שאַרט מיט די אויסגעדרעהטע הענט אונטער די קישענס, נעמט-ארויס און שענקט זיי איטליכען באַזונדער אַ פאָר גראָשענס. דערזעהט דאָס די קליינע חוה-ליבע מיט די רויטע בעקלעך און מיט די קליינע ליפּעלעך און טראָגט עס אָפּ באַלד צו דער מוהמע סאָסי. און די מוהמע סאָסי גיט עס באַלד איבער דעם פעטער איציו, און ביידע שושקען זיי זיך, אַז פאַר איהרע איינגענע קינדער זשאַלעוועט מען אַ קאָפּיקע, און די פרעמדע קינדער צעטיילט מען מאַיאָנטקעס גאַנצע!... און די קינדער הערען דאָס, און עס געהט זיי ניט איין. עס שלאָגט זיי צו דער גאַל.

וואָס ווייטער אַלץ ערגער. די קינדער פיהלען, אַז זיי זענען דאָ איבעריג. זיי זעהען, ווי מע קוקט אויף זיי בעת זיי עסען, זיי הערען הינטער די פּלייצעס, אַז מע רעדט פון זייערע „אַפּעטיטלעך". עס שטעלט זיך זיי שוין דער ביסען אין האַלז. עס איז זיי שוין דאָרט אַלסדינג נמאס און טריפה. זיי קוקען שוין ארויס אויף אַ בריוועל פון׳ם טאַטען, ווי אויף משיח׳ן, — ווען וועלען זיי שוין פאָהרען אהיים?...

דער גוטער גאָט האָט זיי געהאָלפען, דאָס גוטע בריוועל איז שוין דאָ: דורך אַ פּערעיאַסלאַווער בעל-עגלה אָנגעקומען מיט אַ צושריפט, אַז מיט׳ן דאָזיגען בעל-עגלה טאַקי — ער הייסט נח — זאָלען די קינדער זיך אויפזעצען און פאָהרען אהיים. לאָזט זיך אויס, אַז דער בעל-עגלה איז טאַקי אַ בעל-עגלה מיט אַ בויד און מיט סוסים, ווי עס געהער צו זיין, און הייסען הייסט ער טאַקי נח, האָטש ער אַליין זאָגט אויף זיך, אַז ער הייסט רב נח; האָט ער אָבער אַ חסרון — ער איז אַ הייזעריגער און האָט אַ פּליך.

וואָלט דאָס אויך ניט אויסגעמאַכט. הייזעריג איז ער, זאָגט ער, געוואָרען פון שמחת־תּורה. הײנטיגען שמחת־תּורה האָט ער גע־טרונקען בראָנפּען. דאָס הייסט, בראָנפען טרינקט ער אַלע מאָל. נאָר צוליעב שמחת־תּורה האָט ער געמאַכט גאָר־גאָר אַ היבשע כּוסה! אַ סברה, אַז מע האָט איהם געמינטערט... און דאָס, וואָס ער האָט אַ פליך אויפ'ן קאָפּ, איז איבער דעם, וואָס קינדווייז פלעגט ער זיך ניט לאָזען ניט צוואָגען, ניט קעמען. געווען איין עקשן. האָט מען איהם מיט גוואַלד געמוזט רייסען די האָר איינציג־ווייז. נאָר די אַלע זאַכען, זאָג איך נאָך אַ מאָל, האָבען זיך מיט דער נסיעה גאָרניט אָנגעקעהרט. געשאָדט האָט צו דער נסיעה איין אַנדער זאַך: האָטש נח איז געשיקט געוואָרען פון פּערע־יאַסלאַוו קיין באָהסלאַוו ספּעציעל, ער זאָל ברענגען צו פיהרען פון דאָרטען נחום ראַבינאָוויטש'עס קינדער, פון דעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט ביישטעהן דעם נסיון — טאָמער וועט איהם גאָט צושיקען אויף צוריקוועגס האָטש אַ פּאָר פאַרשווינדלעך, וועט דאָס זיין ווי געפונען. האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין מאַרק מיט דער בייטש אַ טאָג און צוויי און דריי, די פערדלעך האָבען גע־חראָמקעט דעם האָבער — און פאַרשווינדלעך ניט אַ לעק! די קינדער איז דאָס וואַרטען געווען על אַפּם ועל חמתם! און אָט זאָגט מען זיי אָן די גוטע בשורה — זיי פאָהרען! אַ סימן: נח האָט שוין אפילו אַרויסגעקאַטשעט דעם וואָגען און שמירט שוין די רעדער. „איצט מעגען שוין קומען כּל מלכי מזרח ומערב — פאַרפאַלען! איצט מעג מען איהם אָנשיטען אָט אָ די בויד מיט גאָלד, ער זאָל בלייבען איין איבעריגע שעה אין באָהסלאַוו, מעג די שטאָדט פאַרברענט ווערען, אָדער איינגעזונקען ווערען! אַז איהר קענט ניט רב נח'ן!"... די קינדער האָפּען זיך אַריין אין שטוב אַריין. זיי קלויבען זיך אין וועג אַריין, געזעגענען זיך אָפּ מיט די באָהסלאַווער חברים, מיט דער אַלטער קלויז און מיט'ן געלען קלייזעל און מיט'ן „ראָם" און מיט'ן זיידען און מיט דער באָבען. דער זיידע משה־יאָסי בעת מעשה זאָגט זיי מוסר, פאַר־

שטעהט זיך, און הייסט זיי זיין עהרליכע אידען, און די באבע גיטעל ווישט די אויגען מיט איהרע אויסגעדרעהטע הענט. נאר פונ'ם פעטער איצי מיט דער מוהמע סאסי הערען זיי א קאלטען „פאהרט־געזונט". די צוויי וואלטען דוקא געוועז צופריעדען, וואס די „פרעמדע קינדער" פאהרען אוועק, איז זיי פארשטעהרט געווען די שמחה, וואס ניט אלע פאהרען זיי אוועק. עס פאהרען נאר די יונגלעך. די צוויי מיידלעך זענען געבליבען אין באהסלאוו. וואס איז די מעשה? א פראסטע מעשה. די באבע גיטעל האט געזאגט: זי וועט זיי ניט לאזען. זי וויל ניט, איהר חיה־אסתר'ס קינדער זאלען ארייננפאלען צו א שטיפמאמע.

טענה'ט דער פעטער איצי מיט א שמייכעלע, גלעט זיך די פאות און קוקט אויף די קישענס, וואו עס ליגט דער באבע'ס פארמעגען:

— נו, און אז די יונגלעך פאלען־ארייז צו א שטיפמאמע, איז גוט? חע־חע!

— וואס גלייכסט דו יונגלעך צו מיידלעך? וואס הארכט א יונגעל א שטיפמאמען? א יונגעל געהט־אוועק אויף א גאנצען טאג אין חדר אריין. און א מיידעל וואס? א מיידעל בלייבט אין דער היים ניאנטשען דער שטיפמאמע'ס קינדער...

דער פעטער איצי איז מיט דעם נאך אלץ ניט באפריעדיגט. ער גלעט זיך די פאות, קוקט אויף די קישענס און שמייכעלט און רעדט טיעף דיפלאמאטיש, קוים וואס מע שטויסט זיך:

— און ווי וואלט געווען, למשל, ווען אלע קינדער זאלען זיין מיידלעך? חע־חע!

— וואלט איך אלע מיידלעך — ענטפערט איהם די באבע — געלאזט ביי זיך.

דער פעטער איצי רעדט ווייטער, נאר אהן א שמייכעלע, און אלץ פארשטעלט:

— וואו וואלסט דו גענומען געלט, למשל, אויף אויסצוהאלטען אזוי פיעל מיידלעך? (שוין אהן א חע־חע).

— גאָט וואָלט מיר געהאָלפען. — ענטפערט די באָבע רוהיג. — אָט האָט דאָך מיר גאָט געהאָלפען אויסהאָדעווען אַזאַ קדיש ווי דו, וואָס קוקט־אַרוים אויף מיין ירושה, האָט מורא, ס׳וועט איהם ניט קלעקען...

— איצי! — רופט איהם די מוהמע סאָסי פון איהר חדר׳על. — איצי! קום אַהער, איך דאַרף דיר עפּים זאָגען!...

די קינדער קוועלען־אָן פון דער באָבע גיטעל, וואָס זי האָט אַזוי קונציג אָפּגעשניטען דעם פעטער איצין, און זענען זיך מחיה, וואָס זיי פאָהרען שוין צוריק אַהיים.

אַ ביסעל איז זיי נאָר אַריין אין נאָז דאָס וואָרט „שטיפ־מאַמע", וואָס זיי האָבען דאָ דערהערט צום ערשטען מאָל. זיי ווילען, הייסט עס, האָבען אַ שטיפמאַמע? וואָס איז דאָס אַזעלכעס „שטיפמאַמע"? און מיט וואָס איז אַ שטיפמאַמע אַזוי ביטער, וואָס די באָבע גיטעל האָט שוין באַצייטענס אויף זיי רחמנות?...

ס׳איז כדאי, כלעבען, אָנצוקוקען די שטיפמאַמע. ס׳איז כדאי שוין צו פאָהרען אַהיים.

אַהיים! אַהיים! אַהיים!